STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04195

DER VAYSER BER

Aaron Meisel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מייזעל

דער ווייסער בער

— און —

אנדערע דערציילונגען

ניו יארק
פארלאג „פרייהייט"
1927

Copyright, 1927
by
FREIHEIT PUBLISHING CO.

All rights reserved.
Published, January, 1927.

Astoria Press, 61 East Fourth St.

490

A 1275

אינהאלט

זייט

1. דער ווייסער בער — — — — — — — — — — — 5
2. א קללה דער שטאט — — — — — — — — — 11
3. פרוכט — — — — — — — — — — — — 27
4. טאנטע בערטע'ס אויפשטאנד — — — — — — 39
5. קאצניאמער — — — — — — — — — — — 53
6. דאס וואקסענע מיידל — — — — — — — 67
7. לעבן — — — — — — — — — — — — 79
8. אין די שיף־גערערים — — — — — — — 93
9. צוויי הערצער (א מעשה'לע) — — — — — 101
10. איינער — — — — — — — — — — — — 107
11. אויפ'ן הייליקן ארט — — — — — — — 115
12. צום ווידערזעז זיך — — — — — — — — 125
13. א שטאטיקער וועוורעק — — — — — — — 133
14. צוריק אהיים — — — — — — — — — — 143
15. רו — — — — — — — — — — — — — 153
16. אין שטאט פארטאג — — — — — — — — 161
17. שטאט־חיות — — — — — — — — — — 167
18. דער דערפינדער — — — — — — — — — 183

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No. . . .
COOPERATIVE ASSOCIATION

דער ווייסער בער

אומעטיק איז דעם ווייסן בער געוואָרן אין זיין קאַלטער אייז־מלוכה.

יאָרן נאָכאַנאַנד איז דער געצייענדלטער אייז־פעלז זיין היים געווען. דאָרטן פלעגט ער שטענדיק זיצן, דער פוכיקער עק אונ־טערגעבויגן, און זיין פאַרשלאָפן אויג פלעגט זיך זשמורען פון דער בלענדנדער ווייסקייט אַרום און אַרום: ווייסע פעלדער, אַ ווייסער האָריזאָנט־פאַס, ווייסע פאַרגליווערטע ים'ען, וואוהין נאָר דאָס אויג טוט זיך אַ וואָרף. און אין מיטן דער שנייאיקער וועלט, שליידערט זיך העזה'דיק־הויך צום הימל זיין געשפּיצטער ציינדלדיקער אייז־פעלז. אין די בלענדנדיקע מיטן־טאָג שעה'ן וואַשט ער פון זיך די האָריקע שניי־פליטערלאַך און טוקט זיך אין בלוי־גרינלאַכע שניידנדיקע שטאָל־קאָלירן אַנטקעגן דער פאַר־כוקעטער זון, וואָס אין מיטן הימל.

אין די פאַרנאַכטיקע שעה'ן פלעגן אָפטמאָל וואונדער גע־שען: די זון פאַרנייגנדיק זיך צום מעריב־זייט, פלעגט זיך פּלוצלונג צעפלאַקערן אין אַ צונטערדיקן בלוט־קאָליר. דער שטאַרק־פאַרגרעסערטער עיגול פון דער זון פלעגט זיך פאַנאַנדער־פליצן, ווי אַ געפּלאַצטע פלאַמענדיקע וואונד און אָנצינדן די אַנטקעגנדיקע וואָלקן־שטיקער. די שניי־פעלדער פלעגן זיך צע־שפּיגלען אין דער צעפלאַסענער רויטקייט. די אָנגעשליידערטע שניי־שטיינדלאַך פלעגן זיך צעשיילן און פאַנאַנדערפינקלען זיך מיט אַ ראָזעווען, שפּילנדיקן, פריילאַכן שיין. ביסלאַכווייז אָבער פלעגט זיך די זון אוועקרוקן טיפער אין מעריב־זייט, די פייערן אויסגעלאָשן און אַלץ פלעגט צוריק ווערן ווייס און שטיל, ווי גע־ווען.

דער ווייסער בער בלייבט ליגן און מיט א פארכאפּטן אָטעם הערט ער זיך איין אין דער אומרואיקער שטילקייט פון דער ווייסער וועלט. עס האָט זיך אים גערדאכט, אז די שטילקייט האָט א ווייסן, שנייאיק־בלענדנדיקן קאָליר. זאָל נאָר די ווייסקייט אָפּבליאַקעווען און אַלץ וועט פארטרונקען ווערן אין א ים קלאַנגען און ווילדע אויסגעשרייען, וואָס וועלן אויפציטערן דאָס שניי־לאַנד אַרום און אַרום. צייטנווייז פלעגט א קרעכץ געבן דער פראָסט, א וואַל־פיש פלעגט זיך א פליעשטשע טאָן אין דער אויפגעבורעטער שניי־קאַשע, אן אייז־באַרג פלעגט זיך אראָפּגליטשן פון א שפּיציקן פעלזן־קרוין, אָפּטונקען זיך אין געדיכטן וואַסער, אָפּהילכן מיט א פוסטן פראָסטיקן קרעכץ אויף מיילן אַרום, נאָכדעם פלעגט אַלץ צוריק ווערן שטיל, אַנגעצויגן־סטרונעדיק, ווי קיינמאָל גאָרנישט ניט געווען...

דער בער פלעגט ליגן צונויפגעדרייט אין א קופּע, שלינגען די ווייסע שטילקייט און פלאָנטערן זיך אין די געדאַנקען: ווער האָט אים אַהער, אויף דעם איינגעקאַוועטן אייז־פעלז געבראַכט? וואָס באַדייט די אַרומיקע שטילקייט? וואָס באַדייט זיין אומרו? זאָל ער זיין אומרו אויסשרייען, אָדער זאָל ער עס אינוועניק אין זיך פארשטיקן? אַמאָל פלעגט ער זיך אויפשטעלן אויף די הינטערשטע לאַפּעס, אויסשטרעקן די האַלז און אויסציען א לאַנגן, ווילדן משונה׳דיקן ברום. די קולות ווערן וואָס ווייטער דראָענדיקער און ווילדער. דעם ווייסן בער האָט זיך געוואָלט, אז פון יעדן אייז־פעלז זאָלן זיך דערהערן דיזעלביקע ווײ־אויסגעשרייען, וואָס זאָלן זיך צוזאַמען אויפגיסן, גוואַלדעווען און שטורמען, אויפרייסן און צעברעקלען די ווייסע אומרואיקע שטילקייט פון די פארשנייטע פעלדער, פון דער פאַרגליווערטער, איינגעפרוירענער וועלט...

זיין אומרואיקייט פלעגט איבערהויפּט שטייגן אין די לאַנגצעצויגענע ווינטער־נעכט. דער אויסגעוועלבטער שטערנדיקער הימל איז ווייט און קאַלט. פראָסטיקע שניי־קריסטאַלן ווירבלען זיך אין דער אָפענער לופט און שפּיגלען זיך אָפּ אין דער טוי־

טער בלאַסקייט פון הימל און שניי־פעלד. דער ווייסער בער הערט זיך צו, ווי עס גליווערט אין אים זיין צערייצט בלוט. אים דאַכט זיך, אז ער איז דער קעניג פון דער קאַלטער אייביקייט און זיין געקאָוועטער פעלזן־שטול — דאָס איז די אייביקייט אַליין. דאָס האָט די קאַלטע צעצויגענע צפון־נאכט געגליווערט צייט און באַוועגונג אין אייזיקע שטיקער, צו באַפעסטיקן דעם טראָן פאַר דעם אייביקן הערשער פון דער באַוועגלאָזער ווייסער וועלט..

פלוצלונג פלעגט זיך אָנצינדן אויפ׳ן ראַנד הימל דער בויגן פון דעם בריליאַנטענעם צפון־ליכט. אויפ׳ן נעבל פון גרויע צעראיכערטע וואָלקנס, ווייט נעבן דעם האָריזאָנט־פּאַס, פלעגט זיך אויסשנורעווען די צעבליצטע אוראָרא, און גיסן מיט העלן, לויטערן שיין, איבערגעשווענקט אין א גרין־דורכזיכטיקן קאָליר. דער בויגן פלעגט שפריצן מיט סנאָפּעס פאַרביקע שטראַלן, וואָס פלעגן צעשפריצטע אויסשפרייטן זיך לענג־אויס, ווי ווייכע דינגעוועבטע זייד־פאָדים, אויסגעפלאָכטן אין א פאַלדיקן קאָליר־רייכן פאָרהאַנג. א פאָרהאַנג פון קאַלט־גלאַנציקן ליכט, געטונקט אין בלאַס־געל, דורכגעצויגן מיט דינינקע פיאָלעט־גאָלדענע פרענזלאַך. דער פאָרהאַנג פלעגט זיך טוקן און שפּיגלען אין דער טיפער גרויקייט פון אָרומיקע וואָלקנס.

דאַמאָלסט פלעגט דער ווייסער בער אויפהייבן זיך אין זיין גאַנצער הויך, די פאָדערשטע לאַפּע שטייף צוגעדריקט צום האָריקן בויך, דער קאָפּ אויסגעצויגן, אזש די מוסקולן פלעגן ציטערן און ער פלעגט שלינגען די בריליאַנטענע פייערלאַכקייט פון הימל. אים פלעגט זיך דאַכטן, אז אומזיכטבאַרע הענט ציען איצט פאַנאַנדער די הימלשע פאָרהאַנגען. פון דאָרט וועט זיך באַלד אַנטפלעקן א נייע, נאָך ניט געזעענע וועלט. בונטע שטראַלן וועלן זיך פאַנאַנדערזינגען מיט טענער פון העל־בלויען, רויט־גאָלדענעם און פיאָלעטענעם קאָליר. דער געקאָוועטער אייז־פעלז וועט זיך פאַנאַנדערשאָקלען און מיט א קראַך איינפאַלן. שנייאיקע פעלדער וועלן זייער ווייסן צודעק מיט העזה פאַרוואַרפן. פון אונטן וועט אַרויסשפּראָצן א ניי לעבן. פאַרבן־רייך און רירעוודיק,

פרייִלאַך און שפּילנדיק, פול מיט רויש און באַוועגונג.

דאָס צפון־ליכט פלעגט זיך לאַנגזאַם אויסלעשן. דער ווייַסער בער פלעגט צוריקפאַלן אויפ׳ן שנייאיקן קישן און איינגנורען זיך אין אַ קופּע. ווייטער דאָס ווייסע ליכט, די פאַרגליווערטע אייביקייט, דער אייזיקע טראַן־פּעלז אין מיטן דער פאַרפרוירענער וועלט. ער פלעגט פאַרזשמורען די אייגלאַך, ליגן און טראַכטן: „אַזוי איז געווען, אַזוי וועט זיין, דער פּעלז איז פעסט, דער שניי איז אייביק. דאָס העלע ליכטיקייט איז פאַלש און פאַרפירעריש. באַווייזט זיך און פאַרשווינדט. טוט אַ פינקל, צינדט אָן אומגעלאַכע האָפענונגען און פאַרלעשט זיך, ווי קיינמאָל ניט געווען". ער פלעגט לאַנג אַזוי ליגן, ריען דעם שניי מיט די פאָדערשטע לאַפּעס און לעקן אים מיט זיין אַרויסגעשטעקטער צונג, אַ ווילדע בענקשאַפט פלעגט בריען זיין צעזורדיקט בלוט.

נאָר אָט פלעגט מיט אַ משוגע׳נעם אימפּעט אָנטאַנצן אַ פלוצלומדיקע שניי־זאַווערוכע. דער ווינט פלעגט פון אַלע זייטן אָנשלעפּן שווערע פלאַכטעס וואָלקן און אָנהרודעווען זיי אויפ׳ן הימל. נאָכדעם פלעגט ער זיך, ווי אַ מטורף, פאַנאַנדעריאָגן איבער די פעלדער, און רעווענדיק און פּיצלענדיק שניי־שטויב, אויספייפן די בשורה פון אַ צעהוליעטער שדים־וועלט. דער פוסטער פּראַסטיקער חלל צווישן הימל און פעלד פלעגט זיך אָנפילן מיט אַ געדיכטער פינסטערער גרויקייט, דורך וועלכער עס פלעגן זיך זיפּן שטיק נאָך שטיק פלאַטשיקע שניי־בלעטלאַך. לאַנגזאַם פלעגן זיי שווימען דורך גליטשיקע לופט־דערן, טויטע, שווערע, אָן־ווילנדיקע, ביז דער ווינט פלעגט זיי אונטערכאַפּן, אויסדרייען, אויסווירבלען און מיט אַ סויסטשעריי און געלעכטער אַוועקלייגן אויפ׳ן ווייסן פעלד.

די ווייסע שטיקער שניי שיטן זיך אָן אָן אויפהער. דער ווייסער בער פלעגט זיך איינגראָבן אין זיין פוטערנעם פעל, אָנשטרענגען די צעפלאַמטע, שניי־פאַרבלענדטע אויגן און קוקן עקשנות׳דיק, מיט אַ ווילדן יאוש אויף אַלע זייטן אַרום: די שניי־

הורבעס וואקסן העכער און העכער, עס הייבט זיך א ווייסע פארפרוירענע וואנט, וואס וועט באלד דערלאנגען ארויף צום פארכמורעטן הימל. און דער ווינט הודזשעט אזוי פארשייט און כליאפעט מיט שניי־הויפנס אויף אלע זייטן, ווייל ער איז דער איינציקער פרייער אין דעם אייביק־פארקאווטען אייז־לאנד. ער קומט און גייט אוועק. ווייטער איז אלץ אייביק, ווייס און אייביק. א ווילדע אימה באפאלט דעם ווייסן בער. זיין בלוט ווערט צעזאדן פון איין גלוטיקן פארלאנג, דורכצורייסן זיך, אנטלויפן וואס גיכער פון דאנען. דורכ'ן בלענדנדיקן שניי־שטורעם, דורך הורבעס און פארוויטע וועגן, ווייטער פון זיין איינזאמקייט, פון דעם בלאסן אומעט, פון דער טויטער שטילקייט, פון דער פארגליווערטער אייז־מלוכה, אין אן אנדער וועלט.

און איינמאל, אין אזא שטורמדיקער בהלה־נאכט, האט דער ווייסער בער ניט אויסגעהאלטן: ער איז האסטיק אראפגעשפרונגען פון זיין איינזאמען פעלז און געלאזט זיך לויפן, פלוצלונג געיאגט פון שרעק און ווייטיק אין דער ווייטער וועלט אריין...

אַ קללה דער שטאָט

געאַרבעט האָב איך דאַמאָלסט פאַר אַ וואוילטעטיקער געזעלשאַפט. די גרעסטע „טשאַריטי אינסטיטושאָן" אין דער גרעסטער שטאָט פון דער וועלט. אַ שטעלע האָב איך געהאַט אַ וואוילע, אַ לייכטע, בכבוד'יקע: האָרעווע זיך ניט שטאַרק אויבער און נעם געלט. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן...

אַ חוץ נעמען געלט, האָב איך אויך געהאַט „פּליכטן", אַרבעטס־פּליכטן. אונזער אינסטיטוציע, ווי אַלע שטאָטיקע אינסטיטוציעס, איז געווען געבויט אין דער פאָרמע פון אַ לייטער: אויף די אייבערשטע שטאַפּלען שטייען העכערע, נאָכדעם מיטעלע, נאָכדעם נידעריקע און גאָר נידעריקע. פון אונז, דעם לעצט־שטאַפּלדיקן עולם, האָט מען געפאָדערט פּינקטלאַכקייט, דעם העכסטן גראַד פּינקטלאַכקייט: קום פּינקטלאַך צו דער אַרבעט צען אַזייגער אינדערפרי, זיי פּינקטלאַך אין דיין קליידונג, אין דיין אויסזען, אין דעם אופן פון פאַרקאַמען די האָר, ווייל דורך דעם שאַצט מען אָפּ די ווערדע פון דיין אייגענער „ברויט־געבערישער" אינסטיטוציע; פיר אויס אַלץ, וואָס מען הייסט דיר, און קיין איבעריקע שאלות ניט פרעג.

איך האָב פאַרנומען די שטעלע פון אַן „אינוועסטיגייטאָר". אַן אַרבעט אַ וויכטיקע און זייער אַ דעליקאַטע: דער שטאָטיקער האָלעדראַנעץ קומט אַלע ווײַלע צולויפן אין זיין וואוילטעטיקער חברה, ווי צו זיך אהיים. ער מאָנט, גיב אים דאָס און יענעס. ער וויל ברויט, קוילן, מעדיצין, אַ בעטל אין שפּיטאָל, אַ ווינקל אין מושב־זקנים און אַמאָל מזומן־געלט אויך. אַלע טענות און תביעות ווערן פאַרשריבן און נומערירט: „פאַל" נומער איינס, נומער צוויי, דריי... דער אויספאָרשער לאָזט זיך נאָכ־

דעם ארויס, ער מוז נאָכשפּירן, אויספּרעגן, דערטאַפּן, אָנשמעקן דאָס אָנגעגעבענע הויז, דורכרעדן זיך מיט די שכנים און ברענ־גען צוריק צוטראָגן זיין באריכט. דער באריכט דאַרף זיין קלאָר, טרוקן, קורצלאַך און צום פּונקט. אונזער אינסטיטוציע, ברור־דערל, פּירט זיך געשעפטמעסיק, אויפ'ן העכסטן גראַד געשעפטס־מעסיק. מיט וואוילינקע, זיסינקע סענטימענטן וועלן מיר צו ווייט ניט דערגיין...

האָט זיך מיר געמאַכט אַזאַ „פאַל״:

איך דאַרף באַזוכן אַ פרוי, וואָס וואוינט ערגעץ אינ'ם גע־דיכטן סמעטניק אין אַן עק שטאָט. מיין אינפאָרמאַציע איז געווען אַ גאַנץ מאָגערע. איר נאָמען איז דאָבע ראָדע. אַ נאָ־מען, צום טייוול! וואָס פאַר אַן אַנטיקן ס'קענען זיך נאָך פאַר־וואַלגערן אין אונזער שטאָט. דער מאַן האָט זי פאַרלאָזן און איז פאַרשוואונדן. זי קען ניט אַוועקגיין אַרבעטן, ווייל זי האָט אַ קינד אויף די הענט און זי בעט פון אונז שטיצע, „סופּאָרט״.

קוים מיט צרות דערטאַפּט דאָס אָנגעגעבענע הויז. איך קלעטער אויף די טרעפּ און ס'שטיקט מיר אין האַלז אַ געמישטער געטראַנק פון כל'ערליי ריחות: געזייערטע איטאַליענישע לאָקשן, צעגעלעגענע אייער, געטריקנטע טאַראַקאַנעס, שימל און פּוסט־קייט פון אַ פאַרשטיקטער לאָך. פינסטער. איך צינד אָן אַ שוועבעלע נאָך אַ שוועבעלע. ווי עס איז געפונען די טיר.

— וואוינט דאָ דאָבע ראָדע?

מיר אַנטקעגן קומט אַרויס אַ פרוי אַ הויכע, אַ ביינערדיקע, אַ פלאַכע, ווי אויסגעפורימט פון איין שטיק האַרטן ברעט. אויפ'ן קאָפּ טראָגט זי אַ פאַטשיילע, די עקן פאַרבונדן אויפ'ן זעלבן אופן, ווי ס'פאַרבינדן קליינשטעטלדיקע אידענעס אין דער אַלטער וועלט. דאָס האַרטע טעמפּע פּנים איז אָנגעכמורעט און הענגט אַראָפּ, ווי ביי אַן אויסגעהאַרעוועטער שקאַפּע פון עפּעס אַ וואַ־סער־פירער, אויך פון דער אַלטער וועלט. די אויגן קוקן אויף מיר מיט מורא און אומצוטרוי און לאַדן מיך איין אין הויז.

— כ'בין געשיקט פון דער „סאָסייעטי“ אויסהערן אייער פאַרלאַנג.

דאָבע ראָדע צעצאַפּלט זיך: „סאָסייעטי“ איז א צויבער־וואָרט. זי שטעלט פאַר מיר אַוועק אַ שטול אין מיטן צימער; איך זעץ זיך אַוועק, בויג אָן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, שפּיל זיך מיט מיין בלייפעדער און הער אויס ערנסט, חשוב'דיק, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ „פאָרשטייער“ פון אונזער גרויסער געזעל־שאַפט, וואָס ס'דערציילט מיר מיט אַ פולער מאָס חניפה און געמאַכטער געפאַלנקייט די דאָזיקע פרוי.

ס'ווייזט זיך ארויס, אַז די פרוי איז שוין אַ יאָר צוואַנ־ציק אין אַמעריקע. זי קומט פון אַ קליין שטעטל, אָדער דערפל האַלאַסטייניק. דעם נאָמען האָט זי עטלאַכע מאָל דערמאָנט מיט אַזאַ ווייכקייט און ווארימקייט, וואָס ס'האָט זיך ניט גע־פּאַסט צו דער האַרט־בּרעטיקער פרוי. דער מאַן איז פון איר אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט זי מיט אַ קליין מיידעלע. זי קען אין ערגעץ ניט אַוועקגיין, ווייל דאָס קינד איז אַ שוואַכס און זי מוז אויף אים אַכטונג געבן. ביידע הונגערן, זיי זיינען הויל און נאַקעט. די „סאָסייעטי“ מוז זי שטיצן, אַז ניט זיינען זיי ביידע פאַרלאָרן.

זי ווישט זיך מיט מגושמ'דיקע קויט־שמוציקע פינגער די אויגן. זי וויינט. אפשר מאַכט זי זיך. אַ מאָדנער געוויין, אַ ברומען. אַזוי דאַרף וויינען אַף אַ שנייאיקן פעלד אַ וואָלף איבער זיינע הונגעריקע וועלפלאַך. קיין רחמנות רופט דער גע־וויין ניט אַרויס. עס ווערט בלויז קאַלט, אומעטיק און שווער־שווער. די טעמפּע אויגן לעבן אויף. זיי צינדן זיך אָן און פאַר־לעשן זיך, טוען אַ ברען און פאַרטיען זיך. פון די שוואַרצאַפּלען שטעכט אַ שנאה'דיקער וועלפישער פינקל.

— ווי אַלט איז דאָס קינד?

— צוועלף יאָר.

כ'בין געניט און ווייס, אַז אין אַזאַ פאַל זאָגט מען דער „סאָסייעטי“ דעם אמת ניט אויס. די מאַמע גנב'עט אַראָפּ

היבשע עטלאכע יאָר. א פערצן, פופצן־יעריק מיידל, וועמען אזא מאמע וויל פון אונטערן פארטוך ניט ארויסלאָזן, איז גענוג לעבערלאך. כ׳פארגעס א ווײַלע מיין „שטעלונג״ און לאָז זיך פאנאנדער.

אין דער מינוט קומט אריין דאָס קינד.

א הויכע מויד, אויך אזא פלאך־ברעטלדיקע ווי די מאמע אירע. אָנגעטאָן איז זי אין פרויען־שמאטעס. נאָר וואָס איז עס פאר א פרוי ? א דינינקע אויסגעטריקנטע פיגור, ווי אן אָפּגעדארט, שטארבנדיק צווייגל. דינע, ריטלדיקע, לאָמע הענט. איין זייט פנים אראָפּגעצויגן ביז צום אויסגעדרייטן אידיאָטיש־שמייכלענדיקן ליפּ. די אויגן זיינען גרויסע, אויפגעריסענע, אָנגעגאָסן מיט צעבורעטער, אומזיניקער ווייסקייט. פון די קרומע בלאסע ליפּן גיסט זיך נאָכאנאנד א סלינע, טריפט אראָפּ אויף דער מאָרדע, וואָס איז אינמיטן מיט א מאָדנעם אויסבייג געשפּאָלטן און איז, ווי רוי פלייש, אינגאנצן רויט.

איך זיץ אויף מיין ריכטער־שטול, שפּיל זיך קונציק מיט מיין בלייפעדער און באקוק קריטיש די „קראסאוויצע״, וועמענס מזל עס האָט מיך אהערצו געבראכט צופירן.

מיין באריכט איז שוין אויסגעשטעלט ; קלאָר, טרוקן, קורץ און צום פונקט: עס איז א „פאל״ פון מענטשלאכער שוואכקייט. אָט די ביינערדיקע שקאפע־אידענע טרייסלט זיך איבער איר טאָכטער, דער אידיאָטקע, ווייל זי פון אויג ניט אָפּלאָזן, און פון אונז זוכט זי דאָס הילף. מיר זיינען אָבער ניט קיין סענטימענטאלע. ערנסטע זיינען מיר, געשעפטסמעסיקע, זייער געשעפטסמעסיקע. הילף ברייגגען איז טאַקע אונזער בארוף. אין דעם „פאל״ מוזן מיר אויך א האנט נעמען : די אלטע דארף זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ אירע נארישקייטן און גיין ארבעטן. יע, עס איז אונזער חוב, מיר מוזן עס אומבאדינגט טאָן.

— הערט זיך איין, דאָבע ראָדע : אייער קינד איז שוין

א דערוואַקסענער מענטש, אַ כלה־מויד. איר קענט זי איבער־לאָזן אין הויז און אַליין ערגעץ אַרבעטן גיין.

די אַלטע ברומט עפּעס אַף איר אונטער־קול. אַ ברום האָט זי אַזאַ מאָדנעם, אַ צופּנדיקן. ער נוצט איר אָנשטאָט ווערטער און זי דריקט מיט אים אויס אַלע שטימונגען פון איר געמיט. דאָס טעכטערל האַלט זיך מיט בלויע ריטלדיקע פינגער פאַר דער מאַמעס קלייד און שטעלט אָן אַף מיר איר אומזיניקן גע־לאַסן־שטעכיקן בליק.

כ'פּרואוו די אַלטע ווידער איינרעדן:

אַנטקעגן אַנדערע זייט איר דאָך אַ גליקלאַכע. קיין עין הרע, אַ געזונטע אַרבעטספעאיקע פרוי. אייער גרויסע פאַמיליע, אומשטיינס געזאָגט. איר קענט אויסאַרבעטן גענוג פאַר דער טאָכטער און פאַר זיך אַליין.

אין אונזער פּראָפעסיע זיינען פאַראַן קונצן צו מאַכן אַן איינדרוק אַפן איינגעשפּאַרטן בעטלערישן עולם. שכל'דיקע אַר־גומענטן זיינען ניט אַלע מאָל גענוג. מען מוז שאַפן אַ „שטי־מונג", אַרויסרופן אַפשיי און שרעק. אַזאַ קונצל באַנוץ איך אויך איצט: כ'פאַרנעם זיך מיט אַ פּאָר פינגער איבער מיין אַראָפּהיינגענדיקן גאָלרענעם קייטעלע, שפּיל זיך מיט די אָנגע־טשעפּעטע וואוילע צאַצקעלאַך און זיי לאָזן אַרויס אַ שטילן איידעלן קלאַנג.

די טאָכטער פאַראינטערעסירט זיך מיטן צאַצקע־שפּיל. זי רוקט זיך צו גאָר נאָענט, שטעכט אַריין אירע אידיאָטישע אויגן, בויגט מאָדנע אויס די אויערן און כאַפּט אויף אַ שטילן קלאַנג.

איך פליים זיך ניט צו ספּוזשען זי מיט אַן אומגעריכטן ריר. דאָס מיידל איז רירנדיק מיט איר העסלאַכקייט, אומבאַ־האָלפנקייט און שטילן נאַאיוון צוטרוי. איר פאַרטיפן זיך אין די קלאַנגען איז אומגעווײַנלאַך. זי שלינגט זיי, דוכט זיך, מיט איר אויסגעקרימטן מיילכל, פון וואַנען סלינע רינט אַראָפּ. איך קוק פרעגנדיק אַף דער מאַמען.

זי שמייכלט.

— א שוואַכקייט ביי איר אַזאַ נתפּעל צו ווערן פון אַלערליי קלאַנגען. אַ קלאַפּ פון אַ מעסער, אַ קלונג פון אַ גלעקל, אַ בלאָז פון אַ פייפל איז ביי איר דער גרעסטער פאַרגעניגן. ווער רעדט נאָך, אַז זי דערהערט גאַסן־מוזיק, אָדער די פייער־לעשער דורכפאָרן, דאַמאָלסט ווערט זי אַזוי באַגייסטערט, אַז זי ווייס ניט אַף וואָסער וועלט זי איז.

— ווי רופט מען זי, אייער טעכטערל?

— מלכה׳לע, זאָל מיר געזונט און שטאַרק זיין, ביז הונ־דערט און צוואַנציק יאָר.

— מלכה׳לע, קום אַהער צו מיר.

דאָס מיידל רוקט זיך צו נעענטער, בייגט איין דעם קעפּל, וואָס אַף אים וואַקסן שיטערע, שטרוי־צעפּאַטלטע האָר. מיט אירע בלוי־ריטלדיקע פינגער רירט זי אָן דאָס קייטעלע און די אויגן, גרויסע, פרעמדע, אומבאַוועגלאַכע, אונטער שיטערע אויס־געקראַכענע ברעמען, קוקן אַרויף צו מיר.

פון איידלקייט וועגן טו איך אַ פיר מיט דער האַנט אי־בער איר קעפּל און עס נעמט מיך דורך אַ געפיל פון עקל, רחמנות אָדער עפּעס אַנדערש. כ׳ווער שוין אומגעדולדיק און וויל ענ־דיקן מיט דאָבע ראָדע׳ן דעם פריער־אָנגעהייבענעם געשפּרעך.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן?

— איר זעט דאָך. אוועקגיין קען איך ניט. כ׳קען ניט איבערלאָזן דאָס קינד אַליין.

— נאַרישע אידענע, וואָס איר זייט. כ׳בעט אייך, זייט ניט איינגעשפּאַרט. טוט, וואָס מען הייסט.

זי גיט אונטער דער נאָז אַ ברום, זי איז איינגעשפּאַרט, אומצופרידן. דאָס פּנים איז כמורנע־טעמפּ און אין די אויגן צינדט זיך אָן דער בייזער וועלפישער פינקל.

— כ׳קען ניט.

— וועלן מיר אייך צווינגען.

— וואָס מיינט איר?

— מיר, די „סאָסייעטי“, וועלן דאָך ניט לאָזן אַ פאַמיליע

אויסגיין פון הונגער. די טאָכטער אייערע וועלן מיר אוועקשיקן אין א הויז פאר שוואכזיניקע און איר וועט דאָמאָלסט מוזן גיין ארבעטן.

— וואָס מיינט איר זיך, איר וועט אוועקשיקן ? וואו בין איך ? א מאמע בין איך דאָך. יע צי ניין ? זאָגט מיר: יע צי ניין ? ביי מיר האָט איר נאָך ניט גע'פּועל'ט.

— מ'וועט אייך ניט פרעגן.

— צווינגען מיך ? פּרואווט זיך, אדרבה! שפּילט אויף א חתונה'קע! איר וועט מיך דערפילן, דערפילן...

א טרוקענער טראָציקער לאַך און נאָכדעם א ברום, אזא מאָדנער, אז מיר ווערט קאַלט אין אַלע אברים. כ'פארשטיי, אז מיט בייזן וועט מען דאָ ווינציק־וואָס אויספירן. מען דאַרף זיך פּלוצלונג א וואָרף געבן מיטן גאַנצן קנאַק פון אונ־זער גרויסער „געזעלשאפטלאָכער" אינסטיטוציע און דערשטיקן די אויפגעזאָדענע געפילן. איך מאַסטשע זיך איין באקוועם אפן שטול און צי ווערטער קאַלט און לאַנגזאַם:

— ווייסט איר, ווער אונזער „סאָסייעטי" איז ? צו אונז געהערן ריכטער, געזעצמאַכער, פּאָליסלייט. די רייכסטע און שטאַרקסטע מענטשן פון שטאָט. מיר קענען אַלצדינג טאָן. איין וואונק פון אונזער זייט און ס'ווערט אָפּגעטאָן אין א מי־נוט. וואָס זייט איר קעגן אונז ? א שטרוי, א זאמד־קערן, א צאַפּלדיק פישל. מיינט איר, צוליב זיך טוען מיר עס ? צוליב אייך, פון אייער טובה וועגן. איר זייט א נארישע אידענע און ווייסט ניט, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט. מיר פארשטייען בעסער. שפּעטער אביסל, אז איר וועט זיך ארומזען, וועט איר אונז אַליין דאַנקבאַר זיין. הערט זיך איין : זייט ניט איינ־געשפּאַרט און שפּילט זיך ניט מיט אונזער געדולד. גייט גלייך אוועק זוכן ארבעט. אונז וועט איר פארשפּאָרן א טרחה און אייך אַליין וועט זיין בעסער. איר פארשטייט ? איר האָט פארשטאַנען ?

האָבן מיינע ווערטער געמאַכט אן איינדרוק אָדער ניט ?

ביי דער אַלטער שקאַפֿע איז שווער צו וויסן. זי ברומט איינגע־שפּאַרט דעם זעלביקן ניגון און קוקט פֿון דער זייט מיט אַ פאַרטיפֿטן וועלפֿישן אויגל. איך האָב יעדנפֿאַלס מיין ארבעט „ערלאַך" געטאָן. כ'הייב זיך אויף אַף אַוועקצוגיין, ווארף צו אַ שמייכלענדיקן זעגן־בליק דער קליינער אידיאַטקע:

— אַ גוטן טאָג, מלכה'לע, אַ גוטן טאָג...

2.

ניט אַזוי שנעל בין איך פֿאַרטיק געוואָרן מיט דעם דאַבע־ראָדע „פֿאַל". פֿון יענעם טאָג אָן בין איך דאָרטן אין הויז גע־וואָרן אַ פּאַסטער אַריינגייער.

צרות האָב איך געהאַט פֿון דער אידענע אַ היבשן פּאַק. אַט ווי עס איז די זאַך איינגעאָרדנט: איינגעשפּאַנט די אַלטע שקאַפֿע אין דער ארבעט, געמיינט, כ'בין שוין אינגאַנצן פֿאַרטיק. אינ־דערפֿרי קנייטשט שוין אונזער „מענעדזשער" דעם הויכן רבנ'ישן שטערן, אַ סימן פֿון אומצופֿרידנהייט, און דערציילט מיר ווייַ־טער :

— איר'ט זיך מוזן מטריח זיין נאָכאַמאָל אַריבערגיין און איינאָרדנען דעם דאָבע־ראָדע־פֿאַל. די אידענע איז פֿון דער אַר־בעט אַנטלאָפֿן און צו אונז קומען אָן נאָכאַנאַנד „קלאַגעס", אַז זי שטאַרבט אין הויז פֿון הונגער.

כ'געפֿין זיי ביידן אין הויז פּאַרמאָרעטע. ביי דער אַלטער איז דאָס הויט אַף די טרוקענע ביינער איינגעצויגן און שמור־ציק־געל. מלכה'לע אין די ווייבערשע שמאַטעס איז נאָך דיי־נער ריטלדיקער ווי געווען. איך וואַרף זיך אַף דאָבע־ראָדע'ן מיט כעס אַרויף :

— ווייטער ?

— געפּרוּאווט זיך ארבעטן, איך קען ניט.

זי קוקט אַף דער טאָכטער און אַף מיר. אַ געבראָכנקייט הערט זיך אין איר שטים, אַ געפֿאַלנקייט אין איר קוק. די ביינערנע איינגעשפּאַרטקייט און שטייפֿקייט ציטערן שוין און

פלאַצן. כ'פיל, אַז נאָך אַביסל „אַרבעט" פון מיין זייט, און איך וועל זי איינגאַנצן איינברעכן, באַשטילן...

נאָר די אַרבעט גייט לאַנגזאַם. כ'באַזוך זי נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. ס'זעט זיך גאָר ניט קיין סוף.

פאַר דער צייט בין איך נעענטער באַקאַנט געוואָרן מיט מלכה'לען, זי האָט מיך שוין פאַר אַ היימישן מענטשן באַטראַכט. אונזער ערשטע באַגעגעניש, יענער אַנגענעמער וואוילער קלאַנג פון די אָנגעטשעפּעטע קייטל־צאַצקעלאַך, האָט זיך הפנים ביי איר אין שוואַכן זכרון פאַרהאַלטן. זי האָט זיך צו מיר פאַרטרוילאַך געקלעפּט.

איך וויים ניט פאַרוואָס, נאָר איך האָב צו דעם „טומטום", צום שפּייענדיקן נפש מיט דער אויפגעפּרעסענער רוי־פלײשיקער מאָרדע און מיט דעם פאַרטרוילאַכן נאַאיוו־בלאָנדזשעדיקן בליק, אַ מאָדנע „ווייכקייט" געפילט. אפשר איז עס געווען די ליבע צו דעם געפאַלנסטן, דאָס געשמאַקע זעטיקן זיך מיט אַ „קרבן", אפשר סתם אַזוי, רחמנות צו אַן אומזיניקער, געליימטער שטילער „טויב". אַלעמאָל פאַרן אַריינקומען, האָב איך פאַר איר אַ צאַצקע געקויפט און געבראַכט צו טראָגן: אַ טרובקעלע, אַ פּייפעלע, אַ גלעקעלע, קלינגענדיקע זאַכן, וואָס האָבן איר אַזוי פיל פאַרגעניגן פאַרשאַפט. זי פלעגט צו די זאַכן אויסשטרעקן אירע ריטלדיקע פינגער, קוקן אַרויף מיט אַ צוק פון אירע קרום־אויס־געבויגענע דינינקע ליפּן, אַ שמייכל אַזאַ, וואָס פלעגט אויפציטערן אינדערהויך ביז צו די אומזיניקע צעשטעלטע אויגן און נאָכדעם צעגיסן זיך איבערן גאַנצן פּנים.

די מאַמע איז געווײנלאַך געשטאַנען פונדערווייטן און נחת געקליבן, וואָס די טאָכטער האָט „ערפאָלג" ביי לייטן אין די אויגן.

געפּרואווט האָב איך פאַרפירן מיט מלכה'לען לענגערע געשפּרעכן. זי איז אָבער געווען אַ שטומע קאַלב.

— הער זיך איין, מלכה'לע, זינגען קענסטו?

אָנשטאָט אַן ענטפער קומט אַ שפּייענדיקער קוויטש פון אַ

ווינקל מויל. פארטרווילאך, לעבעדיק, נאר ניט קלאר: כ'ווייס נאך אליץ ניט, קען זי אדער ניט.

— און טאנצן קענסטו ?

דערזועלביקער ענטפער, דערזועלביקער קוויטש.

— און א חתנ'דל ווילסטו האבן ? ביסט דאך שוין קיין עין הרע א פריילין, א כלה־מויד.

די אלטע פרעגלט זיך פון שמחה, ברומט עפעס אונטער דער נאז, נאר היינט איז עס א גוטס, א פריילאכס. צום ערשטן מאל זע איך, ווי זי גייט צו, קלאמערט ארייז דאס קינד אין אירע ביינערדיקע צושמוצטע לאפעס און קושט עס מיט א ווילד־קייט און ברען.

— מלכה'לע!...

דאס ווארט רייסט זיך ארויס ווי א פייף פון א ווינט ביי איר פון הארצן.

איך ווייס אליין ניט פארוואס, נאר איך בלייב צעטומלט און פארשעמט.

דאבע ראדע איז גוט צו מיר. זי פארגעסט אף א ווײלע מיין געהויבענע שטעלונג און רעדט צו מיר, ווי מענטש צו מענטש.

— איר מיינט, איך זע ניט? כ'בין בלינד? א קינד א קראנקס, א שוואכס, ניט איבעריק געראטן. נאר כ'קען ניט העלפן. ס'איז א שטיק בלוט איינגעבאקן ביי מיר אין הארצן און ס'זידט דארטן און עס ברענט...

זי פאטשט צו מיט דער דלאניע אף דער פלאכער הארט־ברעטלדיקער ברוסט און ס'דוכט זיך מיר, איך הער פון דארטן ארויסשרייען א צערייצטן הונגעריקן וועלפישן ברום.

איך בין אזוי אויפגעלייגט, ווייך און צעשמאלצן. מיר ווילט זיך טאן א גוטע זאך.

— ווילסט, מלכה'לע? איך וועל דיר עפעס זינגען. דו וועסט בלויז צופאטשען מיט די הענטלאך.

א שיין מיידעלע בין איך דאָך,
רויטן פּאָדים שפּין איך דאָך,
א רייכן טאטן האָב איך דאָך,
היינט וואָס פעלט מיר נאָך?

ניט קענענדיק איינהאלטן מיינע געפילן, כאַפּ איך זי ארויף צו מיר אַף די הענט, האָטשקע זיך מיט איר איבערן צימער און זינג מיט א שיכורן גוואלט:

טאטע, טאטע, גיי אַף א בן־זכר
און ברייננג מיר צופירן א שיינעם בחור...

כ׳וויל אָנכאפּן די אלטע, אריינציען זי אין אונזער טענצל. זי מאכט זיך אָבער ארויס פון דער האנט.

מלכה׳לע ווערט שוין ביי מיר אויך איינגעבאקן אין הארצן. כ׳דערמאָן זי אויך נאָכדעם, ווען איך ווער פארטיק מיט די „פליכטן“ פון טאָג, כ׳דערצייל ווען איר אָן אן אויפהער צו מיינע נאָענטע און פריינט.

באקאנט בין איך דאמאלסט געווען מיט א מיידל. ס׳פּאר־וועבט זיך צווישן אונז א ליבע, א שטילע, אן איידעלינקע. אין די אָוונטן טרעפן מיר זיך. מיר שפּאצירן אין פארק, זיצן אָפּ שעה׳ענווייז אין רעסטאָראנען. איך קוק איר אין די אויגן, זע די צארטקייט פון איר פנים, די איידל־קייט פון איר הויט. אונטערן קלאָרן הויט־צודעק, ווי אונטער אן איידל געשליפענעם גלאָז, רויטלט זיך דאָס בלוט. שפּיגלט אָפּ שטיל, ווייניק און גיסט זיך צו מיר מיט א געזאנג־שמייכל אין הארצן אריבער. איך רוק זיך צו איר צו נעענטער, טונק זיך אין שיין פון אירע ליכטיקע בלויע אויגן און דערצייל איר אויס־געטראכטע מעשה׳לאך פון מלכה׳לען נאָכאנאנד.

איך זע אַף איר פנים פארביטערטקייט און אומגעדולד. איך ווייס אליין, אז מיינע מעשות פאסן זיך ניט אריין; נאָר איך קען זיך ניט איינהאלטן. א געלעכטערל א פרעכער שפּרינגט ניט־וועלנדיק פון האלז און איך פאנטאזיר אויס אלץ נייע און נייע מעשה׳לאך איבעראנייס.

— דו האָסט זי געדאַרפט זען. אין בלאָטע האָב איך זי געפונען, שטאַמט פון אַ געפאַלענער פאַמיליע. די נידעריקע פון די נידעריקסטע. אַ „רויז צווישן דערנער“, כ׳זאָג דיר. דו מוזט מיט איר ווערן באַקאַנט.

אַ בייזקייט פאַרכמורעט די אויסגעוואַשענע קלאָרע אויגן. די ראָזעווע פלעקן אָפ׳ן פּנים צינדן זיך אָן מיט אויפגערייצטן כעס. זי בעט זיך ביי מיר:

— כ׳בעט אייך, הערט אויף, הערט אויף. דערציילט וועגן מלכה׳לען עמיצן אַנדערש, ניט מיר.

איר בעטן זיך מאַכט מיך נאָך מער טראָציק. איך שריי מיט גאַל:

— הער זיך איין! אַן אָפּנהאַרציקער בין איך אַלעמאָל געווען. מיט דיר וויל איך נאָך מער אָפּנהאַרציקער זיין: אויב דו ווילסט, אַז אונזערע באַציאונגען זאָלן אויך אָפ ווייטער אָנהאַלטן, טאָרסטו מיר ניט פאַרווערן וועגן מלכה׳לען רעדן, אַלעמאָל ווען איך וויל, און באַקאַנט דאַרפסטו מיט איר ווערן. יע, דו מוזט.

און אַז מיר גייען זיך פאַנאַנדער פאַרפרעמדטע, פאַרביטערטע, אָנגעגאָסענע מיט זודיקן גאַל, דאַמאָלסט בלייב איך אַ ווײַלע שטיין. מלכה׳לע מיט׳ן אידיאָטישן פּנים, מיט דער רוי־פלייִשיקער צענעצטער מאַרדע שוועבט דורך פאַרביי די אויגן און איך שטויס פון זיך אָרויס דעם פריערדיקן פרעכן געלעכטער.

די אַלטע דאָבע ראָדען האָב איך ביסלאַכווייז איינגעצוימט. זי איז אַוועק אַרבעטן און מער קיין קלאַגעס זיינען צו אונז אין „אינסטיטוציע“ ניט אַריינגעקומען. פון צייט צו צייט פלעג איך זיך נאָך אַריינכאַפּן געוואָר־ווערן די אַלטע מיט איר טעכטערל. מיינע וויזיטן זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, פריינטשאַפטליכע. כ׳פלעג אַריינקומען אין אַן אויפדערנאַכט, אַן אומגעריכטער גאַסט, ברענגען צו טראָגן מלכה׳לען אַ מתנה, זיצן אַ ווײַלע און זען, ווי די אַלטע אַרבעט, שטעכט מיט דער נאָדל, ענדיגט אויס אַ פּאַק אַרבעט, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט צוטראָגן פון

„שאַפֿ". מלכּה'לע, די פּיסלאַך אונטער זיך, זיצט אָן איינגע־דרייטע און קוקט אַף דער מאַמען מיט אָן אָפֿענעם מויל. טיף אין האַרצן האָב איך זיך געפֿרייט, כ'האָב אָבער מיין שמחה ניט אַרויסגעוויזן; כ'האָב די אַלטע אויסגעבויגן, באַזיגט...

3.

דער „מענעדזשער" רופֿט מיך אַריין צו זיך אין „אָפֿיס". וואָס איז? ווייטער צרות, כ'מוז נאָך אַמאָל באַזוכן דאָבע ראָדע'ן אין הויז.

כ'קום צו גיין. אַף די טרעפּ באַגעגנט מיך אַ שכנה, אַ פּעטע, שלומפּערדיקע אידענע, מיט אַ בראָדעווקע אַף דער שפּיץ נאָז, אַ באָרעדטע, אַ קוויטשעדיקע; זי דערציילט מיר נייס:

— איר ווייסט „מיסטער"? די פֿליאַגע איז דאָך שוין ניטאָ. די אַלטע איז אַוועק אַרבעטן און זי איז געבליבן שפּילן אַף דעם גאַניק, איז געפֿלויגן אַ פֿייער־וואָגן; דער שלאָק, אַז ער האָט דערהערט דאָס קלינגעריי מיטן ליאַרם, האָט זיך געגעבן אַ ריס און לויף אין מיטן גאַס. דער וואָגן איז אָנגעפֿלויגן, אַ זעץ געטאָן זי מיט די רעדער און צעמאָלן אַף ברעקלאַך.

— וואָס מאַכט די אַלטע?

—„מיסטער", פֿרעגט שוין גאָרניט, זיצט אין הויז, אַ פֿאַר־שפּאַרטע, לאָזט קיינעם ניט אַריין. עסט ניט, טרינקט ניט, ברומט ווי אַ ווילדע די גאַנצע צייט. פֿון צרות, וואָס די פֿליאַגע האָט זיך געפֿעלט, האָט זי זיך הפּנים געריררט פֿון מוח.

כ'הער ניט אויס איר גאַנצע פּלוידעריי און לאָז זיך אַוועק לויפֿן איבער די טרעפּ. כ'קלאַפּ ניט אָן אין טיר, רייס זי האַסטיק אויף און גיי אַריין אינווייניק.

דאָבע ראָדע זיצט אין אַ ווינקל, לעבן איר ליגן אָנגעהויר־בעט מלכּה'לעס שמאַטעס אַ גאַנצער פּאַק. ס'וואַלגערן זיך דאָרטן אויך די גלעזלאַך, גלעקלאַך, פּייפּעלאַך, וואָס איך האָב איר אַמאָל מתּנות געבראַכט. דער אַלטער'ס פּנים איז מאָדנע ווייס, געל־ווייס, ווי וואַקס צעטריקנטער, אויסגעקנאָטענער, מיט שמוציקע

פינגער פאַנאַנדערגעצויגן הייטלדיק־דין. די אויגן צעברענטע, טרוקענע קוקן נאָר אַף דעם אויסגעלייגטן פּעקל און זי ברומט איר וועלפישן צופנדיקן ניגון אונטער דער נאָז נאַכאַנאַנד, נאַכאַנאַנד...

כ'טו זי אַ רוף:

— דאָבע ראָדע!

זי הערט ניט.

— דאָבע ראָדע!

שטיל.

כ'גיי צו צו איר נענטער, צופ זי ביים ארבל, בייג איין דעם קאָפּ צו איר אויער און רוף:

— דאָבע ראָדע!

זי הויבט אויף די אויגן, קוקט מיך אָן אַ לאַנגע צייט; דערקענט זי? דערמאָנט זי זיך? כ'ווייס ניט, כ'קען ניט פאַרשטיין.

— דאָבע ראָדע, אַן אומגליק איז געשען! כ'ווייס, כ'האָב שוין געהערט. זייט אָבער ניט פאַרצווייפלט. ס'טרעפן ביי לייטן אויך אַזעלכע אומגליקן. איך, אַ געניטער מענטש, אַ פאַרשטייער פון אַן „אינסטיטוציע", האָב שוין אַזעלכע זאַכן געהערט און געזען. מלכה'לע וועט צוריק לעבעדיק ניט ווערן און אפשר איז בעסער, בעסער אַזוי...

כ'פאַרענדיק ניט מיין באַנאַלע מענטשלאַכע דרשה. דאָבע ראָדע הויבט זיך אויף פון אָרט, זי רוקט צו מיר נענטער אַ שווערע, האַרט־ברעטיקע פלאַכע פיגור. אַ פרוי, ניט קיין פרוי, גיכער אַ חיה, אַ דערדריקטע, אַ צעוואָונדיקטע, אַ פאַרלאָרענע, מיטן לעצטן אויסשפּריץ פון בייזן פינקל אין ברענענדיקן אויג.

איך טרעט ניט אָפּ, גיי איר גלייך אַנטקעגן.

זי גייט צו, נעמט מיך אַרום מיט אירע אויסגעשפּרייטע לאַפּעס, הענט צעטריקנטע, אָדערדיקע, שמוציקע. די פינגער צאַפּלען זיך, וויינען; די ברעמען פּאַכען אַרום, זי ברומט שוין ניט. אָט באַלד וועט זי אָנהויבן וויינען, אויסקוויטשען טרערנדיק: „מלכה'לע, מיין מלכה'לע", פּונקט ווי אַלע מענטשן...

באַלד דערמאָנט זי זיך, ווער איך בין. אפשר האָבן די קלינגענדיקע צאַצקעלאַך אַף מיין שיין גאָלדן קייטעלע, איר עס דערמאָנט. זי גיט זיך אימפּעטיק אַ ריס פון מיינע איידעלע „אומאַרמונגען“. אירע פינגער ווערן טרוקן, שטייף און אייזיג — קאַלט. זי טוט זיך אַף מיר נאָכאַמאָל אַ וואָרף, איצט ברע־נען שוין ביי איר צונטערדיק די אויגן און פון האַלז כאָרכלט אַרויס אַ פאַרשטיקטער שנאה'דיקער ברום.

אַ צעפּלאָמטער, אַ ווייך־טייגיקער, ווער איך געקנאָטן פון אירע הענט. די גאַנצע משא פון דעם שווער־בייגעדיקן קער־פּער בייגט מיך אַראָפּ צו דער ערד. אירע ריפּן דריקן זיך אַריין אין מיין ווייך פלייש און עקבערן דאָרט ווייטאָקדיק. אין האַרצן בין איך צופרידן, כּליאָבענדיק־צעפרידן און בעט זיך: „נאָך, נאָך“. ביידע זיינען מיר שטיל — שטיל. מיר סאָפּען ניט, מיר שטיקן איין דעם אָטעם. נאָר אין האַלז ווערגט זיך אַ פאַרשטיקטער וואָיענדיקער ברום. באַלד וועט ער זיך אַרויס־רייסן אין דרויסן; באַלד וועט ער זיך באַפרייען. מיר ווילן ביידע ברומען, איך און דאָבע ראָדע, הויך, וואַלדיק, צופנדיק, אַפ'ן קול...

שפּעטער האָב איך זיך אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן. ניט מיט מיין אייגענעם ווילן; אַ באַפרידיקטער דאָרשטיקער געפיל אין האַרצן האָט געשריען: „אַנטלויף ניט, נעם צו, ס'איז גוט, גוט“, אַ בלינדע חיה'ישע מורא האָט מיך געטריבן ראַטעווען זיך כל־זמן ס'איז נאָך ניט צו שפּעט. איבער די טרעפּ בין איך געשפּרונגען, דער עקלדיקער ריח און שימל פון פאַרשטיקטע לע־כער האָט זיך געיאָגט נאָך מיר און דעם אָטעם פאַרשפּאַרט. איך בין געלאָפן פאָראויס און דאָבע ראָדע נאָך מיר.

אַפ'ן טראָטואַר האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, געאָטעמט פאַר־מאַטערט און שווער; דאָבע ראָדע איז געבליבן שטיין אויפ'ן גאַניק פון הויז.

מיט אויפגעהויבענע הענט אויפ'ן קאָפּ, די גרוי־שמוציקע

האָר צעפּאַטלט און אויפגעשטעלט, ווי אַ ווילדע חיה'שע גריווע, אויגן אָנגעצונדן מיט קאַלטן גרינעם פייער, דאָס פּנים געל־ווייס, ווי אויסגעקנאָטענער צעצויגענער וואַקס, איז זי געשטאַנען אין דער הויך אַנטקעגן מיר, געפלוכט און געשאָלטן מיט טויטע ביטערע קללות:

— אַ פייער אויף אים, אַ פלאַם! אַ בראַנד, אַ העלישער!

איך בין געשטאַנען אַנטקעגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. די אויגן האָבן פאַר'גנב'עט־שטיל געקוקט אַרונטער און געערוקט זיך צו דער אַלטער שיפּענדיקער מכשפה. איין זאַך האָב איך באַמערקט: אירע אויגן צעפלאַמטע, ברענענדיקע, קוקן ניט גלייך צו מיר, זיי זיינען אַרויפגעהויבן צו דער שטאָט, צום הימל...

פרוכט

אז לאה האָט צום ערשטן מאָל דערפילט דאָס „פרוכט פון ליבע“ ביי איר אונטערן הארצן און דער געליבטער האָט זיך אָפּגעטראָגן, פארפאלן געוואָרן, ווי אונטער'ן וואסער, האָט זי דערשפירט א חלף־שניט איבער'ן גאנצן קערפּער און זי האָט פאריאָמערט, ווי א געשלאָגענער הונט:

— וואָס זאָל זי איצטער טאָן?

אפשר איז ניט אַזוי שמערצלאַך געווען די מורא פאר דעם וואָס דארף ערשט קומען, ווי די ביטערע באליידיקונג פון פאר־גאנגענע טעג.

הייסט עס, אז זיין ליבע איז קיין ליבע ניט געווען; זיינע צערטלאַכקייטן — פאלשע, פארדאָרבענע, אָנשטעלן פון א ווילדן הונגעריקן הונט.

וואָס דער יונג האָט עס צוטאָן!

ער האָט גענומען לאה'ן, די פאריאָגטע, די פארוואָרפענע, די אַלטע מויד מיט'ן גרויסן בהמ'שן פּנים, וועלכע ווייס אליין, אז זי איז אן אָפּשטויסנדיקע מיאוסקייט, א מכשפה, וועלכע קרימט זיך אליין איבער אין שפּיגל און שפּייט זיך דאָרטן אָן פּולע באקן; ער האָט זי ארויפגעשלעפּט אויף הויכע שווינדל־שפּיצן, באגליקט, באצערטלט און מיטאמאָל אראָפּגעשליידערט קאָפּ־אראָפּ אין טאָל.

מענטשן האָבן זי אָבער באצייטנס געוואָרנט:

— מיידל, היט זיך! ס'וועט קיין גוטס ניט ארויסקומען.

זי האָט ניט געפאָלגט.

נאָר וואָס מיינט עס „זי האָט ניט געפאָלגט“?

האָט זי וויניק געקעמפּט מיט זיך, מיט סעמקען, דעם פאַרפירער אירן און מיט דער גאַנצער וועלט? האָט ווינציק געקערט וועלטן די אַלטע מויד אין איר, וועלכע האָט מיט אַ שלאַנגגיפטיקייט נאָכאַנאַנד אריינגע׳טענה׳ט, אַז סעמקע איז אַ טויגעניכטס, אַ בלוט־צאַפּער, אַז ער וועט זי אויסזויגן, ארויסציען ביז דער לעצטער פּעני, צוואַנציק יאָר שווערע מיידלשע האָרעוואַניע, און נאָכדעם אוועקשיקן צום שוואַרצן יאָר? האָט איר מיידלשע שעמעוודיקייט ניט רעוואָלטירט, ניט אָפּגעגאָסן מיט צונטערפייערדיקייט די הויט ביז׳ן טיפסטן וואָרצל פון יעדן צו־געוואַגטן ריר און וואָרט? זי האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפן: אַ שוואַרצער כוח, שטאַרקער פון איר, פון איר גאַנצער אימפּעטדיקער אָנשטרענגונג, האָט זי פאַרכאַפּט און באַצוואונגען, געמאַכט זי שטילער און רואיקער פון אַ שעפּס...

אונטער׳ן האַרצן גיט זיך אַ וואָרף דאָס אויפלעבנדיקע וואַקסנדיקע פרוכט. ביי לאה׳ן טוט זיך אַ ריס אינווייניק. דער כעס גיסט זיך אריין אין די ביינער:

— אַ נכפה אויף אים, אויף דעם ממזר׳וק דעם קליינעם! אויסגערונען זאָל ער ווערן אין בויך ביי מיר און ניט דערזען די ליכטיקע וועלט! אַ צווייטער סעמקע־גנב, סעמקעלע־זשוליק. ער וועט אַמאָל פאַראומגליקן אָרימע אומשולדיקע מיידלאך, ווי יענער האָט מיר מיין לעבן פאַר׳סמ׳ט!

זי ווייס אַליין ניט, וואָס צו טאָן אין איר אויפגעבראַכטן צאָרן. זי וואָלט רייסן, צופּן, פּאַטשן מיט האַרטע ברייטע לאַדאָניעס איבער איר אויפגעפּויזטן בויך, אַבי צו טאָן יענעם וויי.

— נאַ דיר, נאַ! ממזר׳וק דו קליינער! נאַ דיר פאַר דעם טאַטן דיינעם דעם שאַרלאַטאַן; פאַרשוואַרצט האָט ער מיר מיין לעבן, שוואַרץ זאָלן אים ווערן זיינע טעג!

בלוט גיסט זיך איר אָן אין די אויגן, ביטערע טרערן שפּריצן אַראָפּ אויפ׳ן ברייטן בהמה׳שן פּנים. זי שלוקערצט ווי אַ הון.

אַז אַ פרוי אָן מזל זאָל בעסער ניט געבוירן ווערן. לאה איז

אלעמאָל אַ צרה'דיקע געווען, אינדערהיים, אין די יונגע יאָרן, און איצט דאָ.

ביי זיי אינדערהיים, אין דעם שטיבל מיט דער זאמדיקער פּאדלאָגע, פלעגן זיך, ווי נאסע הינדלאך ארומדרייען אַ כאָפּטע קינדערלאך. לאה איז געווען די עלטסטע פון אלעמען. לעבן שטיבל איז געווען אַ בארג. די קינדער פלעגן פאר־קאטשען די העמדלאך, אָנשיטן פּאָלעס מיט זאמד, ארומקוויטשען, שפּילן. לאה'ן האָט מען קיינמאָל נאָענט ניט צוגעלאָזן. אז זי פלעגט זיך צערעווען, כליפּען זיך מיט ביטערע באַליידיקטע טרערן און לויפן אַ היים קלאָגן זיך, דערציילן, פלעגט זי נאך כאפּן קלעפּ. דער טאטער אירער, אַ שטייפער, בייזער אידל, אַ האָליץ־זעגער מיט אויסגעהארטעוועטע טרוקענע דלאָניעס, פלעגט מיט זיי פלאמען איבער די באקן, אזש פונקען פלעגן זיך צע־פליען און לאה פלעגט זיך צוזעצן צו דער ערד, ווי אַ הון. זי ווייס ניט פארוואָס, איר האָט ער מער פון אלע קינדער פיינט געהאט; זי איז אלעמאָל דאָס כפּרה־הינדל געווען.

נאָכדעם, דאָ אין אמעריקע. זי איז געקומען צופאָרן, אויס־געוואקסן אַ געזונטע מיאוסע מויד, מיט פערדישע, געהאקטע ציינער, קלאָציקע פיס, רויטע טרוקענע הענט, ווי ביים האָליץ־זעגער, דעם טאטן אירן. דאָרטן האָט זי כאָטש קיין שפּיגל ניט אָנגעזען. דאָ האָט זי אלע ווײַלע אין שפּיגל געקוקט: אַ מגושמ'דיקער, בהמה'שער פּנים; אַ נארישער קעלבערנער קוק. זי האָט דעם פּנים געהאסט, פארטראָגן אים ניט געקאָנט. זי פלעגט זיך מיט אים אלעמאָל רייצן:

— אַ חתונה ווילט זיך דיר ? ליובקעס ? הייסע קושן אין פּיסקל אריין ? מ'וועט דיך נעמען ? אויסכאפּן ? דער טייוול וועט דיך צוכאפּן ! ווער דאַרף דען דיך ? ווער וויל האָבן דיין נארישן פּנים, דיין גראָבן ברענענדיקן שטיק פלייש ?

צוואָנציק יאָר האָט זי אין אַ שאפּ אָפּגעארבעט. אַ ציי־טעריק געדאנקל האָט זיך, ווי אַ וואָזשיק אינוועניק געפּלאָנטערט: „ווער ווייס ? טאָמער ? אפשר ? " ביינאכט האָט זיך דאָס

לייב אין פייער געפרעגלט, בייטאָג זיינען אירע אויגן, ווי פאַר־סמ'טע מייז אַרומגעלאָפן. זי איז עלטער געוואָרן, דאָס פלייש איז געוואָרן ווייך און צעשוואומען. דער קאָליר פון הויט איז געוואָרן בייז־געל; די ציינער זיינען אויך גרעסער און געלער געוואָרן. דאָס האָפענונג־געראַנקל האָט גענומען אויסטריקענען: „פארפאַלן! זי וועט שוין אַזוי פגר'ן אַן אַלטע מויד". מיט־אַמאָל איז סעמקע אַרויסגעשוואומען...

נאָך אַ מאָל גיט זיך אַ צאַפּל די וואַקסנדיקע „פרי" אונ־טער'ן הארצן, לאה'ס כעס איז שוין צערונען. נאָר דער ווייטאָק איז נאָך אַלץ זייער גרויס.

— אַ ביטערער יונג, אַט דער סעמקע געווען. זי האָט אים געטריבן פון זיך מיט שטעקנס: „גיי צו אַלדי טייוואָלים! איך בין פאַר דיר ניט קיין פּאָר. אַ ליאַלקע זוך דיר אויס, אַ געפאַרבטע פופּעלע מיט אַ קליין מיילכעלע, נעזעלע און אייגע־לאַך. זעסט ניט? איך בין דאָך אַן אַלטע שווערע שקאַפע. ווי קום איך צו דיר?" און ער — ניין, און ניין. ער זוכט ניט קיין שיינקייט. אַ געזונטע ווייב גיב אים. פלייש דאַרף ער האָבן. ליבן וועט ער זי, צאַצקען זיך און אויסקושן אירע גלי־דער. און זי, די נארישע בהמה, האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויפ'ן צוים...

אַ פאַרשעמטער שמייכל צעגיסט זיך איבער אירע ליפּן. סעמקע טוט ווידער פאַרביי די אויגן אַ שוועב.

נאָך אַלעמען האָט זי דאָס אַ לעב געטאָן אַ ביסל! אַ פּייר־ערדיקער יונג איז דער הולטאַי געווען, ער האָט אין זיך קיין ברעקל בושה ניט געהאַט; אויסגעשלעפּט זי אין אַלע לעבער און ווינקעלאַך, אין פאַרקן, אין „מואַוויס", ס'זאָל אים ניט שאַדן קיין פרעמד אויג... ער פלעגט זי איינקלאַמערן אין זיינע געזונטע לאַפּעס, קנעטן איר הייסן, פליישיקן גוף; דערשטיקן האָט ער זי געקענט, און זי וואָלט גערן געשטאַרבן אַ דערשטיקטע אין זיינע הייסע הענט. די אויגן פלעגן אים ווערן גרויסע, נארישע און געפלאָפלט האָט ער בשעת־מעשה אומזיניקייטן. אַזאַ שאַרלאַ־

טאָן! און געפּלוידערט האָט ער פּונקט ווי אַ נאַרישער, גוטער אינגל...

ס'ווילט זיך איר לאַכן, שפּאַסן גוטמוטיק, ווי אַ מאַמע פון איר נאַרישן קינד, נאָר די באַליידיקונג איז גרויס, די ווייטאָקן שמערצלאַך: „געקומען, פאַרקושט, פאַראומגליקט, געלאָזן מיט אַ ממזר'ל אין בויך; נאַ, ווערג זיך, טראָג דעם פּעקל און האָב מיך צו געדענקען דעם גאַנצעגעם לעבן“...

זי בויגט אַרונטער דעם קאָפּ צום בויך און הערט, דוכט זיך, ווי דאָס לעבן דאָרטן וואַקסט. ס'זעטיקט זיך אָן מיט איר בלוט און זאַפט, ווערט שטייפער און צאַפּלט זיך ווייטאָקדיקער. איצט האָט זי אים ניט אַזוי שטאַרק פיינט: ס'איז דאָך איר בלוט, דאָס בעסערע, ניט דאָס פאַר'סמ'טע בלוט פון דער אַלטער מכשפה. דער סוד פון אויפגייענדיקן לעבן פאַרכאַפּט זי אינ־גאַנצן. זי פאַרטיפט זיך אין מאָרגנע, פאַר איר גאַנץ נייע גע־דאַנקען:

— דאָס נייע לעבן ווערט געשאַפן אין קאַמף, פאַרגעניגן און ווייטאָקן, געקעמפט האָט זי גענוג, פאַרגעניגן האָט זי אויך גע־האַט. איצט קומען די ווייטאָקן. די ליידן...

עס צינדט זיך איר אָן דער מוח. אַ שאַרפער ווייטאָק שטשע־מעט צונויף די געזונטע ציינער. זי וואַרפט זיך אַריין אין בעט, כאַפּט אַרום דעם בויך מיט ברענענדיקע צעצאַפּלטע פינגער און רעוועט הויך, ווילד, ווי אַ צערייצטע בערנטע...

2.

ווען לאה'ס בויך האָט זיך אַזוי אויסגערונדיקט, אַז באַהאַלטן האָט זי זיך שוין מער ניט געקאָנט, האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות:

אַרבעטן האָט זי מער ניט געקענט. שווער געוואָרן צו קנייטשן דעם גרויסן קערפּער, זיצנדיק ביי דער אַרבעט. נאָך שווערער איז געווען צו פאַרטראָגן דעם בליק פון גליטשיקע אויגן, וואָס האָבן זיך הפקר'דיק געקייקלט איבער איר גאַנצן קערפּער

און באַטאַפּט מיט אַ הוילן, חזיר'שן קוק, ווי מיט געפּרווירענע פינגער, פון אונטן אַרויף. פון די בליקן פּלעגט זיך לאַה איינ־קאַרטשען, אַריינציען אינווענিק, וויפיל זי האָט געקענט, איר גרויסן געשוואָלענעם בויך. אַ שוים, ווי ביי אַ געֿסמ'טן הונט, פּלעגט אויפשלאָגן אויף אירע ליפּן. דאָס האַרץ האָט געזאָדן, געקאָכט:

— חזרים, אויסוואורפן, וואָס איר זייט! וואָס טוט איר? מיין אומגליק באַטאַפּט איר! אַוועק'ט פון דאַנען, אַוועק'ט!

אויף דער גאַס ווייטער דאָסזעלביקע: מען קוקט זי נאָך, מען פאַרשט.

— וואָס זוכט איר? אַ לעבן טראָג איך, אַ נייעם צוקונפט־דיקן לעבן. סעמקע איז דער טאַטע, אַזוי ווי אַלע טאַטעס. איר ווייסט דאָך, איר פאַרשטייט... אַ נייער סעמקעלע וועט באַלד געבוירן ווערן; אַ סעמקעלע־זשוליק, אַ סעמקעלע־ממזר. אַ כאַליערע אויף אים און אויף מיר און אויף אייך אַלעמען...

שפּעטער האָט זי אינגאַנצן אויפגעהערט אַרויסצוגיין פון הויז. זי וואַלגערט זיך אַ גאַנצן טאָג אין בעט, ווי אַ בער אין נאָרע. אין צימער איז טונקל. אַ גרינע מאַכיקע וואַנט שפּאַרט זיך צו צום איינציקן פענסטער. אַ מאָל פאַלט אַראָפּ אַ פּעקל פון אַן אויבערשטן עטאַזש און קנאַלט אויף, ווי אַ צעשאָטענער דונער. די פּיס זיינען ביי איר געשוואָלן, דער בויך אָנגעפּויזט. הפּנים, אַז דאָס פרוכט איז שוין צייטיק און וועט באַלד דערזען די ליכטיקע וועלט...

שוואַך איז זי און פויל, קען זיך קיין ראַד ניט געבן. אינ־ווענিק טויכט זיך דאָס נפש'ל, צאַפּלט זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער. איר שטימונג האַלט זיך אין איין בייטן. גאַנץ אָפּט באַפאַלט איר אַ פאַר'חלש'טע ווייכקייט, אַ רחמנות אויף זיך, אויף סעמקען, אויפ'ן נפש'ל און אויף אַלע מענטשן. פון די אונ־טערגעשוואָלענע אויגן שפּריצן ניט־ווילנדיק טרערן, אַז זי וויינט ווערט איר לייכטער און טרויעריקער. מאָדנע געדאַנקען קריכן אַלץ אַרום אין זינען:

— צו וואָס ? צוליב וואָס לעבט זי, סעמקע, אַלע אַרומיקע מענטשן ? צוליב וואָס צאַפּלט זיך דאָס נאָך־ניט־געבוירן נפש'ל אין אירע געדערים ? צוליב וואָס אַלע פאַרגעניגנס און ווייטאָקן ? וואָס וויל מען פון איר ? וואָס גלאָצט מען אויף איר ווילדע אויגן ? איר איז שווער. זי איז אַ וואָלקן. זי האָט ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט און זי שווימט, שווימט...

אַמאָל דרעמלט זי איין. ס'חלומ'ט זיך איר, אַז דאָס נפש'ל איז שוין דאָ. ס'ליגט לעבן איר אויף אַ קישן, האַלט די ברוסט פאַרשטשעמעט צווישן די ליפּעלאַך און ציט, ציט... די הייסע פליסיקייט קאַפּעט אַמאָל אַרונטער אויף איר אַנטבלויזטן האַרצן און טוט אַ ברען, ווי אַ פונק. ס'איז איר הייס, שטיקנדיק, אָבער געשמאַק־גוט. אָן אַ זייט, אָפּגערוקט פון זייביידן, ליגט אויסגעצויגן סעמקע. זי דערקענט אים, כאָטש ער איז שטאַרק פאַרענדערט, זייער ענלאַך צום טאַטן אירן, דעם האַלץ־זעגער פון דער אַלטער היים. זי לאַסטשעט זיך צו אים מיט ליבע, ווייכקייט און רחמנות, ווי אַ געטרייע צווײַג. ער וויל זיך אָבער ניט לאָזן דערקענען. פּלוצלונג פאַרזשמורעט ער אַ פּאָר ממזר'שע אייגלאַך, הייבט אויף אַ פּוס און האַקט מיט קאַלטער געלאַסענער רציחה, מיט'ן שפּיץ שוך גלייך אין בויך אַריין...

פון ווייטאָק כאַפּט זי זיך אויף. די ווייען נעמען אַרום, ווי אייזערנע רייפן. זי קלעמט איין די ליפּן, שטיקט ענג צונויף די ציינער, אַזש זיי הויבן אָן כרושטשען ביים וואָרצל, נאָר די ווייען זיינען צו־שטאַרק. זי קען זיך שוין מער ניט איינהאַלטן און ברומט זיך שרייאיק פאַנאַנדער, ווי אַ קעלביקע קו.

אַז די קולות זענען געוואָרן צו־ווילדע, האָבן זי גוטע מענטשן אין שפּיטאָל אַוועקגעפירט. דאָרטן האָט זי מיט מזל געבוירן אַ זון...

3

אַז לאה איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט מען איר פון דאָרט מיטגעגעבן אַ קליין קוויטשענדיק נפש'ל, איינגעוויקלט אין אַ

ווייסן לײלאך. זי איז געבליבן שטיין מיט איר פּעקל אין מיטן גאַס און ניט געוואוסט, וואוהין ווייטער צו גיין.

— סעמקעלע ממזר, אומגליקל קלײנער! וואָס זאָל איך מיט דיר טאָן?

פאַר דער צייט האָט זיך לאה אויסגעבלייכט, אויסגעאיידלט. אויפ׳ן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ ווייכער לײדנדיקער מאַמע־אויס־דרוק. די בהמה׳שקייט איז אַזוי ווי אָפּגעמעקט געוואָרן, די אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ נייעם וואַרימען בליק.

ליגנדיק אין שפּיטאָל־בעט אָן אָפּגעשוואַכטע, אַ באַרו־איקטע, פילנדיק באַנייט־לייכט, לייכט ווי אַ פּעדערל, באַפרייט פון אַ שווערער משא נאָך גרויסע ווייטאָקן און ליידן, איז ביי איר געבוירן געוואָרן אַ נייער מאָדנער געפיל: סעמקע איז פאַרשוואונדן; ס׳האָט זיך אויסגעוועפּט די אַלטע ביטערקייט און כעס; מיט אַ שטילן שמייכל האָט זי געקענט דערמאָנען די צייט פון זייער ליבע, מיט באַדויערן — זיין פאַרשווינדן. אין הארצן האָט נאָר געברענט אַ שטענדיקע הונגעריקע ליבע צו דעם ניי־געבוירענעם שטיקל פלייש. מיט צערטלאַכקייט און רחמנות פלעגט זי אַלע ווײלע בעטלען:

— נוירס, גיב מיר אַנזוי׳גן מיין קינד!

אַז דאָס קינד פלעגט אַריינקומען צו איר אין בעט, איינגע־רען דאָס קליינע גופ׳ל צווישן אירע ברוסטן, פאַרשטשעמען די ליפּעלאך און ציען קעלביק איר וואַרימען מילך; אַז עס פלעגט זיך איר איננאַנצן איבערגעבן, איינטוליען זיך, אויסמישן זיין וואַרימקייט מיט דער וואַרימקייט פון איר ווייכן צע׳חלש׳טן גוף, פלעגט זי פילן אַ גרויסן גליקלאַכן פאַרגעניגן, אַזא, פון וועלכן זי האָט ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט געוואוסט. זי פלעגט זיך אָרום אים אַרומקנוילן, ווי אַ גרויסע האָריקע חיה און פליס־טערן שטיל:

— מיין קינד!

איצט, אויף דער גאַס, איז די ליבע ניט אַזוי שטאַרק. פונ־דעסטוועגן וואָלט זיך איר וועלן נעמען דאָס קינד צו זיך אהיים.

א קעצעלע וועט עס ביי איר זיין. מיט אים צוזאַמען וועט זי שלאָפן און שפּילן זיך, אים וועט זי וואַרימען און טוליען צום הונגעריקן לייב. ניט גוט איז ביי איר אין צימער: ענג און אָפּגעלאָזן. איינגאַנצן א בעט און א גרויסער הילצערנער „טראַנק". פונדעסטוועגן וועט זיך פאַר איר „קעצעלע" שטענדיק געפינען אן אָרט.

שפּעטער וועט זי אים נעמען אין „שאָפּ". פריילאַכער וועט איר זיין, היימישער. זי וועט זיצן, אַרבעטן און ער וועט אַרומפּויזן אויף אַלע פיר איבער'ן „פלאָר". אימעצער פון די גראָבע יונגען וועט זיך מסתמא וועלן רייצן: "ממזר" וועט מען אים רופן. דאָס וועט זי ניט דערלאָזן; ניין, ס'וועט ניט גיין.

— הונט משוגענער! דעם מוח וועל איך דיר צעפּלעטן! עס איז מיין קינד. א קינד פון מיינע בלוטן, פון מיינע ווייטאָקן און ליידן. רעדט ניט אויף אים קיין וואָרט!

לאה איז ניט גענאַרט. זי ווייס, אז דאָס זיינען בלויז „פאַנטאַזיעס". מיט'ן קינד אויף די הענט וועט מען זי אין ער־געץ ניט אריינלאָזן. אַלעמאָל האָט מען זי פיינט געהאַט, מיט'ן ממזר'ל אויף די הענט וועט מען זי נאָך מער האַסן. וויל זי ווייטער לעבן, מוז זי פּטור ווערן פון אים.

זי האָט אָפּגעדעקט א ברעג לייליך: א רויט-צעקאַרטשעט פּנימ'ל; ווי פּעטינקע ווערימלאַך, צאַפּלענדיקע הענטעלאַך און פיסעלאַך; אייגעלאַך פון א בלינדן קעצל. ס'האָט געגעבן א געשריי ביי איר אין האַרצן, נאָר אין גאַסיקן טומל האָט זי אַליין גאָרנישט ניט דערהערט.

— אָנשיקעניש קליינע! ווי ווערט מען פון דיר פּטור?

אן אָפּגעשוואַכטע, מיט א שווינדל אין קאָפּ, האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויף א פרעמדן „סטופּ" אָפּרוען.

פון טיר איז אַרויס א פרעמדע פרוי. לאה האָט זיך צופּו־זשעט און געוואָלט אַנטלויפן. די פרוי אָבער, אן אַלטינקע מיט א זילבערנעם קאָפּ האָר, האָט איר צוגעוואונקען מיט א פּאָר ליכטיקע, שמייכלענדיקע אויגן. לאה איז געבליבן זיצן.

— א אינגעלע צי א מיידעלע ?

— א אינגל.

— נאָך גאָר א פופעלע.

די אַלטע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קינד, געגעבן אים א קיצל איבער די פּוכקע בעקלאך און גענומען צו אים פּלוידערן :

— טו־טו־טו, אינגעלע קליינינקער, לאך א ביסעלע, לאך־זשע, לאך...

אז דאָס פּיצעלע האָט זיך צעשריען און פאַרדריגעט מיט הענטלאך און פיסלאך, האָט די אַלטע פאַרשולדיקט־שמייכלענדיק א קוק געטאָן אויף לאה'ן און געזאָגט :

— כ'קען מיר ניט העלפן. איך האָב אזוי ליב ברעקלאך קינדער.

— טאַקע ? — האָט זיך לאה פאַר'חידוש'ט.

— מלאכים זיינען זיי דאָך, אומשולדיקע, ריינינקע, כשר'ע נשמה'לאך, א געזונט זיי אין דיביינדעלאך...

— אזוי ? איז מיינער אויך א מלאכ'ל ?

— אודאי. — האָט די אַלטע צעטומלט געענטפערט.

— טאָ קויפט אָפּ ביי מיר דעם מלאכ'ל.

— וואָס ?

— איך שיינק אייך אָפּ מיין מלאכ'ל.

— וואָ־אָ־אָ־ס ?

— נעמט אים ביי מיר צו, דעם מלאכ'ל מיינעם ! סעמקע הייסט ער. אויב ניט וועל איך אים נאָך היינט ביינאַכט דערשטיקן.

— וואָס רעדט איר ? מאַמע ווילדע, משוגענע איינע ! די נערוון זיינען ביי אייך צערודערט, איר זייט קראַנק. גיט מיר אהער אייער אדרעס, כ'וועל אייך אָפּפירן צו אייער הויז.

— זאָגט איר נעמט אים צו ביי מיר, אָדער ניט ?

— משוגע !

— ענטפערט! יע אָדער ניט ?

לאה האָט פּעקלדיק געגעבן אַ כאַפּ דאָס קינד, האַסטיק אַראָפּ־געשפּרונגען פון די טרעפּ און איז מיט אַ משוגענעם אימפּעט פון דאָרטן אַוועקגעלאָפן, אַנטלאָפן...

4

ווען לאה איז אַריינגעקומען אין איר גאַס און צווישן דעם מענטשן־מוראַווייניק, וואָס האָט זיך געשטופּט איבערן טראָ־טואַר, האָט זיך איר אָפּגעדוכט, אַז זי האָט באַמערקט איר פּאַר־פירער סעמקען. האָט זי שוין געוואוסט, וואָס זי דאַרף איצטער טאָן.

— קליגער דאַרף זי ווערן, האַרט און אויסגערעכנט, אַלע נאַרישקייטן אָן אַ זייט. אַזוי גייט שוין די וועלט: אַ לעבן פאַר אַ לעבן, אַ מילב פאַר אַ מילב. סעמקע דערשטיקט לאה'ן, זי — איר קינד. אַזוי איז עס און אַנדערש קען גאָר ניט זיין...

מיט שנאה האָט זי זיך איינגעקוקט אינ'ם פּעקל, וואָס ביי איר אויף די הענט.

— דאַכט זיך, אַן אומשולדיק נפש'ל. וויינט, פּישטשעט און מאַכט זיך אַזוי תמ'עוואַטע. אָבער לאה'ן קען עס ניט אָפּנאַרן. אַ מענטשל איז עס. אַ פּאַרטיק לעבן, נאָר־וואָס פון פורים אַרויס. ס'האָט אין זיך אָנגעזאַמלט ס'בלוט פון סעמקען, דעם פאַרפירער אירן, פון איר טאַטן, דעם קאַלטן גזלן, פון אַלע רשעים אויף דער וועלט. זי וועט אים דערשטיקן. ס'וועט דאָס ראָזעווע צינגל אַרויסשטעקן, ברוין און בלוי וועט עס ווערן. לאה וועט וויסן, אַז זי האָט דערשטיקט אַ שפּין...

אָדער, אַן ערגערע שטראָף וועט זי אים איצטער געבן: איר האָט מען דאָס גאַנצע לעבן געיאָגט און פאַרשטויסן, פון אַלע זייטן אַרומגעשפּאַרט. איצט וועט זי אים אַוועקשליידערן, פּראָסט נעמען און אַוועקוואַרפן: „מאַמע־ליבע, זונעלע, איז אַ צו־טייערע זאַך. איך בין ניט מער דיין מאַמע, זאָל סעמקעלע דיין טאַטע זיין און די גאַס — דיין היים“...

אין גאס איז געוואָרן פינסטערלאַך. לאה האָט זיך צוגע־גנב'עט צו א פרעמדן הויז, אויפגעפּראַלט א שמוץ־פעסל און ארומגעקוקט זיך ארום־און־ארום, צי קיינער פונדערווייטנס איז ניטאָ. אין פעסל האָט זיך געוואַלגערט אָפּפאַל פון א גאַנצן געדיכט־באַוואוינטן הויז. זי האָט אויף גיך אראָפּגעכאַפּט איר לעבעדיקן פּעקל, אריינגעשליידערט אים אין פעסל און איז אַנט־לאָפן ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגל צו זיך א היים.

אין גאס איז געווען קיל און שאָטנדיק. דאָס קינד איז גע־לעגן אין פעסל, אויסגעלייגט אויף צעקראָכענע שמאַטעס, ווי אויף א ווייכן קישן, געריסן זיך אויף קוויטשיקע קולות און גערופן זיין מאַמען צו הילף...

דאָס קינד וואָלט זיכער דערפרוירן ווערן: אָוועגטן זיינען דאַמאָלסט געווען לאַנגע, קילע און פייכטע. צום גליק זיינען פון ערגעץ געקומען א פּאָר קעצלאַך. זיי האָבן זיך אריינגע־קליבן אין פעסל, געוואָרימט ס'קינד מיט זייערע לייבער, פאַר־ווינט מיט קעצן־לידער און ניט געלאָזן פאַרפרוירן ווערן פון קעלט.

דאָס קינד איז געלעגן אין פעסל. אויף אים זיינען געזעסן א פּאָר מלאכים, גרויע, שמוציקע, אָן פליגלען. זיי האָבן דאָס קינד באַשיצט פון אל־דעם־בייזן.

דעם פּיצעלע האָט קיין זאַך ניט געשאַדט...

טאַנטע בערטע׳ס אויפשטאַנד

.1

זיצט די אַלטינקע טאַנטע בערטע גאַנצע טעג לעבן פענסטער און קוקט.

ליגט ביי איר אויפ׳ן שויס, צונויפגעקאָמקעט אין אַ קנויל, „די שוועסטער מאַרי", אַן אַלטע, פעטע קאַץ מיט אַ ווייס־ברודיקן פעל, פון וועלכן ס׳שיטן זיך אויסגעקראָכענע קאָמעס האָר; האַלט „מאַרי" דעם אָנגעשטרענגטן געוואָנצלטן פנים פאַרריסן אין דער הויך, די אייגלאַך זיינען פאַרזשמורעט; אַרום די אויגן טריקנט זיך אַ רייפל געל־שמוציקע אייטער. זי טוט פון צייט צו צייט אַ שמאָרע מיט׳ן פיסל איבער דער אַלטער׳ס שויס, אַ סימן פון ליבשאַפט און לאַנג־יאָריקער צוגעבונדנקייט און דרעמלט ווייטער.

אין די פאָר צימערלאַך, וואו עס לעבן אָפּגעשיידט די טאַנטע און איר „שוועסטער מאַרי", איז שטיל, אַלעמאָל שטיל. ס׳שטייט אויף אַ טישל אַ שטומער וועקזייגער. שוין לאַנג הפנים ניט קיין אָנגעצויגענער, און קוקט מיט זיין רונד־ווייסן פנים, מיט די פאַנאַנדערגעשפּרייטע שוואַרצע ווייזערס, נאַריש־תמ׳עוואַטע אין דער פּוסטער שטילקייט אַריין. ביי טאָג, ביים שיין פון אַריינדרינגענדיקע זון־שטראַלן, זיפּן זיך פאַנאַנדער אין מיט׳ן צימער, אין פּוסטן שווייגנדיקן חלל, צוויי שטויב־וואָלקנס, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. פאַלן זיי נודנע, לאַנגזאַם און שלעפעריק, שיטן זיך אויס און קומען צוגיין ווידער. ציט זיך דער שטויב־שפּיל אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די זון פאַררוקט זיך טיפער און אין פענסטער פאַלן אַריין נייע, טינט־באַפלעקטע שאָטנס. ווערט דאַמאָלסט די שטילקייט שווערער. סקרעבעט אין אַ ווינקל טרוקענערהייט אַ מויז. כאַפּט זי זיך אויף, ווי פון אַ בייז חלום „שוועסטער מאַרי".

זי שפּיצט אָן אויף אַ ווײַלע די אויסגעקראָכענע אויערן, גיט אַ גלאַנץ מיט די קאַליע אויגן; באַלד אָבער פאַרוואַרפט זי צוריק איר פוילן קערפּער, פאַרזשמורעט די אייגלאַך און דרעמלט אײַן ווייטער, ווי געוועז.

די גאַס, אויף וועלכער טאַנטע בערטע'ס הויז געפינט זיך, איז אַ קאָבעדיקע, איינע פון די טומלדיקסטע אין שטאָט. אַ הויך־באַן טראָגט זיך דורך אַלע ווײַלע און טראַסקעט אָפּ מיט אַ שווער־אײַזערנעם גרילץ. דאָס הויז אַליין, אַ פינף־גאָרנדיקס, אַ ציגל־אָפּגעקראָכנס, איז געדיכט באַוואוינט. די אײַנוואוינער — פּרוכטן פון דער אַמעריקאַנער קאָסמאָפּאָליטישער שטאָט, מיט גוט־געמישטן בלוט אין די אָדערן. דײַטש־אַמעריקאַנער, אירלענדיש־פראַנצויזן, אידיש־איטאַליענער. אפשר דערפאַר, וואָס דאָס פרעמד־צעמישטע בלוט ריזלט זיך האַסטיק, זוכט זיין אייגענעם וועג אין דעם טומל, איז דער מענטש דאָ אַזוי אומרואיק: שטענ־דיק טאָג און נאַכט, סקריפּען די טרעפּ. מען שלעפּט זיך אַרויף און אַראָפּ. פון אַ הינטער די שורות טירן רייסן זיך אין קאָ־רידאָר ווילד־געמישטע קולות: געלעכטער, קוויטשערייען, קללות און געוויין. רעוועט ערגעץ הינטער אַ טיר אַ שכור'ער, מישט זיך אַריין אַ גאָדגלדיקער גראַמאָפאָן, דרימטשקעט צו אַ הייזעריקע פּיאַנע; לויפט אָן פון ערגעץ אַ לופט־באַן, קנאַלט אָפּ פון ווייטן מיט אַ שטיינער־קלאַפּעריי, צעגרילצט זיך, מישט אויף און טראָגט דונערדיק אַוועק אַלע קולות צוזאַמען.

אָבער דער דרויסנדיקער טומל דערלאַנגט ניט צו טאַנטע בערטע'ן. טויב איז זי און אַלט. אָפּגעשיידט פון לעבן. קוקט אַ גאַנצן טאָג אין פענסטער, זעט גאָרנישט און הערט גאָרנישט. אַ קליין אײַנגעשרומפּן וועלטל אין מיטן דער גרויסער רוישנדי־קער שטאָט: טאַנטע בערטע און „שוועסטער מארי", איר קאַץ...

2.

ווי אַלט איז טאַנטע בערטע? אכציק, אפשר שוין מער ווי אכציק. אַלט, זייער אַלט.

אַ קליינטשינקע, אַן איינגעהאַרבעטע, ווי אַ צעפּלאַנטער־טער מאַטיק גרויע פּאַדים; אָנגעטאָן אין אַ געבלומטן ברייטן קלייד, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, ווי אַ זעקל, ביז צו דער ערד. דאָס פּנים איז קליין, רונדיק, אויפגעבלאָזן פוןביידע זייטן מיט לויזע קישעלאַך און בלאַס־בלאַס. אויפ'ן אויסגערונדיקטן פּנים גראָבן זיך איין צוויי קאַרבן, אויף ביידע זייטן פון'ם אָנצייניקן מויל, און לאָזן זיך אין צוויי בייזע ליניען טיף־טיף ביז צו דער מאָרדע אַראָפּ. אויף דער בלאַסער אָדלער־נאָז זיצן שפּאַקולן. זיי פאַר־שטעלן אַ פּאָר ווייס־צעבורעטע אויגן, צווישן צוויי בערגלאַך טרוי־קענעם הויט ; אויגן, וואָס קענען בלויז בלינצלען, קוקן אָנגע־שטרענגט אויף איין פּינטל און ניט רירן זיך פון אָרט. אויפ'ן שפּיץ שטערן שלאָגט זיך אַרויס אַ טשוב ווייס־גרויע האָר. די האָר זיינען האַרטע, צעשטעלטע און הייבן זיך אויף אויפ'ן שטערן, ווי אַ הענערשער קאַם.

וואָס קלערט זי, די טאַנטע בערטע, זיצנדיק גאַנצענע טעג לעבן פענסטער?

געדאַנקען צעפּיצלטע, צעפּלעקטע, ווי ווערטער געשריבן מיט קלעפּיקן טינט אויף אָפּגעריבענעם פּאַפּיר.

ס'טאַנצן פאַר די אויגן אויף אַ בלאַסן לאַנג־צוצויגענעם פאָרהאַנג שוואַרצע לעבעדיקע פּינטעלאַך. זיי קוויטשען צו, דורכשוועבנדיק, מיט אַן אָפּגעהאַקטן שאַרפן קוויטש, גיבן זיך אַ דריי רעדלדיק און פאַרשווינדן פון אויג. אָט, דאַכט זיך איר, דערקענט זי זיי און אָט דערקענט זי זיי ניט. אָט איז זי דאָ און באַלד איז זי ערגעץ ווייט־ווייט. די גאַנצע צייט שמייכלט זי, וויל אויסשטרעקן אַ האַנט, עפּעס דערלאַנגען און קען ניט. נאָכ־דעם מישט זיך אַלץ אויס אין אַ געדיכט־מעליקער בורעניש. פון דאָרטן ווינקט מען צו איר מיט פינגער, מיט אויגן, מיט משונה־מאָדנע כל'ערליי באַוועגונגען. ס'הייבט איר אָן שווינדלען אין קאָפּ און זי פאַלט, גליטשנדיק זיך, דורך אַ ווייס־רויכערדיקן נעבל.

אָט איז גוסטאַוו, אַ יונגער בחור'עץ מיט אַ סאַזשע־אויסגע־שמירטן, לאַכנדיקן פּנים. איז דאָס איר מאַן? ניין, דערווייל איז ער נאָך ניט אירער. ער קוועטשט זי אין זיינע שמידעשע לאַפּעס, טשמאָקעט אין די ליפּן און גלעט זיין פאַררויכערטן האָ־ריק־האַרטן פּנים צו אירן און זי שעמט זיך, שטיקט זיך מיט צופרידנקייט און לאַכט. און ווער איז דאָס דער, וועמען מען האָט, אַ בלויען, אַ צעשוואָלענעם, אויף גלידער צעריסענעם, אַמאָל צוריק פון דער אַרבעט אַ היים געבראַכט? דערזעלביקער גוסטאַוו? איר לאַכנדיקער מאַן? מאָדנע, אַלץ איז מאָדנע.

אָט איז ליזע, איר שוועסטער ליזע. אַ לייבלאַכע שוועסטער געווען און אַזוי ניט ענלאַך איינע אויף דער אַנדערער. יענע איז געווען אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ היציקע. געווען נאָך אַ בלוט־יונגנט, אפשר מיט צען יאָר אינגער פון בערטע'ן. ביידע האָבן אָפּגע־לעבט דאָ אין הויז אַ שטיק לעבן צוזאַמען, געקריגט זיך צייטנ־ווייז. שולדיק איז אַלע מאָל ליזע געווען, פאַרשטייט זיך: אַ היציקער טעמפּעראַמענט, אַן אַלטע פאַרזעסענע מויד. פּלוצלונג, איינמאָל אין דער פרי, בערטע וועקט זי:

— ליזע, ליזע, ליזכען!

ניטאָ קיין ענטפער.

— ליזע, שטיי אויף!

שטיל.

איז בערטע צוגעגאַנגען צום בעט און האָט אָפּגעדעקט די קאָלדרע: אַ דאַרע, אָדערדיקע האַנט איז שווער אַראָפּגעהאַנגען פון ראַנד בעט. זי האָט אָנגעטאַפּט די פינגער — קאַלט. איז צוגעשפּרונגען די „שוועסטער מאַרי“, געטוליעט זיך וויי־לייביק, געקוקט צעשראָקן, געמיאוקעט בעטנדיק, און געשמאָרעט מיט'ן פּיסל איבער'ן אויסגעצויגענעם קערפּער. ליזע האָט זיך ניט גע־געבן קיין ריר. געשטאָרבן אַ בלוט־יונגנט. איבערגעלאָזן בער־טע'ן, דעם צעבראָכענעם שאַרבן, איינע אַליין אויף דער וועלט.

צייט ליזע איז געשטאָרבן, איז דאָ אין הויז אַלע מאָל שטיל. קיינער שמאָרעט ניט מיט די פּיס איבער'ן דיל, קיינער עפנט

ניט אויף און פארמאכט ניט די טיר, קיינער רעדט ניט אוים קיין וואָרט.

א מאָל נאָר, אז די שטילקייט הויבט אָן טאַנטע בערטע'ן צו באַאומרואיקן און ס'פּאַרגלוסט זיך איר ביז ווייטאָג הערן א קלינ־גענדיק וואָרט, הויבט זי אָן רעדן צו דער קאַץ:

— „שוועסטער מארי".

— ניאו־ו־ו.

— אַלטינקע זיינען מיר שוין.

— מיאו־ו־ו.

— שוואכע, ביינדלדיקע, טרוקענע. איך און דו, מער קיי־נער נישטאָ.

זי נעמט ארום די קעצישע האַלז צווישן אירע טרוקענע פינ־גער, קוועטשט זי אראָפּ נידעריקער און טוליעט ביי זיך אין שוים.

— ווייסט, מארי? טאַנטע בערטער איז דאָך א מאָל א קליין מיידעלע געווען. געטראָגן פארפלאָכטענע צעפּעלאך. א מאַן געהאט, קינדערלאך געהאט, פּיצעניאַנצינקע, לאַכעדיקע, וואַ־רימינקע. דער מאַן — טויט, די קינדער — טויט. ליזע איז אויך געשטאָרבן. „שוועסטער מארי" איז נאָר פארבליבן. באַלד וועט שוין קיינער ניט זיין. האָסט מורא, מארי? זאָג, האָסט מורא?

זי לאַכט זיך אָן א סיבה פאַנאַנדער מיט א טרוקענעם אויפגעטרייסלטן געלעכטער. „שוועסטער מארי" פארלירט זיך אינגאַנצן; זי טוליעט זיך צו איר נעענטער, לעקט זי מיט דער צונג און הויבט אָן גלעטן מיט'ן אַלטן אויסגעקראָכענעם עק.

שפּעטער שלעפּט זיך טאַנטע בערטער צום בעט, שלעפנדיק קוים אירע קראַנקע, צעשוואָלענע פיס. זי קנוילט זיך אויף צו־זאמען, זיפצט און קרעכצט. ס'שלאָפט א צעבראָכענעם ווייס־ווינטער שלאָף די אַלטע טאַנטע בערטע און לעבן איר ליגט אין א בויגל אויפגעדרייט און חלום'ט די „שוועסטער מארי", איר קאַץ...

3.

אַלע אינדערפרי, כמעט שטענדיק אין דערזעלביקער צייט, קלאַפּט עמיצער אָן ביי דער טאַנטען אין טיר.

דעם קלאַפּ הערט זי ניט. טויב איז זי, אָפּגעטשעפּעט פונ׳ם גאַנצן דרויסנדיקן לעבן. נאָר מאַרי, קוים דערהערט זי נאָר א טומל, ווערט זי פון אַלטער געוואוינהייט, שטאַרק אומרואיק; זי ציט אויס די האַלז, שטעלט פאַנאַנדער די אויערן און לאָזט אַרויס אַן אומעטיק־דראָענדיקן מיאַו־ו. טאַנטע בערטע שלעפּט זיך אַוועק צו דער טיר.

אָנגעשפּאַרט אויף א שטעקן, וואָס זי שטעלט אויס אין דער קרום, רוקט זי זיך מיט מאַטערניש און נעמט איבער פון יענער זייט טיר א זעקל. אין זעקל ליגן אָנגעשטאָפּט ווייכע צעפּיצלטע שטיקלאַך עסנוואַרג, איבערבלייבאַכץ פון עמיצנס א טיש: שטיק־לאַך חלות, טאָרטן, א געבאַקט קאַרטאָפל, אמאָל — אין א שי־סעלע א גערדיכט ביסל גרויפּן, אמאָל — נאָך ניט קיין אָרומגעגרי־זשעט שטיקל ביין.

ווער איז עס, וואָס דערמאָנט זיך אויף איר אַלע טאָג, ווייס זי ניט. דעם אמת געזאָגט, זי איז ניט איבעריקס ניי־געריק צו וויסן. א פּוילקייט פאַנצערט אַרום אירע שוואַך־פּויזנ־דיקע געדאַנקען און לאָזט זיי ניט אַוועקגיין אין דער פרעמד. ברענגט מען עפּעס — נעמט זי דאָס צו. ווען ניט, וועט זי אויך אויף קיינעם קיין פּאַראיבל ניט האָבן. ברענגט מען, עסט זי. ווען ניט, וועט שוין זיין גוט אַזוי...

טאַנטע בערטע זעצט זיך אַוועק אויפ׳ן שטול, שטשיפּלט מיט די ביינערדיקע פינגער ווייכע שטיקלאַך פון זעקל, לייגט אַריין אין מויל און זשוואַקעט; זשוואַקעט לאַנג און אָן א טעם. מאַרי ליגט ביי איר אויפ׳ן שויס, האַלט אָפן דאָס מויל מיט די אויס־געשפּיצטע, קאַליע־געוואָרענע ציינער, קוקט רחמנות׳דיק, כאַפּט שטיקער נאָך שטיקער פון דער אַלטער׳ס טרייסלענדיקער האַנט און שלינגט זיי איין ניט איבערגעקייטערהייט.

לאַנג און נודנע ציט זיך די סעודה. עס אַרבעטן אומבאַ־
האָלפן די אַנציינגיקע יאַסלעס, עס צעשיטן זיך ברעקלאַך און
פאַלן אַראָפּ, לייגן זיך אויפ'ן פּוסטן דיל...

.4

איינמאָל בייטאָג, ניט אין דער געוויינטלאַכער צייט, האָט
עמיצער אין טיר אָנגעקלאַפּט. די טויבע טאַנטע בערטע האָט
גאָרנישט ניט געהערט. נאָר די קאַץ איז געוואָרן שטאַרק אומ־
רואיק און אַרויסגעלאָזן אַ לאַנג־צעצויגענעם און ספּוזשעטן מיאו־ו.

— גוט מאָרגן! אויב כ'מאַך קיין טעות ניט, וואוינט דאָ די
מאַדאַם בערטע ?

די אַלטע הערט ניט. דער פרעמדער שטויסט זיך אָן, אַז
זי מוז מסתמא זיין טויב. ער חזר'ט איבער דאָס זעלביקע עט־
לאַכע מאָל העכער און העכער, ביז זי פאַרשטייט.

— יע, וואָס איז ?

— ער האָט די ערע זיך פאָרצושטעלן: דער נייער בעל־
הבית פונ'ם הויז, ערשט ניט לאַנג געקויפט עס און איצט איז
ער געקומען דערמאָנען וועגן דירה־געלט.

— וואָס ?

—זייער איינפאַך: דער ערשטער פונ'ם מאָנאַט איז שוין
אוועקגעגאַנגען און קיין דירה־געלט איז נאָך דערוויילע ניט גע־
וואָרן באַצאָלט. ער פילט עס פאַר זיין חוב מאַדאַם בערטען און אַלע
איבעריקע קוואַרטיראַנטן אָנצוזאָגן, אַז ווי אומאַנגענעם אים זאָל
דאָס ניט זיין, אין דער פראַגע פון דירה־געלט וועט ער פון היינט
אָן און ווייטער מוזן זיין זייער, זייער שטרענג.

טאַנטע בערטע בלינצלט מיט די אויגן, „שוועסטער מאַרי"
דרייט פויל און שוואַך־עלטערדיק איר אויסגעקראַכענעם עק. דער
גאַסט איז הפנים ניט איבעריקס שטאַרק „וועלקאָמען". אַנבּ
פאַרשטייען זיי ניט גוט, וואָס ער וויל.

— כע־כע־כע, דער הער האָט קענטיק אַ טעות געהאַט. צו
וועמען רעדט ער? ווער איז זי ? אַ שטיק צעשטויסענער שאַרבן.
זי טשעפּעט קיינעם ניט, קיינער טשעפּעט ניט איר. אפשר האָט

ער געדראפעט זען ליזע׳ן ? ליזע איז טויט. אזוי גאר פלוצ־לונג געשטארבן. אדרבה, זאל דער הער זען: נישטא דא מער קיינער, נאר זי און די „שוועסטער מארי“.

דער פרעמדער, א קינד פון דעם היגן טומלדיקן בלוט־אויס־טויש, הערט אויס און בלייבט איינגעשפארט. ער דרייט לאנג־זאם א פאר שווארצע געקרייזלטע וועגצלאך און רעדט מיט הארץ:

— דאס הויז קאסט אים אפ אן אוצר. הייצט צינזן, וואסער, באלויכטונג, פאררימטונג, „אינשורעס“. דער קווארטיראנט האט גאר קיין באגריף ניט, וואס דאס אלץ קאסט היינטיקע צייטן אפ. ער אליין איז א געשעפטסמאן, א ראיעלער געשעפטסמאן: מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס. קיין נדבות איז ער ניט אומשטאנד צו געבן, אויף דערויף זיינען דא „טשאריטיס“. ע ר מוז האבן אלע חודש דאס געלט.

אין די ווייס־צעבורעטע אויגן שאטנט זיך דורך אן אימה. „מארי“ פילט הפנים אויך דעם אומגליק. זי האלט א נעבאכדיק רחמנות פנים אויפגעהויבן צום פרעמדן און טוליעט זיך די גאנצע צייט ביי דער אלטער אונטער די פיס.

— געלט ? ווי קומט עס צו איר, צום שארבן ? אז ליזע איז טויט. אזא בלוט־יונגט געווען. געשטארבן גאר פלוצלונג. און זי אליין, אן אפגייענדיקער שאטן, א שארבן, זאל דער הער אנקוקן און זען.

— ער קען זיך גארנישט העלפן. דאס דירה־געלט מוז זיין באצאלט.

— וואס מיינט ער, דער הער ?

— אויב ניט, זאל זי זיך זוכן אן אנדער דירה. ער איז נאך דערווייל ניט אין די צדקה־„ביזנעס“. א געשעפטסמאן איז ער. א ראיעלער געשעפטסמאן. מארגן וועט ער ווייטער אריינקומען און הערן דאס לעצטע ווארט. דערווייל „א גוטער טאג“.

דער פרעמדער איז אוועקגעגאנגען. טאנטע בערטע האט אים טרויעריק נאכגעקוקט, געבלינצלט מיט די אויגן און צעגע־שאקלט מיט׳ן ווייסן טשוב...

.5

אויף מאָרגן איז דער פרעמדער ווידער געקומען. איבער־מאָרגן — נאָכאמאָל. אַלע טאָג מיט דערזעלביקער טענה : ער מוז האָבן געלט.

— וואָס מיינט זי, די אַלטע ? וואָס טראַכט זי זיך ? די וועלט איז דאָך ניט הפקר. גלאַט אַזוי נעמען, אָנשטעלן אַ רחמנות־פּנים און זאָגן „ניטאָ". זאָל זי עס געדענקען: ס'וועט אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, ער וועט פאַרלירן זיין געדולד און וועט מוזן זיך ווענדן צום געזעץ...

דער פרעמדער גייט אַוועק. טאַנטע בערטער בלייבט אַליין. זי ווינקט צו איר חבר'טע אין אַ צרה, דער „שוועסטער" מאַרי" אויסריידן זיך פאַר איר דאָס האַרץ.

— פּס־ס־ס.

— מיאַו־ו־ו.

— שוועסטער מאַרי.

— ניאַו־ו.

—אַלטינקע זיינען מיר, שוין צעבראָכענע. קוים וואָס מיר האַלטן זיך אויף די פיס.

די קאַץ דרייט פויל, צושטימענדיק איר אַלטן אויסגעקראָכענעם עק.

— וואָס וויל ער פון אונז, דער פרעמדער ? וואָס מאָנט ער ? וואָס ברגז'ט ער? ווּעמען גייט עס אָן, וואָס ס'טוט זיך ביי זיי אויף דער טומלדיקער וועלט ?

מאַרי הויבט אויף אַ באַליידיקטן, אַנגסט־צעקרימטן פּנים און קוקט דער אַלטער גלייך אין די אויגן אריין.

— אַז זי איז אַמאָל אויך יונג געווען. מיט ליזען אויף דער גאַס ארומגעשפּילט, געשפּרונגען האָפּ־האָפּ, איבער אַ שטריק געטאַנצט און ניט איינגעמאַטערט זיך אפילו קיין האָר. אַ מאַן געהאַט, קינדערלאַך געהאַט. פּיצעניאָנצינקע, לאַכנדיקע, וואַרימינקע. אַלע צעשטאָרבן. זי אַליין אַ צעפּיצלטער שאַרבן געבליבן. אפשר וויל זי גאָר קיין שאַרבן ניטזיין ? אפשר וויל זי

צוריק סטענגעס אין יונגע צעפּ איינפלעכטן ? אפשר האָט זי נאָר מורא צו שטאַרבן ? פרעגט ביי איר עמיצער ? וויל עמי־צער דערפון וויסן ? הא ?

די קאַץ נורעט זיך איין אין דער אַלטער׳ס בוזעם און שווייגט שוועך.

— איצט איז דער פרעמדער געקומען און וויל זיי אַרויס־וואַרפן;ביידן, זי און די „שוועסטער מאַרי". וואוהין וועלן זיי גיין ? אַז זיי האָבן קיינעם ניט און אויף דערוועלט איז טומל־דיק. שאַרבנס זיינען זיי צעבראָכענע, פאַרמעט אויסגעטריקנ־טער. קיין טרער איז ניטאָ אין אויג, קיין כח אין טראָט. טאָ באַאומרואיק ניט. גיי זיך טומלען אין דיין וועלטל און אונז לאָז שטיל זיצן אין אַ ווינקל און וואַרטן אויפ׳ן סוף.

די קאַץ בורטשעט אָפּ דראָענדיק אין דער קבר׳דיקער שטיל־קייט פון דעם הויז.

— נאָר זאָל זיך „שוועסטער מאַרי" ניט שרעקן. טאַנטע בערטע לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט אַרויסוואַרפן. דאָס לעצטע ביסל כחות וועט זי צונויפנעמען און זיך אַנטקעגנשטעלן. „אויס־וואורפן! העזה׳ניקעס! הינט בייסיקע! אויף וועמען האָט איר זיך אָנגעזעצט ? גייט אייך צו אייערע. טומלט, בייסט, שלינגט איין איינע די אַנדערע און אונז לאָזט צורו. מיר טשעפּען קיי־נעם ניט, קיינער טשעפּעט אונז ניט. טרעט אָפּ און לאָזט אונז שטאַרבן אין דער שטיל.

— בעסער וועט זיין, גאָר ניט צו ענטפערן. קלאַפּן זיי — מאַכן זיך ניט הערנדיק, איינדרייען זיך אין קאָלדרע און ניט אַרויסלאָזן קיין פּיפּס. וועט מען דאַרפן, וועלן מיר אונטער׳ן בעט אונטערקריכן. שאַ, שטיל. אַלץ איז דאָ טויט. פאַרשטאַ־נען, „שוועסטער מאַרי". פאַרשטאַנען ?

— מניאו־ו.

— געדענק־זשע! זיך ניט לאָזן. אויסנאַרן זיי. בלייבן דאָ אויפ׳ן אָרט.

— ניאו־ניאו ניאו.

דער ווייסער טשוב ביי דער אַלטער אויפ'ן קאָפּ צעשויבערט זיך מאַכיק, איינציקע הערלאַך צעטרייסלען זיך הין און הער, ווי פון ווינט. זי ווערט אַנטשלאָפן אויפ'ן שטול.

6.

מען האָט געבראַזגעט אין טיר. אַ שעריף איז געקומען מיט אַ געשריבענעם פּאַפּיר, אין נאָמען פון געזעץ, ארויסשטעלן די אַלטע מאַדאַם בערטע אויף דער גאַס.

— אין נאָמען פון געזעץ, עפנט !

שאַ.

— עפנט!

שטיל.

— צו אַלדי רוחות, געעפנט זאָל ווערן!

ניטאָ קיין וואָרט.

— צום לעצטן מאָל וואָרן איך אייך : עפנט אויף, אַז ניט, וועל איך זיין געצוואונגען אויפברעכן די טיר.

דער שעריף האָט געקנאַלט מיט'ן שפּיץ שטיוול אין דער הילכיקער טיר, געוואָרן וואָס ווייטער צערייצטער, האָפּערדיקער. די ווענט האָבן זיך געטרייסלט פון די קלעפּ.

די פּאָר אינוועניק האָבן זיך געשושקעט פּיל־באַדייטנדיק:

— הערסט, „שוועסטער מארי", טויט זיינען מיר, אין אַ פּאַר'חתמ'עטן קבר. פאַרשטאַנען? יע?

— ניאו־ניאו ניאו.

די קלעפּ זיינען געוואָרן דראָענדיקער. שטיקער שפּענדלאַך זיינען געשפּרונגען פון די טיר־לייסטן און געטאַנצט אין דער שטויביקער פּוסטקייט אַרום און אַרום. פון יענער זייט האָט געדונערט אַ גראָבע באַסאָווע שטים.

—עפנט אויף, מורדים! דער טייוול זאָל אייך צוכאַפּן. וואַגט ניט צו שטעלן זיך מיט געוואַלט אַנטקעגן דעם געזעץ.

די אַלטע מיט דער קוליע, מארי, אַ צונויפגעפּלאָכטענע אין אַ קוילעטש, האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט ווי אויפגעקאָמעטע פּעק־

לאך שמאטעס, אונטער'ן בעט. דארטן האבן זיי זיך געוואל־
גערט איינגעקלעפּט איינע אין דער אנדערער. די אלטע, מיט
אן אויפגעוואכטן ביטערינקן שמייכעלע, וואס האט זיך געקנייטשט
אין די ווינקלאך פון איר אנציייניקן מויל, האט שטילערהייט גע־
שעפּטשעט צו דער קאץ:

— שא! קיין פּיפּס! הערסט: געשטארבענע זיינען מיר, פארשאטענע, באגראבענע. פארשטאנען? יע?

דער שעריף האט געקלאפּט, געבראזגעט, דערזען, אז ער איז דא מאכטלאז. דערשראקן זיך פאר דעם פארבאריקאדירטן שונא אינוועניק און ער האט געמוזט ארויסרופן די פּאליציי.

7.

אז מען האט ענדלאך אויפגעבראכן די טיר און די פּאליציי האט זיך ארייגעריסן אינוועניק, האט זיך ערשט אנגעהויבן א ריכטיקע מלחמה.

די אלטע מיט א צעשויבערטן ווילדן טשוב, איין האלאבליע פון שפּאקול ארפּגעפּארן פון אויער און די ווייס־צעבורעטע אויגן צעשוימט, ווי פּיענע אויף מוטנעם וואסער, איז געשטאנען לעבן אריינגאנג, די קוליע איינגעשטייפט אין טרוקן־הויטיקע פינגער און געפאכעט מיט איר טענצלדיק־שנעל הין און צוריק איבער די קעפּ.

— אויסוואורפן! הינט משוגענע! טומל־מאכערס! א נכפה זאל אויף אייך קומען! שטארבן לאזט איר ניט אין דער שטיל!

„שוועסטער מארי" איז געשטאנען ביים זייט, אונטערגע־הויבן זיך אויף די הינטערשטע לאפּקעס. דער שטרענגער קעצישער מויל שטרענג פאנאנדערגעעפנט. די וואנצעס צעבלאזן. אין די אלטע אייטערדיקע אויגן האט געברענט א שנאה'דיקער גריי־נער פונק. דער בויך האט זיך פון אינוועניקסטער אויפרעגונג געהייבן און געצאפּלט ארויף און אראפּ. זי איז געווען גרייט אויף א שפּרונג.

— אין נאמען פון געזעץ!

גלעזער, שאַלן, אַ קרעכצנדיקער וועקזייגער, פאַרשטויבטע, בלעכענע קעסטלאַך זיינען אימפעטיק געפלויגן איינע נאָך די אנדערע און אויפגעוועקטע פון לאַנג־יאָריקן פאַרשימלטן דרעמל, הילכיק געקלונגען, געפאַלן האַגלדיק איבער די קעפּ.

די געזונטע, גראָב־פליישיקע יונגען האָבן זיך אויף אַן אמת דערשראָקן און געשאַרט זיך נעענטער צו דער טיר.

שפּעטער איז געקומען צו אַ האַנט און האַנט געפעכט. אויך דאָ האָט „שוועסטער מאַרי" איר אַלטע חבר'טע ניט פאַרשעמט.

מיט די אַלטע, נאָך גאַנץ שאַרפע נעגל האָט זי שמאַרצנדיק־טיף אין פלייש אַריינגעקרעלט. די אַלטע האָט געביסן מיט אַנ־צייניקע יאַסלעס. די יונגען האָבן שווער געאַרבעט און געסאַפּעט. דער ווידערשטאַנד איז געווען צו היים.

— אויסוואורפן! הינט בייסיקע! אַ וועלט אַ גאַנצע איז פאַר אייך ווייניק. אַ ווינקל צו שטאַרבן פאַר עמיצן לאָזט!

— אין נאָמען פון געזעץ, פאַרלאָזט דאָס הויז!

די מלחמה איז לאַנג אָנגעגאַנגען. מען האָט אַרויסגערופן רעזערוון. טאַנטע בערטע מיט איר חבר'טע זיינען געוואָרן באַזיגט...

קאַצניאָמער

1.

קומט פֿרילינג — יאָמערן די קעץ. קלייבן זיי זיך צונויף לעבן געדיכט־באַוואַוינטע שמוציקע שטאָט־הייזער, קעץ היימלאָזע, פֿאַרוואָרימטע, אָפּגעקראָכענע, דראַפּען זיך אויף געזימסען, שפּרינגען אויף דעכער, שטעלן זיך אויס אויף שמוץ־קאַנען, אויף אַרויסגעשליידערטע מעבל און צעפּוילטע מאַטראַצן, און יאָמערן מיט באַנומענע קולות: „מיאַו־ו־ו, פֿרילינג איז געקומען, פֿרילינג איז שוין דאָ. ניאַו־ניאַו, ניאַו".

פֿאַלט צו אויף די טומלדיקע גאַסן אַ פֿרילינג־נאַכט, אָטעמט מיט לאַסטשענדיקע ניט־דאָאיקע ווינטלאַך, ברענגט צוטראָגן אַ ריח פֿון וואַקסנדיקע גראָזן און צעפּרייעטער רויער ערד. האַלט מלחמה נאַכט־שוואַרצקייט מיט גרויען שטאָטיקן ליכט. ווערן די מענטשן מאָדנע אומרואיק. טרויערט די בענקשאַפֿט פֿון טויזנטער אויגן אַרויס. שלינגען זיי דאָרשטיק די פֿרישע ווינטלאַך און פֿאַרשרייען דעם שטילן נאָגנדיקן ווייטאָק מיט ליאַרעם און הילכיקן פּוס־טופּעריי.

שטייט אָפּ דאָס יונגוואַרג שעה'נווייז אויף די גאַניקעס און אין די טונקעלע הויז־אַריינגאַנגען, ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. רוקן זיך צו נעענטער פֿאַר'חלש'טע לייבער. נייגט זיך ציטערנדיק קני צו קני. שרייט פֿלאַמענדיק דאָס צערייצטע בלוט. האַלט אַ האַנט ניט אויס. פֿאַרוואַרפֿט זיך אַרום אַ ווייכן מיידלשן קערפּער. קוקן צעשראָקן פֿאַרגרעסערטע פֿרעמדע אויגן. פֿלאַפּלען אומזין צעברענטע ליפּן. זינגט מען נאַרישע לידלאַך. בראָקט מען וויצן און מען לאַכט מיט אַ פֿאַרשטיקטן אינוועניקסטן גע־

לעכטער. און ארום — די קעץ פינקלען מיט קאַלט־גרויע אויגן, הוידען זיך אויף געזימסען און דעכער, עפענען פאַנאַנדער שמאָלע מיילער און ציען לאַנגזאַם זייער געוויינלאַכע סערענאַדע: „גיאו, גיאו, גיאו"...

דאָרע, א מיידל פון א יאָר זעכצן, א געבוירענע אין א טענעמענט־הויז אין ניו יאָרק, איז אויך פאַרכאַפּט און פאַר־כשוף'ט געוואָרן אין אזא ווארימער פרילינגס־נאכט.

2.

פאַרנאַכט, נאָך דער ארבעט, האָט זיך דאָרע שטילינקערהייט אויסגעפּוצט, אונטערגעשווארצט די ברעמען, באַרויטלט די ליפּן, באַוויסט דעם שפּיץ נאָז, ארויפגעצויגן אויף זיך א רויטן „סוועטער" און ארויסגערוקט זיך פון דער טיר אין גאַס אריין.

זי האָט שוין א „פעלאָו". ווילי רופט מען אים. א וואוי־לער, טייערער אינגל. אלע מאָל קלערט זי וועגן אים, זוכט מיט־לען ווי אזוי אים בעסער צו געפעלן. אים איז זי דאָס איצט טאקע ארויס אָפּוואַרטן און באַגעגענען.

ווילי האָט זיך לאַנג ניט געלאָזן ווארטן. מיט זיין געוויינ־לאַכן גאַנג, לענגדיק מיט לאַנגע דאַרע פיס גרויסע קלאַפּטער־טריט, איז ער ארויסגעקומען פון א „קאָרנער".

— האַלאָ, קיד!

— האַלאָ, ווילי!

דאָרע ווייס, ווי צו מאַכן חנ'דלאָך. קיין שיינע איז זי ניט. זי איז ניט געגאַרט אין חשבון און פאַרשטייט גוט אירע חסרונות. אויב ניט שיינקייט, זאָל זי אים כאָטש צוציען מיט'ן מיידלשן רייץ. זי פאַרקייקלט די אויגן, שטעקט ארויס א שטיק ראָזעווען צינגל, לעקט אים אָפּ גראַציעז, רעדט צו ווילי'ן מיט א געמאַכטן פּיעשטשענדיקן קול'כל:

— האָסט מיך אזוי לאַנג געלאָזט ווארטן, ספּאָרט.

דער בחור איז צעפרידן. זיין האַלטונג איז ניט זיכער, אָט איז ער כוואַטסקע־שפּרינגענדיק, ווי א יונג הענדל און נאָך דעם

ערנסט ווי אַן אמת'ער „דזשענטלמאַן". ער לייגט אוועק די האַנט אויף דאָרע'ן, טוט זי אַ שלעפּ צו זיך מיט גוואַלט. זי גיט זיך אַ צאַפּל און לאָזט אַרויס אַ חנ'עוודיקן קוויטש:

— לאָז אָפּ.

— קום, דאַרלינג, שפּאַצירן.

זי וואַרפט אַ געאיילטן צעשראָקענעם בליק, זען אויב טאַטע־מאַמע קוקן ניט. נאָכדעם גייען זיי ביידע אוועק.

.3

ווייטער פון דער אָנגעכמורעטער „טענעמענט"־גאַס, וואו קינדער פּילן זיך ווי יתומים און גרויסע מענטשן, ווי אָראָפּגע־שליידערטע שווערע שטיינער, האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט אהין, וואו עס איז אַלעמאָל טומלדיק און פרייליך; ווייסע ביינאַכט־פייערן בלענדן די אויגן און אַן אויפגערעגטער עולם שטופּט זיך הין און צוריק, ווי אויף אַ רייכער אויסגעפּוצטער חתונה.

אַ בליאַסק פון אומצייליקע לאָמפּן. אַ יום־טוב'דיקער עולם. פרויען אין העל קאָלירטע שמעטערלינג קאָסטיומען. פּנים'ער באַ־שיינט און מאָדנע פאַרענדערט אונטער שטראַלן פון מאַטאָוון ליכט. ביי דער זייט — מענער, ערנסטע, וויכטיקע און אָפּגע־שפּיגלט אין קינסטלאַכן פייער — אַזעלכע גרויסע. דאָ סווי־שטשעט, פאַרגייט זיך אַ ברענענדיק גאַס־אויוועלע, וואָס בראָט ניסלאַך און קאַשטאַנען. אַ וואָנציקער איטאַליענער פּאַקט זיי אין זעקלאַך און שלאָגט פאַר די פאַרבייגייער: אַ ניקל אַ זע־קעלע. אַ ביסל ווייטער שפּילט אַ בלינדער נעגער אויף אַ באַנדורע. דאָס פּנים קליין, צעטריקנט, גרויע האָר־פּוקעס, ווי באַקנבאַרדן אויפ'ן פאַרמעטענעם הויט. דאָס אָפּענע אָנצייניקע מויל ברומט אונטער צום אַקאָמפּאַנימענט פון דער באַנדורע: „אין מיי אָלד קענטאָקי האָום". פון באַשטראַלטע געשעפטן שטופּט זיך אַרויס אַ גרויסער עולם, פּלייצט אַריין אין שטראָם און צע־קלאַפּט זיך כוואַליענדיק אין אַלע ריכטונגען. איבער דער פריי־לאַכער גאַס אַ שטיק פרילינג־הימל. ס'בלאָזן שעמעוודיקע ניט־

דאָאיקע ווינטלאַך. דער אָטעם פון פעלד, גראָז און צעפרייעטער רויער ערד רייצט אויף זודיק דאָס בלוט און פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען.

דאָרע האָט זיך נעענטער צוגעטוליעט צו ווילי'ן און אונ־טערגעכאַפּט אים אונטערן אָרעם. דאָ האָט זי אים ליבער ווי אומעטום: ער האָט זי דאָך אַוועקגעשלעפּט פון דער היים, פונ'ם פינסטערן אומעטיקן לאַך און אַריינגעבראַכט אין אַ וועלט פון ליכט און יום־טוב'דיקייט. זי הענגט זיך אויף אים אָן שטייפער און קוקט אַרויף מיט ליבשאַפט־אַנטציקונג.

— ווילי דיער, לאָמיר זיך אָפּשטעלן אַריינקוקן אין די פענסטער.

אַ לינדער ווינטל קילט אָפּ די צעהיצטע שפּיץ־אויערן. די אויגן עסן זיך איין אין דעם אויסגעפּוצטן שויב. דאָרע מעסט אָן אין געדאַנק היטלאַך, שיכלאַך, רייכע מאָדישע „דרעסעס“. ווילי איז אויך שטאַרק פאַרנומען. ער פּאַסט צו קראַוואַטן, שפּיל־קעס, העמדלאַך, קייטלט צו צום וועסט אַ גאָלדענעם זייגער און קייט. זיי קענען זייערע געפילן ניט איינהאַלטן און ציקלען אַרויס מיט אַ מאָדנער קינדערשער התפעלות:

—אָה, דזשי...

4.

פון אַן אויבערשטן עטאַזש שפּרינגען אַרויס אויף דער גאַס און יאָגן זיך אַוועק נאָך די נאַכטיקע ווינטלאַך טענער פון אַ פריילאַכן דזשעז־בענד. די פענסטער זיינען פון אויבן אויפ־געמאַכט. די שויבן זיינען פאַרכוקעט פון אָטעם און שווייס. דורך די פאַרכוקעטע גלעזער זעען זיך קעפּ, וואָס באַוועגן זיך נאָכאַנאַנד, שווימען אום הין און צוריק אויף טענצנדיקע פיס־לאַך.

— זעסט, דאָרע, אַ טאַנץ זאַל —

— איך זע.

ווילי ווערט אומרואיק, שמעקט ווי אַ יאַגד־הונט מיט דער נאָז. דאָרע איז אויך געפּלעפּט.

— לאָמיר אַריינגיין.

— וואוהין?

— טאַנצן.

— ניין, ווילי, איך קען ניט.

— פאַרוואָס?

— איך האָב מורא. ווייסט דאָך. דער „אַלך מען", דער טאַטע!

עס טוט זיך אַ וויג פאַרביי אירע אויגן די היים. אַ געל־ברענענדיקער קנאַקנדיקער גאַז־רער, אויפגעשויבערטע בעטן. דער פאַרוואַקסענער טאַטע אין צעבראַשטשעטן העמד. די מאַמע אין ווינקל מיט אויפגעלעגט אָדערדיקע הענט. זי גיט זיך ניט ווילנדיק אַ צאַפּל.

— קום צוריק.

— לאָמיר אַרויפגיין.

— איך זאָג דאָך דיר, איך קען ניט. דער „אַלטער" וועט זיך דערוויסן, וועט ער מיר מאַכן אַ טויט.

— פאַרגעס דיינע אַלטע. קום!

דאָרע ווייס, אַז זי וועט גוט נ׳ט אָפּשניידן. זי וועט קו־מען אהיים שפּעט און אויפבורען אַ גאַנצע סומאַטאָכע. דער טאַטע וועט זעצן מיטן האַריקן קולאַק איבער׳ן טיש, פּאָנפּן מיט דער נאָז און יאָרן צערייצט אויף זיין בייזערדיקן לשון. די מאַ־מע וועט פאַרלייגן די אָדערדיקע הענט אויפ׳ן האַרצן און בעטן זיך ווייגענדיק: „געגוג, זאָל שוין זיין געגוג". זי אַליין וועט שטיין אין אַ ווינקל, אַן אַן־לשונ׳דיקע קאַלב. ווילי איז אָבער שטאַרקער. ער פּלאַמט פון אומגעדולד און שאָקלט נערוועז מיט אַ שפּיץ פוס. וועט זי אים אָפּזאָגן, וועט ער אַליין אַנטלויפן. דער כישוף פון די דזשעז־טענער ריזלט אויף פאַנאַנדער אירע בלוטן. אויפגעמישט מיט פרישע פרילינג־ווינטלאַך, מיט נאַ־סיקן אָטעם, מיט׳ן ריח פון פעלדיקער שוואַרצער נאַכט, שיכור׳ן

זיי איין און פארוויגן, הוידן פאנאנדער אוןווארפן מיט א זיסן נאגנדיקן ווייטאק אין א טיפקייט אראפ און אראפ...

זי כאפט אן ווילי'ן פאר דער האנט, קוועטשט צונויף זיינע פינגער, לאכט פארכליניעט און שלעפט אים בעטנדיק זיך:

— קום, ווילי, קום ארויף גיכער טאנצן. „אי דאנט קער".

זיי זיינען אוועק טאנצן.

5.

אין זאל איז געווען טומלדיק און פרייליך. דער דזשעז באנד אין א ווינקל האט געריסן די לופט און געקערט וועלטן. דער צעהיצטער ריח פון שוויס, שמינקע, פארפיומען און מענטש־לאכער אָטעם האט זיך איבערגעשווענקט מיט'ן פרישן ווינט־שטרעמל, וואס האט זיך שטילינקערהייט פאר'גנב'עט פון די גע־עפנטע פענסטער. ,די הודזשענדיקע קולות צוזאמען מיט'ן גע־מישטן לופט־געטראנק האבן געגעבן א זעץ אין קאפ און פאר־שווינדלט. די פיס האבן אויפגעהערט צו פילן אונטער זיך דעם דיל.

ווילי האט געטראפן אין זאל חברים, מיט וועמען ער האט זיך באגריסט. ער האט זיי אלעמען פארגעשטעלט פאר דארען:

— „מיט מיי פרענד".

יענע האבן זיך גאלאנט פארנייגט, אונטערגעשמארעט מיט א פוס, ווי געניטע „דזשענטללייט". זייער באנעמונג צו דארען איז געווען ווי צו אן אמת'ער „ליידי".

אלע זיינען זיי פיין פארפוצטע. טייערע געפרעסטע קאסטיו־מען, קאלירטע קראוואטן, דימענטענע שפילקעס. אזעלכע „ספארטס" האט זי נאך אויף איר „טענעמענט"־גאס זעלטן בא־געגנט.

א גוואלטיקן איינדרוק האט אויף איר געמאכט איין „דזשענטל־מאן", א בחור פון א יאר צוואנציק, ארום וועמען ווילי האט זיך די גאנצע צייט ארומגעדרייט, ווי א הינטל און געקוקט אים גלייך אין די אויגן אריין.

— דאָס איז „בעני“, דער שוואַרצער בען, אַ „רעגולאַר גאַי“, אַ „לידער“. אַלע „באַיעס“ קענען אים. מען ציטערט פאַר אים, ווי פאַר פייער.

געווען איז ער אַ נידעריק־געוואַקסענער, ברייט־ביי־ניקער בחור. אויסגעפּוצט ווי אַ „דענדי“. לאַנגע און זייער שמאָלע באַקן. שמאָלינקע אויערן. אונטן איז די קינבאַק אַרויסגערוקט און די אויבערשטע דינע ליפּ פאַרלייגט זיך אויף דער דיקערער, ווי ביי אַן אַנצייניקן זקן. אַז ער פלעגט שמייכלען, פלעגן זיך די מוסקולן פון פּנים מאָדנע צעשפּילן און אַ טיפער קאַרבי־קער קנייטש פלעגט זיך צעליינגן איבער׳ן ברייט פון פּנים, כמעט אונטער׳ן סאַמע אויג.

אַז ווילי האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר איר, האָט דאָרע, אַנגעשטעקט פון ווילי׳ס אַנטציקונג, אויף אים געקוקט מיט שרעק און דרך־ארץ.

באַלד האָבן זיי זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין פאַרביקן קנויל טאַנצן.

אַפריער אומגעשיקט־פויל, פילנדיק די משא פון איר פעט־קייל־אַכדיקער פיגור, פון מיאוסע קרומלאַכע פיס, פון דעם בי־ליקן קליידל, נאָכדעם, מיט׳ן קנאַק פון טרובעס, מיט׳ן קוויטש פון פידלען, מיט׳ן געשאַר פון פיס אויפ׳ן וואַקסענעם, גליטשיקן דיל, האָט זי זיך פאַרדרייט, פאַרשווינדלט, איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ לייכטער טאַנצנדיקער שטימונג, ניט געוואוסט ווער און וואו זי איז.

איר נאָמען איז, דאַכט זיך, דאָרע. דאָרע פון „טענעמענט“־גאַס? חלילה, וועלכער נאַר האָט דאָס אויסגעקלערט? אדרבה, טוט אַ קוק אויף איר לייכט־גראַציעזן פוס־שטעל, אויפ׳ן שיי־נעם העלדישן בחור, וואָס דרייט זיך אַרום איר אַרום און קוקט אַריין אין די אויגן מיט ליבע און אַנטציקונג. איז דאָס דאָרע? דער טאַטע וועט שרייען, שילטן און טרייבן פון הויז? וועלכער טאַטע? אַט יענער פליישיקער צונויפגעשטוקעוועטער מיט דער ברודנער, פאַנפעוואַטער נאָז? גייט שוין, גייט. דאָס איז ניט

איר טאַטע. אירער איז אַ רייכער, אַ שמייכלדיקער, וואוינט אין אַ פּאַלאַץ אויף דער פינפטער עוועניו. ווילי וועט זי אהין אוועק־פירן.

ווילי, טייערער אינגל, איך האָב דיך ליב, ליב.

זי טוליעט זיך צו צו אים. אין קאָפּ גיסט זיך אַ ווייבער וואסערדיקער גערויש. זי גלעט פאַר׳גנב׳עט זיין ארויפגעלייגטע האַנט און פאַר׳כישופ׳ט אים אין אַ ברענענדיקן טאַנץ. ווילי, ניט קיין שלעכטער טענצער, קען איר קוים נאָכפּאָלגן.

זיי טאַנצן, און אירע ליפּן פלאַפּלען היים, פאַר׳שיכור׳ט:

— ווילי, טייערער אינגל, איך האָב דיך ליב, ליב...

6.

אין קיך האָט געפּייפט אַ ברענענדיקער גאַזדרער. דאָס פּלעמל איז אונטערגעשפּרונגען מיט אַ געלן שפּיץ און געגאָסן שוואַרצע פלעקן ארום די זייטן. אויפ׳ן טיש זיינען נאָך געשטאַנען די געפּעס מיט שיריים פון „סאַפּער". צווישן טיש און אייז־קאַסטן איז געזעסן אין צעבראַשטשעטן העמד דער בעל־הבית פון הויז, אברהם־יאָסל. ער האָט ארויפגעקאַשערט די הויזן איבער אַ פּאָר האָריקע פּאָלקעס, געפּלאָשקעט די נאַקעטע פיס אין הייסן שיסל וואסער און געקרעבצט די גאַנצע צייט פון פאַרגעניגן.

—באַשע־לאה, דערלאַנג אַ גלעזל טיי!

— וואויע?

— אַ גלאָז טיי, זאָגט מען דיר, דערלאַנג!

אַ שוואַרצע, צעשוואומענע אידענע, מיט אַ קוק פון אַ פאַר־מוטשעטער חיה, האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ פּאָר קרומלאַכע פיס, איז צוגעגאַנגען צום אויוון און גענומען אָנגיסן אַ גלאָז.

אברהם־יאָסל איז עס ניט לאַנג געקומען פון דער ארבעט. געוויינטלאַך, איז ער ניט אין זיין בעסטער שטימונג. פונ׳ם ארומיאָגן זיך מיט׳ן שטופּ־וועגעלע טוען וויי די פיס. אגב האָבן אים טאַקע ניט פאָליובעט די פרילינג־ווינטלאַך. ער איז אַ איד אַ יאַרושליוּוער און האָט אַ קורצן אָטעם.

אַ אידל אין די פופציקער, אײנגאַנצן אַ פּעכיקער: פּעכיקע צעפּודלטע האָר אויפ׳ן קאָפּ, אַ פּעכיק, אַרומגעשאָרן בערדל, אַ געדיכטער שוואַרצער געוואוקס אויפ׳ן צעשפּיליעטן האַרצן און נאַקעטע פּאַלקעס. ער איז אַ פליישיקער, נאָר אַ צעקראָכענער. די פלייש־שטיקער הײנגען אויף אים אָן חשק, ווי צונויפגעשטוקעוועטע. אַ גרויסער שווייגער. רעדט ער אויס אַ וואָרט, ווערן ביי אים פינסטער די אויגן און ער פּאָנפעט עס אַרויס פון דער ברודי־קער נאָז מיט כעס און רוגזה.

— נו שוין, באַשע־לאה, דיר זיך.

די אידענע דערלאַנגט אַ גלאָז טיי. ער זעצט זיך צו צום פענסטער, כליאָפּטשעט די טיי מיט אַ פייף און אַ סאָפּען.

— וואו איז דבורה׳ל ?

— וואויע ?

— די מויד וואו איז ?

— כ׳וויים ניט.

זיינע אויגן קאָרטשען זיך מיט אַ מאָל איין אונטער די גע־דיכטע ברעמען, די שוואַרצפּלען ווערן פּוסט. אַברהם־יאָסל איז שרעקלאָך אויפגערעגט.

— וואָס מיינט, דו ווייסט ניט ? ביסט אַ מאַמע ? האַ ?

—ס׳קינד איז אַרויס אַ ווײלע אין גאַס. וועט מסתמא באַלד אַריינקומען — פּרופט די מאַמע פּאַרענטפערן מיט אַ קרענק־לאַכן קול.

— אין גאַס ? אַרומשלעפּן זיך! הולטאַיעווען ! צו זעכצן יאָר שלעפּט זיך עס שוין אַרום גאַנצע נעכט. יאַך וועל זי, יאַך...

— שווייג, אַברהם־יאָסל, — צאַפּלט זיך די שוואַכע אידענע.

— פּאַסקודנע בלוט האָט עס ! דער מאַמעס בלוט פון אַמאָל. אַ שלעפּערן! אַ הולטאַיקע! וואַלגערט זיך אַרום גאַנצע נעכט. יאַך וועל זי, יאַך...

— שווייג, אַברהם־יאָסל, שווייג, — בעט זיך די אַלטע פון אַ ווינקל מיט צענויפגעלייגטע הענט.

אַברהם־יאָסל שפּרינגט אויף מיט כעס, גיט אַ טראַבעטשע

איבער'ן טיש, אזש די כלים פארקלינגען, די שויבן צעציטערן זיך און דער גאז־פייער פליט אויף אין א טרעשטשענדיקן פלאם.

— טויטן וועל איך זי, ממית'ן, פאר די האר פון מיין הויז ארויסשליידערן. אברהם־יאסל דער גאליציאנער וויל ניט האבן קיין טעכטער שלעפערקעס און הולטאיקעס. אין דר'ערד מיט די ביינער! און דו, אלטער פאנטאפל, הערסטו, שווייג, שווייג!

אברהם־יאסל קוקט ארום זיך מיט פינסטערע אויגן, ציט אפ דעם קורצן אטעם און סאפעט, ווי א דערשטיקטע גאנז.

באשע־לאה דרייט זיך צונויף ווי א יאזשיק מיט צונויפגע־לייגטע הענט אויפ'ן הארצן. די אויגן זיינען ביי איר ווי ביי א צעפוזשעטער חיה. זי הערט זיך איין ווי דער אלטער בורטשעט נאכאנאנד.

— הרג'ענען וועל איך זי, ממית'ן. יאך וועל זי, יאך...

7.

שפעט ביינאכט איז דארע מיט ווילי'ן ארויס פון טאנץ־זאל. א פריילאכער ווינטל האט געלאשטשעט די צעהיצטע פנימ'ער און געקילט די בלוטן. גיין אהיים האט זיך בשום אופן ניט געוואלט.

מיט א כאפטע באקאנטע איז מען אריין אין אן „אייז־קרים־פארלאר" און אויסגעזעצט זיך פארוויז ארום ווייס־לאכנ־דיקע מירמלשטיינערנע טישלאך. אן עלעקטרישער פאכער האט געשוואונגען און אנגעטריבן א קילן ווינטל. דער ווינט האט גע־כוואליעט די האר ביי די „ליידיס", אויפגעבלאזן די בחור'שע קראוואטן. אלע האבן געלאכט, געשמייכלט. עס איז געווען פריי־לאך אן א ברעג.

פון דעם קאלטן געטראנק האבן זיך געוויטלט ביי דארען די באקן. די אויגן האבן אומנאטירלאך געגלאנצט. אין קאפ האט זיך איבערגעגאסן דער פריערדיקער טענצלדיקער גערויש, קוים, קוים וואס זי האט דערכאפט וואס פון איין טישל רעדט מען, וואס מען ענטפערט פון דעם צווייטן. אין די בלוטן האט גע־זונגען :

— ווילי ,טייערער, איך האָב דיך ליב, ליב...

נאָכדעם איז מען אַרויס אויף דער גאַס. דער טומל האָט זיך איינגעשטילט, דאָס ליכט אין די וויטרינעס איז געווען אויסגעלאָשן, די טירן פאַרהאַקט. נאָר די גאַס־פייערן האָבן ווי פריער געבליאַסקעט, געשניטן מיט סנאָפּעס ווייסן ליכט און פרייליך צוגעוואונקען צום שפּעטיקן פאַרבייגייער.

הילכיק האָבן געקלונגען איבער׳ן פּוסטן טראָטואַר די געפּאָרטע טריט פון די שפּאַצירנדיקע. אַ ווייכער טראָט פון אַ מיידלשער טופליע און אַ קלאַפּ פון אַ האַרטן מענערשן שוך.

מען האָט געשאָטן וויצן, געשפּאַסט, געזונגען, געקוויטשעט. איינער האָט דערטאַפּט אַ שטעקן, געפירט אים, גייענדיק, איבער אַלע ווענט און טירן, און אַרויסגעקראָגן אין שטילקייט פון דער נאַכט אַ קנאַלנדיקן טומל און הילכעריי.

אומבאַמערקט זיינען זיי צוגעקומען צו דאָרע׳ס הויז. אין די אויערן איז אַלץ נאָכגעשוואומען דער אָפּקלאַנג פון רייסנדיקן „דזשעז־באַנד“, פויל, איינגעמאַטערט צעצויגן, נאָר פריילעךגוט. אַ געשמאַקע מידקייט האָט געגאַיעט די אויסגעטאַנצטע קני און קנעכלאַך. עס האָבן געוואונקען פאַרשלאָפן די גאַס, דאָס הויז, די פאַרענצן פון באַקאַנטן טונקעלן אַריינגאַנג. ניט געבייזערט זיך, ניט געשראָקן, נאָר צוגעשאָקלט זיך גוט־פריינדלאַך און באַדויערט שטיל־שטיל.

— ווילי, וויפיל איז איצט דער זייגער ?

— כ׳ווייס ניט.

— שפּעט ?

— כ׳ווייס ניט.

— זייער שפּעט ?

הא ?

זי פאַרוואַרפט ניט־ווילנדיק דעם קאָפּ אויף ווילי׳ס אַקסל. ער נעמט זי אַרום, ציט צו זיך שטייף.

— איך מוז אַרויפגיין.

— נאָך אַ ווײַלע.

— דער אַלטער וועט זיך בייזערן.
— פאַרגעס.
— ער'ט מזיק'ן
דאָרע לאַכט מיט אַ פאַר'חלש'טן פאַרגעניגן־געלעכטער. ער ענטפערט נארישעוואַטע אָפּ.
זי בעט זיך:
— איך מוז אַרויפגיין.
ער ענטפערט:
— נאָך אַ ווײַלע...

8.

דער מילך־פירער, דער האָן פון גרויס־שטאָטיקן פרימאָרגן, האָט מיט'ן גלעזערנעם קלונג פון זיינע פלעשער איבערגעריסן דעם כישוף פון דער נאַכט. נאָך אַ קוש און דאָרע האָט גענומען לויפן אַרויף אויף די טרעפּ.
אברהם־יאָסל איז געלעגן אין פראָנט־צימער אויסגעצויגן אויף אַ צונויפלייג־בעטל און געקרעכצעט. אין קיך האָט געטוקט זיך אַ געלבלאַך פלעמל פון אַן אָראָפּגעדרייטן גאַזדרער. ערגעץ אונטער'ן אויוון האָבן געסקרעבעט מייז. לעבן טיש איז געזעסן די אַלטע אין אַ שמוציקן אונטערקלייד, מיט אַ צעשפּיליעטן בוזים און געדרעמלט אויפ'ן קולאַק.
שטיל־שטיל, ווי אַ גנב, וואָס ווייטער צערייצטער און העזה'־דיקער, האָט דאָרע געקלאַפּט אין טיר, ביז וואַנען די אַלטע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.
— ווער איז דאָס? דבורה'ל?
— איך, איך! מאַמע, עפן!
באַשע־לאה רוקט זיך צו דער טיר. אָבער אברהם־יאָסה איז שוין אויפגעשפּרונגען פון געלעגער. אַ באָרוועסער, אין רויטע אונטערהויזן, אַ צעקאָכטער, אַ צעסאָפּעטער, שטופּט ער ווילדע אוועק די אַלטע, קוקט אויף איר מיט פוסטע פינסטערע אויגן, גוואַלדעוועט אויפ'ן קול:

— יאך וועל ניט אריינלאָזן!

— וואויע ?

— יאך זאָג דיר ניט, איז ניט !

— שווייג, שווייג, משוגענער, — צעצאַפּלט זיך די שוואכע אידענע.

אברהם־יאָסל ווערט אַן אויפגעזאָדענער:

— די! די! חצופה ! אַלטע מכשפה! דו האָסט דאָס מויד צעלאָזן געמאַכט. דאָס בלוטעלע האָט זיך צעשפּילט, דער מאַ־מעס בלוט פון אמאָל. יאך וויל ניט. יאך דאַרף ניט קיין שלע־פּערקעס און הולטאַיקעס. ארויס פון מיין הויז!

אהינטער דער טיר ווערט אַ געראַנגל. צוויי ווייבע קלעפּיקע קערפּערס שטופּן זיך אַרום אהין און צוריק איבער׳ן הויז. עס פאַרטשעפּעט זיך אַ שטול, ס׳פאַלט מיט בראַזג אַראָפּ אַ טע־לער. אין טומל גיט זיך דער שליסל אַ דריי און די טיר עפנט זיך אָפּ.

דאָרע קומט אריין, גנב׳עט זיך קעציש, האָרבעט איין דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. זי מאַכט זיך כלומרשט תמ׳עוואַטע און רוקט זיך צום שפּיגל, וואָס איבער׳ן קאַמאָד.

אין דער שטילקייט שטיקט זיך דער קומענדיקער שטורם. דאָרע קוקט פאַר׳גנב׳עט אויפ׳ן טאַטן. ס׳רעגן איר אויף די נאַ־קעטע סטופּניעס. ס׳עקלט פון דעם פליישיקן גוף. זי פילט ניט קיין מורא. ס׳רויכערט זיך נאָר אַ כעס אויף דעם, וואָס האָט אומ׳ברחמנות׳דיק צעשטערט דעם נאַכטיקן כשוף. עס צינדט זיך אָן דער האַס.

— אַר—ר—ר—ויס ! ! !

רעוועט ארויס אברהם־יאָסל מיט אַלע זיינע כוחות און די פענסטער טרייסלען אָפּ.

— גאָט איז מיט דיר, משוגענער אברהם־יאָסל, שווייג.

— זונות! אויסוואורפן! נאַכט־שלעפּערקעס ! הולטאַיקעס! וואָס׳ט איר זיך אויף מיר אָנגעזעצט ? אברהם־יאָסל איז אַן ער־

לאבער מאן. יאך דארף ניט קיין אויסגעלאסענע! ארויס'ט, ארויס'ט פון מיין הויז —

— נו, נענוג שוין, נענוג שוין, ס'איז נאכט. זאל זיין שטיל.

דארע קוקט אויפ'ן טאטן מיט א צעפלאמטן אויסגעקרימטן פנים. אירע שטריכן ווערן פלוצלונג פארענדערט. זי שיקט אים צו א געשמאקן אימפעטיקן שפיי.

—אהא — א!!!

אברהם־יאסל רעוועט זיך פאנאנדער און לאזט זיך לויפן איבער'ן שטוב.

עס זעצן אויפ'ן דיל ווייכע טריט פון נאקעטע סטופניעס און אנטלויפנדיקע פיס. באשע־לאה קוויטשעט. אברהם־יאסל שפרייט פאנאנדער די פעביקע לאפעס. דארע פאלט צו אים אריין.

— ארויס! ארויס! צו אלדי רוחות! אויס טאכטער. אין גאס אריין. דיין פוס זאל דא ניט זיין!

ער כאפט זי אין א פעקל, שליידערט זי ארויס מיט'ן גאנצן אימפעט, פארהאקט די טיר און פארשליסט.

די אלטע פראלט פאנאנדער א פענסטער, גוואלדעוועט אין דער נאכט אריין:

— ראטעוועט, גוואלט!

דארע לויפט אראפ די טרעפ. עס ברעכן זיך איר אונטער די קני. אין די אויגן לייכט דאס געלע פלעמל פון נאכט־ברע־נענדיקן גאז, זי פליט ארויף אויפ'ן „סטופ", רופט מיט א פאר־צווייפלטן געשריי:

— ווילי, ווילי!

אירע גוואלטן ווערן פארשטיקט אין דער נאכטיקער שטיל־קייט פון גאס...

דאָס וואַקסענע מיידל

אַז מען האָט בעני'ן געבראַכט צופירן פון דער מלחמה אהיים און די צוויי דראַנגנעם זיינע, צוויי יונגע פלינקע פיס, זיינען געווען אָפּגעזעגט ביז'ן שטאָם, האָט ער אויף זיך אַליין אַ קוק געגעבן, אויף זיין אייגענעם קוליקל, אַ קליין פּעקלדיק שטיק פליישׁ, און האָט אויסגעשפּיים מיט גאַל.

— פאַר הינט דאַרף מען עס אַרויסוואַרפן.

נאָכדעם, ווען גוטע מענטשן זיינען געקומען און האָבן אים אין אַן אינוואַלידן־הויז געוואָלט אַריינגעבן, האָט ער פּראָטעסטירט:

— ער וויל ניט! טויט אים, הרג'עט אים, אין אַן אינוואַלידן־הויז וועט ער ניט גיין. ער וויל נאָך לעבן.

און אַז גוטע ברידער, מיט וועמען בעני האָט צוואַנציק יאָר אַרומגעהוליעט, האָבן צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ, באַקוקנדיק קריטיש זיין קליין גופ'ל, די זעקלדיקע פאַרנייטע הויזן, וואָס האָבן אין זיך אַריינגעפּעקלט די איבערגעבליבענע פיענעס פון די אָפּגעזעגטע פיס, איז בעני געבליבן בא זיינס:

—ער וועט זיך נאָך אין בעט ניט אַוועקלייגן. ער איז אַלט אינגאַנצן צוואַנציק יאָר.

וואָס האָט בעני געקאָנט טאָן, אַז דאָס פליישׁ איז נאָך געווען היים און צאַפּלדיק, דאָס בלוט האָט געברענט, די אויגן זיינען געווען געזונט, די הענט — געזונט, נאָר די קלעצלאַך זיינע, צוויי יונגע פלינקע פיס, זיינען געווען אָפּגעזעגט ביז'ן שטאָם.

קיין נאָענטע קרובים, וועלכע זאָלן זיך מיט אים אָפּגעבן, האָט ער ניט געהאַט; האָט ער גענומען זאָרגן פאַר זיך אַליין.

ער האָט געקויפט אַ וועגעלע, די מאָס פון זיין קוליק. די

פינגער זיינע פון די הענט, וואָס זיינען אַלע מאָל פלינק געווען און וואָס זיינען איצט נאָך בייגיקער געוואָרן, האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט טרייבן די רעדלאַך. ער האָט זיך שוין געקענט באַוועגן איבער די גאַסן גלייך מיט אַלעמען.

עסן דאַרף מען, טרינקען דאַרף מען. קיין שיך — ניט. נאָר אַ קורצע פּאָר הייזלאַך פאַר די סטאַרטשענדיקע פּיענעס דאַרף מען אויך האָבן. אַלץ קאָסט געלט.

ער, בעני, האָט איינגעהאַנדלט אַ קנופּ שוך־בענדלאַך, אַ פּאָר טוץ בלייפעדערס, אַ בלעכן שיסעלע צו קלייבן דעם פדיון. ער האָט פאַרנומען אַ ווינקל לעבן אַ סאָבוויי־אַריינגאַנג און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער געעפנט זיין נייעם געשעפט.

בעני איז געוואָרן אַ געשעפטסמאַן.

אַ שותף האָט זיך אויך געפונען. בעני האָט מיט אים אָפּ־געמאַכט: „דו גיסט מיר אַ בעט צו שלאָפן. פּאַקסט מיך אַהין אַריין און פּעקלסט מיך אַרויס. זעצסט מיך אַריין אין וועגעלע. דערלאַנגסט מיר אַ גלאָז ביר צו טרינקען, אַ שיסל שפּייז צו עסן; איך טייל זיך מיט דיר מיינע פּרנסות האַלב־אויף־האַלב".

עס האָט אים אָפּגעגליקט.

די גאַס איז געווען אַ קאָכיקע, די דורכגייער — גוט־האַר־ציקע מענטשן, איבערהויפּט די עלטערע פרויען. דער „קעקי"־קאָסטיום, פאַרנייט אין צוויי זעקלאַך אונטער'ן בויך, דאָס דריי־עקיקע סאָלדאַטישע היטעלע, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט פאַר־געסן אָנצוטאָן, האָבן צום געשעפט רייץ און לעבן צוגעגעבן. עס איז געגאַנגען ניט שלעכט.

2.

אַ פּינקטלאַכער יונג איז בעני אַלעמאָל געווען. איצט, על־טער און דורכגעליטענער, איז ער געוואָרן נאָך פּינקטלאַכער.

אָקאָרשט טאָג, מיט'ן ערשטן אויפקלאַפּ פון די גאַס־עקס־פּרעסן, איז ער שוין געזעסן אויף זיין שטולעכל, געדרייט די רעד־לאַך און געטראָגן זיך גלייך מיט אַלעמען, פּלאָנטערנדיק זיך אונ־טער די פיס, צום פּלאַץ פון זיין באַשעפטיקונג.

דער פּאַרטאַגיקער עולם איז ניט געווען אַזאַ, פון וועלכען מען האָט געקענט אַ סך לייזן: אָנגעכמורעטע, שוואַר־אויגיקע, שוואַר־לייביקע, מיט אימפּעט פון אויפגעריסענעם שלאָף אין די ביינער, האָבן זיי זיך געאיילט און געשטופּט, ניט קוקנדיק וואָס עס טוט זיך בײַ זיי אונטער די פיס. דעם אינדערפריאיקן עולם האָט בעני געהאַלטן פאַר זיינע ערגסטע קונדן.

נאָכ׳ן ערשטן אָנדראַנג, פלעגט אָנקומען אַ נייער עולם; זאַטע, רואיקע, אויסגעפּוצט און אָפּגעהיט. דאַמאָלסט פלעגט שוין בעני אַרויפציען אויף זיך די סוחר׳ישע ערנסטקייט, אָפּ־געבן זיך צום געשעפט אינגאַנצן.

זיינע געשעפטסמעטאָדן זיינען געווען איינפאַכע, לייכט און אָן־קונציק. ער האָט ניט געשריען, ניט געליאַרמט, ניט גערימט זיין סחורה און אויסגערופן זי ביים נאָמען. ער האָט געאַרבעט מיט די אויגן. זיינע אויגן, בלויע פאַרגרעסערטע, דער פיין פון אָפּגעזונגטע פיס איינגעגליווערט אין די ווייסלען, זיינען שטיל אַרומגעשוואומען; זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַמאָל אויף זיין קאַליקן גוף, אַמאָל אויפ׳ן פּעקל בלייפעדערס און בענדלאַך און נאָכדעם אַריינגעקוקט אין די אויגן פונ׳ם דורכגייער. דאָס איז געווען די גאַנצע אַרבעט.

פון אינדערפרי ביז שפּעט בייטאַכט האָט זיך פאַרביי אים געטראָגן דער שטראָמיקער עולם. פיס נאָך פיס און גאַנגען אַלערליי: טענצלדיקע, היפּנדיקע, פלינקע, שווערע. צו דעם פוסן־שפּיל פלעגט זיך בעני אויפמערקזאַם צוקוקן. אַמאָל פלעגט ער זיך אַזוי פאַרטיפן, אַז ער פלעגט פאַרגעסן זיינע געשעפטן.

די מענער־פיס האָט ער פיינט געהאַט. געהאַסט זייער זי־כערקייט, זייער שטייפקייט, זייער האַרטן צוטאָפּן אויף די טראָ־טואַרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אים עפּעס שול־דיק: אַט האָט מען גענומען אים, בעני׳ן, געריפּעט מיט אַ זעג איבער די ביינער, אַראָפּגעזעגט, אַראָפּגעבראָכן, געמאַכט פון אים אַ קאַליק, אַ באַבייכלט שטיק פלייש, באַזעצט אין אַ וועגעלע

און זיי אַלע גייען זיך קאַלטבלוטיק אַרום, האַקן, טופּן מיט בערישע טריט, פּונקט ווי קיין זאַך האָט ניט געטראָפן.

דערפאַר האָט ער ליב געהאַט צו קוקן אויף די טענצלדיקע פּרויען־פּיסלאַך, איינגעצווייגענע אין דורכזיכטיקע זיידענע זאָקן. ער פּלעגט זיך אין זיי איינעסן מיט זיינע גרויסע בלויע געפּיי־ניקטע אויגן. זיי פלעגן אים באַרואיקן, טרייסטן, אַריינגיסן אַ גייעם ווייניקן שטראָם בלוט, וואָס פּלעגט זיך צעפּליסן איבער אַלע אָדערן, פון׳ם אָנהייב מאַרך ביז די שפּיצן פון זיינע פּיענעס.

עקלדיק, מיט אַ שלעכטן געפיל פון באַפרידיקונג, פּלעגט ער קוקן אויף די אויסגעקנעבלטע, מיאוס־פּויזנדיקע פיס פון זקנים און זקנות. דאַמאָלסט פּלעגט ער זיך, ווי מיט שלעכטן שפּייז אָנשטאָפּן מיט׳ן געדאַנק, אַז דאָס לעבן איז אייגנטלאַך גאָר־נישט: פליענדיק, אָפּבליאַקענדיק און עס איז ניטאָ פון וואָס צו זיין צעטראָגן. אָבער צופיל קלערן האָט ער דאַמאָלסט ניט געהאַט קיין צייט: די זקנים און זקנות זיינען געווען זיינע בעסטע קונדן...

אַמאָל פּלעגט בעני, פאַרטיפט אין קוקן, איינגאַנצן פאַרגעסן וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן. דאַמאָלסט פּלעגט עס אים פון ווענגעלע געבן אַ הייב אויף, ער פּלעגט אויפשפּרינגען אין דער הויך, ווי אַ טאַנצנדיקע זשאַבע, באַלד אָבער פּלעגט ער אַראָפּפאַלן צוריק, אָנקוקן שולדיק זיין צעהאַקטן גוף און אַ פאַרשעמטע רויטלקייט פּלעגט אָפּגיסן זיינע אויסגעצערטע באַקן...

3.

אויף דערזועלביקער גאַס, פון דער צווייטער זייט סאַבוויי־אַריינגאַנג, איז געזעסן און געהאַנדלט מיט שוועבעלאַך און „גאַס" אַן אַנדער מאַן, בעני׳ס קאָנקורענט.

ער איז געווען אַ מיטל־יאָריקער מענטש, אַ שטייפער, אַ ברייטביייניקער. אויפ׳ן הויכן־גלאַנציקן שטערן איז באַ אים אַראָפּגעפאַלן אַ פאַסמע באַזילבערטע האָר. דאָס רויט געזונט פּנים איז אַלע מאָל געווען ברוגז׳לאַך און ערנסט. איין אַרבל

פון דער רעכטער האַנט האָט זיך געבאָמבלט אין דער לופט. די האַנט האָט זיך אַמאָל אַריינגעכאַפּט אין אַ טריב פון אַ ראָד און פאַרשניטן זיך ביז'ן עלנבויגן.

געזעסן איז ער שטענדיק אויפ'ן הארטן טראָטואַר, די פיס אונטער זיך איינגעצויגן. אויפ'ן געזעס איז געווען אַרויפגענייט אַ שטייפע לעדערנע לאַטע. געהאַנדלט האָט ער אויך, אַזוי ווי בעני, מיט דער הילף פון זיינע אויגן; גרויע, שטאָלענע, דורכ־שטעכיקע אויגן. פאַרנאַכט פלעגט נאָך אים קומען אַ פרוי און זיי פלעגן ביידע אַוועקגיין אַהיים.

בעני האָט אים פון דער ערשטער מינוט פיינט געקראָגן. עס איז אפשר געווען דער געפיל פון אַ געשעפטסמאַן צו זיין קאָנ־קורענט, אפשר איז געווען שולדיק דער מאַן אַליין: זיין ערנסט־קייט, סאָלידקייט, דער שטעכיקער קוק פון די שטאָלענע אויגן. בעני האָט זיך קיין קלאָרן רעכענונג ניט אָפּגעגעבן, ער האָט אים געהאַסט.

דער אָנהענטיקער האָט בעני'ן געצאָלט מיט דער זעלביקער מטבעה. אפשר אויך דערפאַר, וואָס בעני, אַ פרעמדער, אַ נע־באַכדיקער, האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין „טריטאָריע". ער האָט אַלע מאָל אָפּגעקערט דעם קאָפּ אָן אַ זייט.

אַמאָל פלעגן זיך זייערע אויגן באַגעגענען, אויף אַ מינוט, אפשר אויף אַ רגע. דעמאָלסט פלעגט אַ גאַליקייט אויפשפריצן פון איינעם צום אַנדערן, אַ שנאה'דיקייט אָן ווערטער. ס'פלעגט אויפברויען און צעמישן זיך דאָס בלוט. בעני פלעגט אַ סקרי־טאָן זיינע ווייסע געזונטע ציינער און ביים אָנהענטיקן פלעגט זיך אויפגערודערן די זילבערנע פאַסמע האָר אויפ'ן קאָפּ.

צייטנווייז איז די שנאה איבערגעלאָפן אַלע גרעניצן. דאָס פלעגט טרעפן, ווען אַ קונד האָט פאַרקוקט איינעם פון די סוחרים און געגעבן צו לייזן דעם אַנדערן; געקויפט, צום ביי־שפּיל, אַ פּאָר שיך־בענדלאַך און דורכגעגאַנגען גלייכגילטיק פאַר־ביי די שטיקלאַך „גאָם". דאַמאָלסט האָט מען געשיפּעט איינער דעם צווייטן גלייך אין פּנים אַריין:

— הענטל!
— קוליק !
— געליימטער פריסטער!
—שטיק נבלה.
——— בייז־באָל שפילער.
— טענצער.
— זע, פון ארבל בא דיר האָט זיך עפּעס ארויסגעשאָטן.
— א הונט האָט דיינע פיסלאך פארשלעפּט.

בא בעני'ן פלעגן זיך די אויגן אָנגיסן מיט רשעות'דיקע טרערן:

— וואָרעם מיאוסער! איך האָב מיינע פיס פאר מיין לאַנד אוועקגעגעבן.

— צוציק משוגענער! דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד בין איך א מאשיניסט געווען.

די ווילדע שנאה, וואָס פלעגט זייביידן צונעמען, האָט זיך ניט געקאָנט איינשטילן. זיי האָבן געשאָטן איינער אויף דעם אנדערן מיט די אויסדערוויילטסטע שפּיציקסטע ווערטלאך און זידלערייען. דער אַנהעגעטיקער האָט דראָענדיק געשאָקלט מיט זיין פּוסטן ארבל און געקוועטשט אנטקעגן בעני'ן א לינקע פויסט. בעני'ס קערפּערל האָט זיך געצאַפּלט, און די אויגן האָבן מאָדנע געברענט...

4.

נאָך א טאָג ארבעט פלעגט זיך בעני אוועקרעדלען אהיים. דאָרטן האָט שוין אויף אים געוואַרט דער שותף, וועלכער האָט אים אויפגעכאַפּט און ארויפגעטראָגן פּעקלדיק אויף די טרעפּ. אין הויז דאָרט איז ביז שפּעט ביינאַכט געווען טומלדיק. דער שותף, א יונג, וועלכער האָט קיינמאָל אליין ניט געארבעט און נאָר געלעבט פון קלוגע „איינפאלן“, איז אלע מאָל געווען אויפגעלייגט און שרייענדיק. א קול האָט ער געהאַט פון א קראַקענדיקער וואָראָנע. ער פלעגט אויפרודערן די גאַנצע שטוב.

— ען! דער פויזנדיקער איז שוין דאָ.

— ען! דעם קאַליקע אונזערן עסן דערלאַנג!

און אַז בעני איז געלעגן אין בעט און געמישט מיט׳ן לעפל אין טעלער זופּ, האָט זיך שוין דער שותף געפּאַרקעט מיט גנב׳ישע פינגער אין בלעכערנעם שיסל מיט דעם פּדיון און גע־פּאַקט צו זיך אין די קעשענעס אריין.

— ען! שלעפּ אַרויף ביר.

— ען! צובייסן דערלאַנג.

דעם שותפ׳ס ווייבל, אַ פרוי אין אַ צעשפּיליעטן, ציצע־נעם קליידל, מיט אַ גראָבן מענערשן קול, אונטערגעשוואַרצטע ברעמען און געפאַרבטע ליפּן, איז געווען אַזוי טומלדיק, ווי איר מאַן.

ביידע זיינען געזעסן ביים טיש, געזשליאָקעט ביר, געקייט אויף ביידע באַקן. מען האָט זיך געקריגט, געקושט, געהאַליובעט זיך און געשלאָגן. בעני איז געלעגן אין בעט און אַלץ צוגעזען פון דערווייטן.

אַמאָל פלעגט זי אויפפּראַלן ווי אַ זודיקער קעסל:

— כ׳וויל ניט אַרבעטן אויף דיר, פּוסט־און־פּאַסניק דו! האַ־לעדריגע איינער! אַרויסרויכערן וועל איך דיך פון מיין הויז, דיינע קאַליקעס פון דאַנען אַרויסשליידערן.

— פּרואוו!

— אַרונטערוואַרפן מיט׳ן קאָפּ פון אַלע טרעפּ! גיי זיך מיט זיי צו אַלדי רוחות.

— ען! שוייג!

בעני איז געלעגן אין בעט, אַ פּעקלדיק שטיק שמאַטע. דאָס בייכלדיק גופ׳ל האָט זיך געהויבן אין דער הויך, און די אויגן האָבן זיך געגלעזערט פון טרערן.

צייטנווייז פלעגט זיך דער שותף אוועקשלעפּן אויף אַ גאַנ־צער נאַכט און די באַלעבאָסטע איז געבליבן אַליין.

דאַמאָלסט, אַן אויפגערייצטע און צערויטלטע, איז זי גע־וואָרן צו בעני׳ן פריינדלאַכער און מער באַרעדט. זי פלעגט זיך

צו אים צווצען אויפ'ן שפיץ בעט און הודזשען אויף איר מאנס־בילשער שטימע:

— א טויגעניכץ איז ער, א בלוט־זייגער. איך האס אים, דעם שפין, כ'וועל אים אומברייינגען, פאר'סמ'ען!

נאכדעם פלעגט זי זיך אוועקשטעלן אנטקעגן בעני'ן, די הענט פארלייגט אין די באקעס, די אונטערגעפירטע אויגן פארגלאצט. זי פלעגט שטיין און לעקן חנ'עוודיק דעם שפיץ פון איר צינגל.

— קוק אויף מיר, בענעלע. וואס דענקסטו? כ'בין נאך ניט אזוי מיאוס, ניט אזוי אלט? כ'קען נאך זיך א געליבטן קריגן?

בא בעני'ן פלעגט זיך צעשפילן אין די אויסגעמאגערטע באקן דאס בלוט. ער האט געפינטלט מיט די אויגן און געצווינגן צו איר פון בעט די האנט.

— ען, ען. זעץ זיך צו. זעץ זיך.

און אז זי האט זיך אנידערגעזעצט, פלעגט ער סודות'דיק צו איר פליסטערן:

— ען, געלט האב איך, ס'ליגט אין א זעקעלע, א היבשע מטבעה. כ'וועל ארבעטן און נאך „אנסייוון". ען. ען!

זי פלעגט אנשטעלן די אויערן, קוקן אויף אים מיט א גוט־מוטיקן שפילעוודיקן אויג אוןווארטן.

— ען, א קוש איינעם. איין קוש. אלץ וועט זיין דיינס.

דאמאלסט פלעגט זי זיך פון געלעכטער אויפ'ן דיל אוועק־לייגן. דער געלעכטער האט געטרייסלט ווי א טייג איר ווייכן פליישיקן קערפער. זי פלעגט צוקוויטשען:

— וואס א קאליקע ווילט זיך, וואס אים קען זיך פארגלוסטן.

און נאכדעם פון ווייטן מיט א פינטל פון א חזיר'שן אויג:

— בענילע, טאנצן קענסטו?

— און שפרינגען אויך?

— און אנטלויפן וועסטו מיט מיר? אנטלויפן אין עק וועלט... זאג, געליבטער מיינער, זאג...

בעני פלעגט זיך פון איר אפקערן און צודרייען דעם פנים

צו דער וואַנט. ער פלעגט איינקאַרטשען, ווי אַן עופ׳ל זיין קליי־נעם גוף, צומאַכן די אויגן און וועלן איינשלאָפן.

אין חלום האָט ער געזען יענעם בעני׳ן מיט ד י צוויי לאַנגע פלינקע דראַנגעס, וואָס האָבן זיך צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד איבער די גאַסן פון שטאָט ארומגעטראָגן. ער האָט געהערט דאָס ריפּן פון אַ זעג, דעם קאַלטן קנאַק פון איבערגעבראָכענע ביינער. צום גאַרגל פלעט עפּעס הארטס, ביטערס צוקריכן און פלעגט אים נאָכאַנאַנד שטיקן, שטיקן...

5.

די גאַס, אויף וועלכער בעני האָט געהאַנדלט, איז געווען אַ קאָכיקע האַנדלס־גאַס, איינע פון די בעסטע אין שטאָט.

פוןביידע זייטן גאַס זיינען געשטאַנען מויערן, געווייסטע, פיל־גאָרנדיקע מיט גרויסע גלעזערנע טירן און פענסטער: באַנ־קען, טעאַטערס, „מואוויס“, געשעפטן, קראָמען.

אַלץ האָט דאָרטן דאָס אויג געקאָנט זען: גאָלד און זיל־בער, עלפאַנט־ביין און בלישטשענדיקע שטיינדלאַך, פוטערוואַרג און זיידנס. אַלץ האָט זיך געצאַצקעט אין גרויסע ליכטיקע וויט־רינען און פאַרנומען דאָס אויג.

און אינמיטן, פונקט אַנטקעגן בעני׳ס וועגעלע, האָט זיך אויס־געשפּרייט אויף אַ גאַנצן „בלאָק“ אַ גרויסער „דעפּאַרטמענט“־געַ־שעפט. די אריינגאַנגען האָבן שטענדיק געשווירבלט מיט מענטשן און די גרויסע שפּיגלדיקע פענסטער זיינען געווען פאַרלייגט מיט אַלדאָס גוטס. אין די פענסטער זיינען געווען אויסגעשטעלט וואַקסענע פיגורן. שטילע, ציכטיקע, שיינע, אויסגעפּוצטע מייד־לאַך, אַנגעטאָן אין פוטערוואַרג און אין זייד. די מיידלאַך האָבן פאַרבויגן דינע, קלאָרע, דורכזיכטיקע פינגער און געקוקט מיט אַ שטיל־ליבלאַכן שמייכל אין גאַס ארויס.

זיי זיינען אַלע געווען פאַרשידן איינע פון דער אַנדערער, ווי אמת׳ע לעבעדיקע מענטשן: אַ גריבל אין באַק, אַ חן־פּינטל, דער אויפלייג פון אַ ליפּ, אַ קנייטש פון די ברעמען האָט זיי אַנ־

דערש געמאַכט איינע פון דער צווייטער. אָבער אַלע צוזאַמען זיינען זיי געווען שטיל און חנ'עוודיק, ליבלאַך און שיין.

בעני איז מיט זיי באַקאַנט געוואָרן. אַלע האָבן אויף אים געקוקט פון פענסטער מיט שטענדיקן, גוטן, פריינדלאַכן בליק. נאָר איינע איז אים מער פון אַלעמען געפעלן געוואָן. אין איי־נער האָט ער זיך פאַרליבט.

אַז ער פלעגט צייט האָבן אָפּצוקערן זיך אַ ווײַלע פון זיינע געשעפטן, פלעגט ער די אויגן צו איר צו'גנב'ענען, קוקן התפעלות'־דיק אויף איר געשניצטער פיגור, איינגעוויקלט אין ווייכן סאַ־מעט, אויף איר גוט־שמייכלענדיקן פאַרטראַכטן פנים, באַשטראַלט מיט אַ ניט־דאַאיקן אומעט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין קוקן נאָר אויף אים, אויף בעני'ן אַליין...

אויפ'ן הארצן פלעגט לייכט ווערן. ס'פלעגט אראָפּפאַלן די שווערע משא פון צעזעגטן קערפּער. ער האָט שעמעוודיק גערעדט צו זיך אַליין:

אַ קאַליקע בין איך, אַ צעזעגטער, אַ פליישיקער קוליק, אָבער נאָך ניט קיין טויטער מענטש.

און די וואַקסענע פיגור אין פענסטער האָט געקוקט, אויס־געהערט און געשוויגן. בעני האָט אָבער געוואוסט, אַז זי פאַר־שטייט אַלץ, אַז זי פילט מיט זיין צער און זיין טרויער און קוקן קוקט זי נאָר אויף אים אַליין.

ביינאַכט, ווען די ליכטיקע לאָמפּן אין די וויטרינען פלעגן זיך צעגלאַנצן און וואַרפן אַן אָפּשיין אויף די וואַקסענע פיגורן אין פענסטער, פלעגט בעני באַוואונדערן זיין מיידל'ס נייעם נאַכטיקן רייץ.

דורכקוקנדיק צווישן די געאַרמטע פּאָרלאַך, וואָס זיינען נאָכ־אַנאַנד געשוואומען פאַרביי פענסטער, פלעגט זי אים אויסבויגן איר דינעם דורכזיכטיקן פינגער, ווינקען מיט אונטערגעפאַרבטע שטילע אויגן און דערציילן מעשיות פון לוסטיקייט און גליק.

און אַז בעני פלעגט זיך שפּעט באַנאַכט פאַר די רעדלאַך נעמען, אַוועקרעדלען זיך אַהיים, פלעגט ער נאָך אַ בליק אין

פענסטער ווארפן, אָפּגעזעגענען זיך מיט זיין וואַקסענער מיידל און זען אויסציען וואָס לענגער די לעצטע מינוט...

.6

אין הויז האָט אויסגעבראָכן אַ סומאַטאָכע: דער שותּף מיט זיין פרוי,ביידע טויט־צע'שיכור'טע, האָבן זיך געקריגט און געשלאָגן. גלעזער און שאָלן זיינען געפלויגן אין דער לופטן. ווילדע קולות האָבן געקראַקעט אין דער נאַכט.

— ארויס פון הויז, טויגעניכץ! דיין קאָפּ וועל איך דיר צעשפּאַלטן!

— דעם קאַליקן דיינעם נעם מיט זיך. דערוועַרג זיך מיט אים צוזאַמען.

— ארויס! קוליק, שטיק פלייש צעדריפּעטער! מיט דיין שותּף אין גאַס בעטלען גיי!

בעני האָט זיך געקייקלט איבער די טרעפּ, נאָכדעם איז ער געזעסן אין וועגעלע, געדרייט האַסטיק די רעדלאַך. געטראָגן זיך אָן אימפּעטיקער, גאַס אויס און גאַס איין, אין גאָרגל האָט געדריקט אַ שווערער ביטערער קנויל, די אויגן זיינען געווען פאַר־גלעזערט פון טרערן.

ער האָט ניט געוואוסט, וואוהין ער פליט. נאָר אומבאַ־וואוסטזיניק האָבן די פינגער געדרייט, געטראָגן זיך אין איין ריכטונג: צום פענסטער פון „דעפּאַרטמענט"־געשעפט.

לעבן פענסטער האָט זיך בעני אָפּגעשטעלט.

די קאָכיקע גאַס איז איצט געווען פאַרלאָזן און שטיל. גרויסע מאַטאָווע ליכטקנוילן האָבן זיך איינזאַם געוויגט און מיט סאָ־ווע־אויגן צוגעוואונקען. בעני האָט זיך צוגעשפּארט מיט'ן שטערן צום פענסטער.

ער האָט עמיצן געזוכט. נאָר די פענסטער זיינען געווען פוסטע. די וואַקסענע פיגור איז דאָרטן ניט געווען. מען האָט זי אוועקגעטראָגן אויף דער נאַכט שלאָפן...

לעבן

איינמאָל, ווען יאַנקל (וואָס מען רופט אים דאָ אין אַמע־ריקע דזשייק) איז געקומען פון דער אַרבעט אַ היים, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב דאָר׳ען:

— הער זיך איין, דאָרע! איך בין שוואַך און קראַנק. די קריזשעם ברעכן מיר. די ביינער וועיטיקן. כ׳קען שוין אין שאַפּ לענגער ניט אַרבעטן. מען דאַרף וועגן עפּעס אַנדערש אַ טראַכט טאָן.

דאָרע האָט זיך פון דער אומגעריכטער ידיעה איינגאַנצן צעפּלאַטערט.

— וואָס איז מיט דיר, דזשייק? וואָס ביסטו אַזוי צע־טראָגן? וואָס פאַר אַ ווערטער רעדסטו? דערצייל זשע גיי־כער, וואָס עס האָט מיט דיר היינט אין שאַפּ געטראָפן.

— גאָרנישט, גאָרנישט, — האָט זיך יאַנקל געאײַלט זי צו באַרויקן, — קיין זאַך האָט ניט געטראָפן, נאָר היינט ביי־טאָג, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, איז מיר אין קאָפּ אַריינגעפאַלן אַ גוטער פּלאַן.

— דהיינו? — איז שוין דאָרע אויפ׳ן ווייבערשן אופן געוואָרן נייגעריק.

—אַזוי ווי קיין גליקן פון דער אַרבעט מאַכט מען ניט און קיין כוח צו אַרבעטן איז שוין כמעט אויך ניטאָ, זאָל איך נעמען און שלאָגן מיט׳ן שאַפּ כפּרות.

דאָרע האָט געמיינט, אַז זי הערט איינעם פון איר מאַנס שאַרפזיניקע וויצן און זי האָט זיך גאַנץ געשמאַק צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו אַזוי, דאָרע? כ׳מיין עס גאַנץ ערנסט.

אין שאפ ארבעטן קען איך מער ניט, א פלאן האב איך א גוטן: כ'וויל ווערן א „ביזנעסמאן".

— א „ביזנעסמאן"? מיט וואס? מיט דיינע אפגעשפאר־טע ק'ן דאליארעס?

דארע האט אים געגעבן א ריכטיקן בים.

— יע, יע, אט טאקע מיט די ק'ן דאליארעס — האט זיך דזשייק העזה'דיג פארשטייפט. — כ'וועל דיר ווייזן א קונץ און אויפטאן גרויסע זאכן מיט ווייניק געלט.

— גיי שוין, גיי, נארישער — האט דארע פון אים גוטמו־טיק געשפאסט. — מאך זיך ניט קינדיש. ס'וועט פון דיינע פלע־נער גארנישט ניט ארויסקומען.

דזשייק איז געווען א „שוואכלינג". אלעמאל פלעגט ער זיך לאזן בייגן פון זיין ווייבס לאגישע ארגומענטן. דאס מאל איז ער אבער געבליבן שטייף און איינגעשפארט.

— אז איך זאג דיר, דארע, איך קען שוין די מאשינקע מער ניט דרייען. די כוחות זיינען פשוט אויסגערונען. איך מוז און איך וועל ווערן א „ביזנעסמאן".

ווען ער האט דערזען, אז מיט קאלטע לאגישע ארגומענטן וועט ער מיט זיין דארע'ן גארנישט אויספירן, האט ער זיך גענו־מען צו ביטערע שטיקעלאך:

—דו וועסט זען, דארע, כ'וועל נאך ווערן א גרויסער „ביזנעסמאן". א סך אנדערע האבן אזוי קליין, ווי מיר אנ־געהייבן און זיינען גאר הויך ארויסגעוואקסן. מיין הארץ זאגט מיר, אז אויף דעם וועג וועל איך באגליקט ווערן. נישקשה, דו וועסט נאך ביי מיר אומגיין אין פוטערווארג און אין זיידנס, וואוינען אין א פיינער דירה אין דער שענסטער געגנט, מיט מעבל, מיט דינסטן ,מיט שאפערס, מיט אלע טייערע זאכן. וואס איז דאס לעבן, וואס דו האסט פאר מיר ביז איצט אפגענודיעט, איז אויך א לעבן?

די סקעפטישע דארע האט זיך לאנגזאם געראנגלט מיט איר דזשייקס אויסגעמאלטע גליקן. זי האט אונטערגעשמייכלט,

געוואָרטשעט, געפּרואווט אַפילו אויפהייבן אַ הויכן קול. נאָר דזשייקס צעשטעלטע נעצן האָבן זי ענדלאַך איינגעפּלאָנטערט, פאַרפּלאָנטערט און באַזיגט. זי האָט זיך נעבאַך געמוזט אונ־טערגעבן.

ס'איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז דזשייק מוז ווערן אַ „ביזנעסמאַן"...

2

יענע נאַכט האָבן שויןביידע ניט געקענט שלאָפן. ליגנ־דיק אין בעט, נאָענט צוגערוקט איינער צום אַנדערן, אַזוי שטייף נאָענט, ווי מיט אַ צען יאָר צוריק, גלייך נאָך זייער חתונה, האָבן זיי שטילערהייט געפּליסטערט און איבערגעוואָרפן זיך מיט בליץ־געדאַנקען, וועגן די קומענדיקע „ביזנעס".

— וואָס דענקסטו, דאַרע? וועלכע „ביזנעס" וואָלטן זיך צו אונז בעסער געפּאַסט? כ'מיין מען זאָל ניט דאַרפן קיין סך געלט און מען זאָל זיך קענען וואָס שנעלער אַרויספאַרבעטן?

זיי האָבן שותפות'דיק איבערגעקליבן אין די געדאַנקען אַלער־ליי סחורות: קנעפּלאַך, בענדלאַך, שלייקעס, מעל, טיי און צוקער. יעדע זאַך האָט געהאַט אירע מעלות און אירע חסרונות; פּלוצלונג האָט בייביידן איינצייטיק, ווי אַ פייערדיקער שניר'ל אין קאָפּ, אויפגעבליצט: „אַ קענדי סטאָר".

איצט איז עס שוין געוואָרן באַשטימט. ווי קען גאָר אַנ־דערש זיין? זיי קויפן אַ „קענדי־סטאָר". פייאַיקייטן, וואָס האָבן ביז איצט געשלומערט, האָבן זיך אויפגעכאַפּט און געריסן זיך צו אַן אַרויסגאַנג, קונציקע פּלענער האָבן זיך געוועבט, געפלאַכטן און געבלישטשעט אין דער פינסטערער נאַכט, ווי פייערדיקע זיילן.

— כ'מיין, ס'איז טאַקע אַ ביסל צו־ווינציק געלט — האָט דזשייק יסורים'דיק געקראַצט די פּאַטילניצע.

— מען וועט קענען כאַפּן ערגעץ אַ הלואה'לע, אַ פינף־און צוואַנציקער.

— ווייסט? דער שכן איז א גוואלטיקער מבין אויף כל'ערליי „קענדי־סטארקעלאך". דענקסטו אז ער וועט אונז וועלן ארויסהעלפן?

—ער'ט שוין וועלן. דאס איינציקע, וואס מ'דארף אליין זען, עס זאל זיין אין א ריכטיקער געגנט, ערגעץ ארום א „סקול". קינדער זיינען אין אזא געשעפט די בעסטע קונדן.

— אז דו ווייסט גארניט דעם פראפיט אין אזעלכע סחורות. ס'איז פשוט העלפט אויף העלפט.

— מען דארף זען, די סחורה זאל אלעמאל זיין פיין אויס־געלייגט, אלץ זאל גלאנצן, א שיינער אויסזען איז די בעסטע צוציאונג פאר קונדן.

— קריגט מען אריין די ערשטע פאר טאלער, דארף מען זיך ניט איילן זיי גיך ארויסציען. „ביזנעס" האבן ליב, אז זיי זאלן זיך האלטן אין איין פארגרעסערן.

— הלואי העלפט שוין גאט, מען זאל זיך א ביסל ארויפ־ארבעטן. וואס? אט דאס איז אויך א לעבן?

— דו ווייסט גארניט, דארע, וואס א „שאפ" איז: ער זויגט פשוט אויס דעם מארך פון די ביינער.

ביי דארען איז דער לוסט צום לעבן נאך אויך ניט אינ־גאנצן אפגעשטארבן. ס'גלוסט זיך האבן א פיינע היים, א קלײדל, א רינגל, א קייטל. וואס איז? זי איז נאך גאנץ יונג און האט אירע האפענונגען ניט פארלארן. זי קען נאך גאנץ פיין אויפגעריכט ווערן.

— הקיצור, געלט איז די וועלט — זאגט דזשייק אריין א פעפערדיקן אפאריזם. ער רוקט זיך צו נעענטער צו דארען און גיט איר א יונג־קלעפיקן קוש אין די באקן. זי שטופט אים דאס מאל ניט אפ: ליגנדיק אין הייסער צוגעטוליעטקייט, חלומ'ט זיך גאר בעסער און געשמאקער.

אין זייער חלום שטייען שוין ביידע אין דער אייגענער „קענדי־סטאר", די ארבל פארקאטשעט אריבער די עלנבויגנס און זיי צאפן פון מירמלשטיינערנעם פאנטאן גלאז נאך גלאז.

טשאָקאָלאַד, קאַרשן און ווײַנפּער סאָדע־וואַסער. די סאָדע זידט און שפּריצט, גיסט זיך מיט אַ שוימיקער ווײַסקייט אַרי־בער די ברעגן. קינדערשע הענטלאַך ציען זיך פון אַלע זײַטן און אין די פינגערלאַך זײַנען פאַרקוועטשט פּענים. די פּענים פאַלן מיט אַ פרײלאַכן קלונג און וואַקסן אין הויכע, שפּיציקע קופּעס. מיט די קופּעס וואַקסן זיי, וואַקסט זייער מזל, אַרויף, העכער, שווינדלדיקער, ביז אין הימל אַרײַן.

פאַרוויגט פון אַזעלכע זיסע חלומות, זײַנען זיי ביידע, שטײף אײַנגעקלאַמערט אײנער אין צווייטן, געשמאַק אַנט־שלאָפן געוואָרן...

3.

אַז דזשייק איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי און גענומען זיך, ווי אַלע טאָג אין דער צייט, צו זײַן אָנבייסן, האָט ער דערפילט, אַז ער איז אומגעריכט איבער נאַכט פרישער און יינגער געוואָרן. ער האָט אָפּגעגעסן, האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן זײַן פּעקל עסן, ניט פאַרגעסן דאָס מאָל אָפּצושטעמפּלען אַן איידלן קוש דער שלאָפנדיקער פרוי אויפ׳ן שטערן און געלאָזט זיך לויפן אין שאַפּ אַרײַן.

זיצנדיק לעבן מאַשין האָט ער זיך אויך געפילט גאָר עפּעס אַנדערש, ניט ווי אַלע מאָל. ער האָט זיך טאַקע געאײַלט, אָבער זײַן אײַלן זיך האָט איצט געהאַט עפּעס אַ צוועק, אַ תכלית. ער האָט אויך מער ניט געקוקט מיט צעשראָקענע מײַזן־אויגן, טאָמער וועט אים אימעצער איבעריאָגן: מילא, אויב ער איז פאַר זײַן בעל־הבית ניט גענוג שנעל, זאָל זיך יענער העלפן, זײַנע דאגות...

מיט אַ כלומר׳שט תמ׳עוואַטן, נאָר באמת גאַנץ כיטרען שמייכעלע, האָט ער שטילינקערהייט, פון אַ זײַט, געקוקט אויף זײַנע חברים־אַרבעטער. ער האָט פון זיי געוואָלט אַרויספּאָמ־פּען עטוואָס, וואָס איז שייך צו זײַן סוד.

— וואָס זאָגסטו, סעמקע, די אַרבעט טאָגט שוין אונטער צוביסלאַך?

— פון אייער כאפעניש, טייוואָלים, אז דער רוח זאָל נאָר אייך פארכאפן — האָט סעמקע פון זיין מאשין ברוגז'דיק אָפּ־געכריפּעט.

—ע, סעמקעלע, האָסט שוין גאָר פארגעסן, ס'איז דאָך אמעריטשקע. וועסט ניט כאפּן, וועסטו גאָרנישט ניט האָבן — האָט דזשייק כלומר'ט געמאכט א וויץ.

— פאר וועמען כאפּסטו? שוטה איינער, ווארט, ווארט: ס'וועט באלד אָנקומען די „סלעק", וועסטו ווי א וואנץ פון הונגער אוועק'פּגר'ן. דעם בעל־הבית דיינעם וועסטו נאָר ריכ־טיק אָנשטאָפּן, ער פארשטייט שוין אָן אינטערעס. ס'איז, פאר־שטייסטו מיך, „ביזנעס"...

דזשייק איז נתפּעל געוואָרן. ער האָט צוגעלייגט א פינ־גער צום שטערן, צו באווייזן, אז ער פארשטייט גוט דעם מיין פון סעמקעס ווערטער און האָט ווייטער געזאָגט:

— הער זיך איין, סעמקע, דו טראָגסט דאָך א שד'ישן קאָפּ אויף די פּלייצעס, ביסט דאָך אָן אמת'ער ממזר־יונג, פארוואָס זאָלסטו זיך דארפן וואלגערן אין שאַפּ? קענסט גאָר פאר זיך אליין עפּעס ניט אויסקלערן? פארוואָס פּרובירסטו ניט גיין אין „ביזנעס"?

— קלינגערס, „באָיעלע", די ממתקים'לאך פעלן מיר אוים — האָט סעמקע אויסגעזונגען און געצירקלט מיט א פינגער א קרייז אויף דער דלאָניע.

— נו, הייבט מען אָן קליין, מען גיט זיך שוין אן עצה.

— איז וואָס ווילסטו, „באָיעלע"? איך זאָל גיין האנד־לען מיט שוועבעלאך, אָדער מיט זאָקן־בענדלאך?

דזשייק פרעגלט זיך פון נחת. נאָכאלעמען איז ער א סך קליגער פון דעם פארשפּיצטן קאָפּ פון סעמקען, און גערעטע־נער אויך. ס'ן דאָלארן אויף דער ווייבס נאָמען ליגן טאָקע אָפּגעשפּאָרט אין באנק. היינט דער איינפאל — א „קענדי־סטאָרקע". זאָל ער אים איצט אויסזאָגן, אָדער ניט אויסזאָגן? בעסער ניט אויסזאָגן...

דער שבת'דיקער האַלבער טאָג האָט זיך שוין געענדיקט. חברה האָט זיך אויפגעהייבן פֿון די מאַשינען און מיט שטרויכ־לענדיקע פֿיס אוועקגעשאַרט זיך אַ היים. דזשייק האָט גע־כאַפּט זיין קאָנווערט מיט די פּאָר גראָשן און אַוועק אַ היים נעמען זיך צו דער אַרבעט, זוכן „ביזנעס".

.4

אַז מען זוכט געפינט מען. דזשייק און זיין ווייב דאָרע'ן האָט געקאָסט גענוג מי, האַרץ־קלעמעניש און קאָפּ־דרייעניש, ביז וואַנען זיי האָבן זיך צו עפּעס דערשלאָגן. ענדלאַך האָבן זיי אָבער דערטאַפּט.

אַ „קענדי־סטאָר" אַ צאַצקעלע, אין אַן אמת'ער רווישיקער געגנט. סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט קאָכט דאָרט מיט מענטשן. דער גייט אַהער, דער — אַהין, און נאָך עמיצער דרייט זיך סתם אַרום, ווי אַ ווינט־פֿליגל. ניט ווייט פֿון „סטאָר" אַ „סקול". די סטאָר אַליין איז טאַקע צו טונקל, צו שמאָל, קוים איינער קען זיך אַוועקשטעלן און אויסדרייען זיך מיט מאַטערניש. דערפֿאַר אָבער — אָנגעלאָדן מיט כל'ערליי סחורות: קערנער, ניס־לאַך, קענדיס, האַלטערס, פּענעס, פּיפּקעס און נאָך. זי איז אויך גענוג לאַנג און פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ טונקעלן צימער ביים סאַמע אויסלאָז.

— אי"ה, איר וועט דאָ באַגולטן ווערן — האָט דער פֿאַרקוי־פֿער צוגעווינטשעוועט און כמעט פֿאַרשפּראָכן.

— וואָס זאָגסטו, דאָרע? וואו וועלן מיר זיך דאָ אַלע אַהינ־טאָן אין הינטערשטן צימער? — האָט דזשייק געפֿרעגט מיט יסורים.

— אַ דאגה, אַבי גוטע „ביזנעס" — האָט דאָרע געמאַכט קוראַזש.

ביידע האָבן פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען זיך פֿלייסיק צו דער אַרבעט. אַריין אַ קונה, האָט מען אים באַהאַנדלט וואויל און פֿיין, מיט אַן איידל וואָרט, מיט אַ שטילן נייג, מיט אַ

שמייכעלע. אָקאָרשט טאָג, האָבן זיך שויןביידע געשאַרט אַרום די פּאָליצעס און אַוועקגעגאַנגען צושפּאַרן זיך ערשט העט־העט שפּעט אינדערנאַכט.

פון אָנהויב איז עס געגאַנגען ניט איבעריקס פויגלדיק. קונדן זיינען געקומען זייער ווייניק, די סחורה איז געלעגן און גע־שוואַרצט. דזשייק האָט זיך גענומען ערגערן און פאַרלירן מוט. דאָרע האָט אים שוואַך געמונטערט:

— מען האָט אונז אַ פּנים ריכטיק אָפּגענאַרט, באַראַבע־וועט, געקוילעט אָן אַ מעסער.

— ערגער זיך ניט, דזשייק. ס'איז דָי ערשטע צייט. צו „ביזנעס" דאַרף מען האָבן געדולד.

דזשייק איז אַרומגעלאָפן אַ פאַר'סמ'טער, געכאַפּט הלוואות, פינפערלאַך, צענערלאַך, געשטאָפּט אין די אומגליקלאַכע „ביזנעס".

די פּאָליצעס האָבן זיך גענומען אויסהוילן, ווערן פּוסט. די „סטאָר" איז געוואָרן נאָך פינסטערער, טונקעלער, ווי געווען. אין האַרצן האָט זיך באַזעצט דער אומעט.

— מען וועט הפּנים דאַרפן גיין צוריק דרייען די „קאַטע־רינקע".

נאָר איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז געקומען צוגיין אַ „סיילסמאַן" מיט אַ גרויסן לעדערנעם טשעמאָדאַן אין האַנט. דער פאַרכמורעטער דזשייק האָט אויף אים אפילו ניט געוואָלט אַ קוק טאָן. נאָר דאָרע האָט שוין געהייסן ווייזן, וואָס ער האָט דאָרט אינוועניק אין זיין טשעמאָדאַן.

„וואָס ער האָט דאָרט? גומענע באַלאָנען פון אַלערליי קאָלירן: גרינע, געלע, בלויע, רויטע. טאַנצנדיקע שדים'לאַך אויס־געמאָלט אויף די אָנגעבלאָזענע בייכלאַך און אַז זיי בלאָזן זיך אויס, קרייען זיי הייזעריק, ווי די הענער". ..

— ווי אַזוי פאַרקויפט ער זיין סחורה? פאַר „קעש"?

— דעם אמת גערעדט, די סחורה איז גאָלד און זילבער. מען צעכאַפּט און מען צעצוקערט זי פון די הענט, נאָר אַזוי ווי

ער זעט אַז זיי זיינען „ביזנעסלייט“ אַנפאַנגער, וועט ער זיי געבן טערמינען.

— מילא, זאָל זיך וואַלגערן אויף די פּאָליצעס נאָך אַ ביסל סחורה.

זיי האָבן די פענצטערס אָנגעבלאָזן, צוגעבונדן זיי אויף שטריק־לאַך און פאַנאַנדערגעהאַנגען איבער׳ן פענסטער. די סחורה האָט געמאַכט אַ רושם. מיט אַ מאָל זיינען די קונדן געקומען צוגיין. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין ריי און גענומען קויפן. מען האָט מיט גוואַלט געשטופּט דאָס געלט, געריסן פון די הענט און געבעטן זיך: „גיב סחורה“...

די שפע האָט זיך אָנגעהויבן...

5.

אַז עס הייבט אָן אַ מענטשן צו גיין, גייט שוין דורך טיר און דורך פענסטער. דזשייק איז מיט אַמאָל אויפגעריכט גע־וואָרן. זיין הויקערדיקע שניידערשע פּלייצע האָט זיך אויסגע־גלייכט, געוואָרן שטייפער, העזה׳דיקער. זיין איינגעפאַלענער בויך האָט זיך אויסגערונדיקט, אויסגעפּאַשעט. זיין וואָרט, זיין זאָג איז הויך, שטאָלץ, בנעימות׳דיק, געוואויגן און געמאָסטן. ניטאָ מער די הלצה׳לאַך פון׳ם אַמאָליקן שניידער־יונג, דאַכט זיך, דער־זעלביקער דזשייק, און דאָך ניט דער יאַנקל, וואָס געווען.

אויך זיין ווייב דאָרע איז שוין גאָר אַן אַנדערע. אינגער גע־וואָרן אויף גאַנצע יאָרן. רויטע פאַרבן האָבן זיך פאַנאַנדערגע־שפּילט אויף די אויסגעפּולטע באַקן. דער געלעכטער — אַ צע־פרידענער, אַ קלינגענדיקער. יעדער קער און ריר אַזוי וואַזשנע, שטאָלץ און פריי. אַ געבאָרענע הויך־געשטעלטע „ליידי“. וואָס געלט, רייכקייט קען פון אַ מענטשן מאַכן...

און אַלץ האָט זיך אָנגעהייבן פון יענע גומענע קריייער־פּענ־בערלאַך. איצט אָבער זיינען שוין די פענבערלאַך ניט אַזוי וויכטיק. אָפּגעטאָן זייער אַרבעט און אָפּגערוקט זיך אָן אַ זייט.

מען צעכאַפּט שוין פון די הענט אַלץ, וואָס אין „סטאָר“ געפינט זיך. קונדן שטייען אויף די קעפּ און בעטן זיך ממש!

— האָט רחמנות, גיט אונז עפּעס סחורה און נעמט צו דאָס געלט.

— מיסטער דזשייק, מאַכט אַן „אָרדער“, גיט אונז צו לייזן. אייער קרעדיט איז גוט געגונג.

— זאָגט איין וואָרט, וועלן מיר אייך די סחורה גלייך צושיקן. וואָס איר באַדאַרפט.

דזשייק שפּילט זיך מיט׳ן טעלעפאָן־רערל, פאַרבויגט פויל די אונטערשטע ליפּ. „איילט זיך ניט, מיינע פריינט, זאָל נעמען צייט. „ביזנעס“ איז איצט שוואַך. ס׳איז „סלאָו“, סלאָו“.

ביינאַכט אויפ׳ן געלעגער רוקט מען זיך צו נעענטער איינער צום אַנדערן און מען פּליסטערט פאַרזאָרגט אין האַלבע טענער, ווי אין אַמאָליקע יאָרן:

— דזשייק! כ׳וועל מוזן ארונטערפאָרן אָנקוקן עפּעס אַ פּור־טער־מאַנטל.

— מען וועט מוזן אַ טראַכט טאָן וועגן אַ הויז, מעבל און אַנדערע נויטיקייטן. מען קען זיך דאָך אייביק ניט וואַלגערן אין די פינסטערע לעבער.

— יע, מען האָט מיר דערציילט פון אַ הייזקעלע, אַ מציאה. מען וועט דאַרפן טאַקע צופאָרן אַ קוק טאָן.

אמת, אַ מאָל אין שלאָף קומט נאָך צוגיין דער אַלטער בעל־חלומות און מאַכט צוריק דזשייק׳ן פאַר אַ שניידער. ער דרייט ווייטער זיין „קאַטערינקע“. און די קריזשעס ברעכן אים, און די ביינער ווייטיקן. אַ מאָל קומט דער בעל־חלומות צוגיין צו זיין ווייב, דאַרען און זשומעט איר אַן אַ קלאָגעדיק ליד אין די אויערן. איר האַרץ ווערט צעפרעסן פון גריזשענדיקער קנאה צו די שכנים, וואָס האָבן אַלץ און זי האָט גאָרנישט, אפילו ניט קיין אָנשטענדיק קלייד אויפ׳ן לייב. עס הייבט איר אָן שטיקן אַ ביטערע שנאה אויף איר שלי׳מזל, אויף דזשייקן. באַלד אָבער רייבט מען זיך אויס די אויגן און מען טרייבט אוועק דעם שווערן

שלאָף. דיווירקלאַכקייט קומט צוריק און עס ווערט העל און שײַנענדיק, ווי געווען.

דער סוחר דזשייק איז געוואַקסן. געוואַקסן מיט געלט אין באַנק, מיט סחורה אויף די פּאָליצעס, מיט גליק, מיט פּריינט, און זיין נאָמען איז אומעטום דערהויבן און געאַכט געוואָרן...

6.

וואָס איז, אומשטיינס געזאָגט, גליק? א שאָטן, וואָס שווימט דורך, פליט פאַרביי און פאַרשווינדט, ווי קיינמאָל ניט געווען. איינמאָל אין א פרימאָרגן, ווען דזשייק האָט א קוק געטאָן אין פענסטער פון זיין קאָנקורענט, דעם „קענדי־סטאָרקי־פער", וואָס אַנטקעגנאיבער, האָט זיך אים אָפּגעריסן אין האַרצן. ער האָט דערזען, אַז די גאַנצע פענסטער, פון אויבן ביז אַרונטער, איז אויסגעזעצט מיט א נייעם צאַצקעלע. דאָס זיינען געווען קליינטשינקע פינסטערע ניגערלאַך, מיט האָריקע, רויט־געפאַרבטע גופ'ן, וואָס האָבן זיך געשוואָונגען אויף דינינקע קייטעלאַך, אַריינגעשטאָכן אין די האַרטע קעפּעלאַך, געדריגעט מיט די פיסלאַך און אַרויסגעלאָזן א מאָדנעם מיאַוקענדיקן קוויטש. קינדערלאַך האָבן זיך, ווי פליגן, געקלעפּט צום פענסטער און געגעסן דאָס נייע צאַצקעלע מיט הונגעריקע אויגן.

דאָס האַרץ איז זעלטן אַן אָפּנאַרער. די פינסטערע ניגערלאַך האָבן פון דער ערשטער מינוט אָן צוגעזאָגט דזשייק'ן אַן אומגליק, און דער אומגליק איז טאַקע געקומען.

עס האָט זיך אָנגעהייבן א ירידה. דער שכן, דער קאָנקורענט, האָט גענומען וואַקסן העכער און העכער. דזשייק האָט גענומען פאַלן טיפער און נידעריקער.

געקומען אַזעלכע צייטן, אַז דזשייק און דאָרע פלעגן שטיין לעבן טיר פון זייער געשעפט, זען ווי די ביז־איצטיקע קונדן גייען פאַרביי, מיידן זיי אויס, ווילן אין זייער זייט אפילו ניט א קוק טאָן און לויפן גלייך צום שונא — צום קאָנקורענט אין קראָם אַריין.

דזשייק האָט זיך אפילו געפּרואווט גיין אנטקעגן זיין שלימ־מזל: ער האָט אויך אראָפּגעבראַכט ניגערלאך, נאָך מער פינ־סטערע, נאָך מער קוויטשענדיקע און האָט אויסגעפּוצט מיט זיי די פענסטער, די סטעליע און די ווענט. ער האָט אויך איינגע־קויפט אַ גאַנצן באַרג נייערע, שענערע זאַכן. קיין זאַך האָט אָבער ניט געהאָלפן.

צום סוף האָט ער אויף דער גאַנצער ברייט פון פענסטער אויסגעהאַנגען אַ רויטן שרייענדיקן שילד: „בינג־באַנג"! אויס־פאַרקויף! אַ זול! פּרייזן געשניטן ביז'ן ביין! קומט גיכער און כאַפּט מציאות!" קיינער האָט אָבער זיין שילד ניט באַ־מערקט.

אין זיין האַרצן האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ העלישער גהינום, ער האָט צו זיך געטראַכט: ער וועט זיין שונא אונטער־צינדן, פאַר'סמ'ען, אראָפּשטויסן פון וועג, קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ, ער אָדער יענער.

ביינאַכט אויפ'ן געלעגער רוקן זיי זיך שוין ניט נעענטער איי־נער צום אַנדערן, פליסטערן מער ניט אין דער שטיל, ווי אין אַמאָליקע גוטע יאָרן. יעדערער ליגט אין זיין ווינקל, דערשטיקט פון אַ באַרגיקער שווערקייט.

דזשייק כליניעט זיך מיט ביטערן האַס אויף זיין ווייב דאָ־רען, פּונקט ווי זי וואָלט אין דעם אומגליק געווען שולדיק. דאָ־רע בליצט מיט פאַר'סמ'טע בליקן אויף איר שלי'מזל דזשייק'ן.ביידנס הערצער ווערן אויפגעפרעסן פון איין וויטיק.

די באַרגיקע שווערקייט האָט זיך געקייקלט אַראָפּ און אַראָפּ, יעדן טאָג אַלץ נידעריקער און דראָענדיקער. דזשייק האָט זיך אַרומגעקוקט און דערפילט, אַז ער קען עס שוין לענגער ניט אויסהאַלטן...

7.

איינמאָל בייטאָג: די פּאָליצעס זיינען שוין געשטאַנען כמעט פּוסטע. דער מירמלשטיינערנער שפּריצער האָט זיך גע־

בלייכט א פארשטייבטער אין א שמוציקן ווינקל און דער אור־מעט האָט געקוקט מיט פוסטע צעשראָקענע אויגן אין דער גע־דיכטער טונקלקייט ארום. אין „סטאָר“ איז געווען שטיל־שטיל. דאָרט איז ערגעץ אוועקגעגאנגען. דזשייק האָט זיך שאָטנדיק דורכגעגליטשט דורכ'ן גאנצן לענג פון זיין קראָם און איז אריין צו זיך אין הינטערצימער.

דאָרטן האָט ער מיט צעמישטע געדאַנקען פארבונדן אויף דער סטעליע א שטריק, אויף דער שטריק פארקניפּלט א פּעטליע, די פּעטליע פארצויגן אריבער'ן האלז, ארויפגעשטעלט זיך אויף א בענקל, דעם בענקל אָפּגעשטופּט מיט א פוס און געבליבן אין דער לופטן הענגען...

שפּעטער האָט אים דאָרט געפונען שוין א קאַלטן, א פארגליווערטן. אין דער שווימענדיקער טונקלקייט פון הינטער־צימער האָט ער אויסגעזען, ווי צוויי טראָפּנס וואסער, ענלאך אויף די הענגענדיקע ניגערלאך אין דעם קאָנקורענט'ס שוי־פענסטער: א קליינינקער, א שווארצינקער, האָט ער זיך געוויגט אין דער לופט און געשוואונגען מיט די פיסלאך. נאָר איין זאך האָט ער שוין מער ניט געקענט טאָן: ער האָט ניט געקווייטשעט...

אין די שיף־נעדערים

דער וועק־זייגער, וואָס איז געשטאַנען ביי סאָלוואַטאָרען צוקאָפּנס, האָט זיך מיט אַ מאָל הויך און אומרואיק צוקלונגען. פונ׳ם צעקנייטשטן קישן האָט זיך אויפגעהייבן אַ צעשויבערטער קאָפּ האָר. אַ פאַרשלאָפענער פּנים האָט זיך געשמאַק־ברוגז׳דיק אויסגעשפּיגן. עס האָט זיך פאַרקאַטשעט די קאָלדרע, סאָלוואַטאָרע איז אַרויסגעקראָכן פון זיין אויסגעוואַרימטן געלעגער און האָט זיך וואָרטשענדיק גענומען אָנטאָן.

— פאַרשאָלטן, הינטיש לעבן! — האָט סאָלוואַטאָריע ניט אויפגעהערט צו זידלען זיך בשעת ער האָט געהאַלטן אין אַרויפציען אויף די פיס אַ פּאָר לאַנגע גומענע שטיוואַלעס. — אָבער דער „דאָק“ און ווידער דער „דאָק“. אויסשלאָפן זיך, ווי ס׳געהער צו זיין גיט מען קיינמאָל ניט קיין געלעגנהייט!

סאָלוואַטאָרע האָט טאַקע די לעצטע נאַכט נאָר ווינציק געשלאָפן: זיין מאַרגאַריטע, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף, וואָס איז איצט געלעגן קראַנק אויף מאָזלען, האָט אַ גאַנצע נאַכט געפיבערט, געברענט מיט אַ העלישן פייער און ער האָט ניט געקענט אויף אַ ווײַלע פון איר בעט אָפּטרעטן. ערשט פאַרטאָג האָט סאָלוואַטאָרע קוים צייט געהאַט זיינע אויגן צו־שליסן, און איצט מוז ער זיך שוין אויפהייבן און גיין צוריק צו דער אַרבעט.

ער איז אַרויס פון שטוב. זיינע פיס אין די לאַנגע האַמעטענע שטיוואַלעס האָבן זיך פון פאַרשלאָפענער פוילקייט געפּלאָנטערט; זיין קערפּער איז געווען צעשוואָומען און אָנגעגאָסן מיט אַ מאָד־נער שטיינערנער שווערקייט. אין דעם מוטנעם נעבל פון אַ נאָוועמבער־פרימאָרגן, וואָס האָט זיך, ווי אַ גרויער וואָול אי־

בערגעצויגן איבער „גרינוויטש־סטריט" און פארטונקט זיינע ברעגן אין די נאַענטע וואַסערן ארום „סאוטה פערי", האָט אַלץ אויסגעזען פרעמד און ניט־היימלאך. אין דעם מילכיקן טומאַן זיינען נאָכאַנאַנד געשוואומען שווארצע רירעוודיקע פלעקן, גע־בליאַבעט מיט די פיס אויף די פייכטע טראָטואַרן און אַלץ געצויגן זיך אין איין ריכטונג. סאַלוואַטאָרע איז אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם מענטשלאַכן שטראָם.

א הייזעריקער, אויסגעצויגענער פייף האָט אָפּגעברומט פון א „פערי" און דורכגעריסן דעם געדיכטן טומאַן. סאַלוואַטאָרע האָט ניט־ווילנדיק פארשנעלערט זיינע טריט. אין דער נעבלדי־קער האַלב־פינסטערניש האָט ער זיך פלוצלונג אָנגעשטויסן אויף א מענטשלאַכער פיגור און איז באַלד, ווי א געביסענער, אָפּגע־שפּרונגען אויף צוריק:

דאָס איז געווען זיין אַלטער פריינט קאַרלאָ. יאָרן נאָכ־אַנאַנד האָבן זיי ביידע געאַרבעט צוזאַמען. זייט ביי זייט האָבן זיי שטופּ־וועגעלאך אויפ'ן דאָק געפירט און געוואָרן די בעסטע גוטע ברידער. צוזאַמען פארבראַכט, געטרונקען וויין און גע־שפּילט אין קאָרטן. קאַרלאָ האָט אים אָבער גענאַרט. ווי א כיטרער שלאַנג האָט ער זיך צו אים אין שטוב אריינגעצויגן און איז מיט סאַלוואַטאָרע'ס פרוי, מיט עליזאַבעט'ן צו נאָענטע מחותנים געוואָרן. ער האָט איר מתנות אַלערליי אין דער שטיל געבראַכט, מיט גוטע ריידעלאך אין הארצן פארקראָכן, געמאַכט אייגלאך, גע'חנ'דלט זיך מיט זיינע ארויפגעדרייטע וואָנצעס. א גליק, וואָס סאַלוואַטאָרע האָט עס באַצייטנס באַמערקט און אָפּ־געהאַקט זייער גוטע פריינטשאַפט. נאָך איצט בריט עס אים אין הארצן, ווען ער דערמאָנט זיך אויפ'ן פאַלשן גוטן־ברודער. נאָך איצט וואָלט ער, מיט א ווילדער הנאה, קאַרלאָ'ס שמוציקע קישקעס מיט א שאַרפן שטאָל־מעסער גוט־גוט דורכגעטרויבערט...

סאַלוואַטאָרע איז צוגעקומען צום „דאָק" און איז אַן חשק אריין אין „אָפיס". ער האָט אָפּגעקלונגען אויפ'ן געשטעמפּלטן ציפערבלאַט די צייט, אָנגעשפּיליעט אויף זיך זיין ווייסן נומע־

רירטן בלעכל, איינגעשפאנט זיך אין זיין טאטשקע און איז אוועק צו דער ארבעט.

דער טומאן איז דערווײַלע שיטערער געוואָרן. פונ׳ם פאר־צויגענעם הימל האָט גענומען זיפּן אַ דראָבנער קאַלטער נאָוועמ־בער־רעגנדל. די דאָק־אַרבעטער, אין אויפגעהייבענע קאַפּושאָ־נען, ווי אויפגעשטעלטע אויערן פון נאַסע אויסגעמאַטערטע משא־אייזלען, האָבן זיך אַרומגעטראָגן הין און צוריק איבער דער אָפענער פּלאַטפאָרמע. ביים ראַנד פון פּלאַטפאָרמע, וואו די טראָפּנס רעגן האָבן געקרייזלט דאָס מוטנע האַפן־וואַסער אין שוואַרצע רייפיקע שווינדל־רעדעלאַך און אויבן איז אַרומגעשוואו־מען אַ גלאַנציקע פעטע הייטל פון קעראָסין־קאָליר, איז געלעגן צו־געטוליעט אַ שיף. די שיף האָט אויסגעדרייט אַ גרויסע שטאָ־לענע שנאָבל־נאָז, האָט אונטערגעכאַפּט די ווייסע, פריש־שמע־קעדיקע קעסטלאַך, וואָס די וועגל־שטופער האָבן אַלע ווײַלע אונטערגעפירט, אויפגעהייבן זיי אין דער הויך, ווי אַ צאַצקעלע און נאָכדעם אַריינגעשליידערט זיי צו זיך אין טיפן בויך.

סאַלוואַטאָרע האָט געשטופּט זיין וועגעלע מיט אַלע כחות, מלחמה געהאַלטן מיט׳ן קלעפּעדיקן שלאָף און האָט די גאַנצע צייט די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון זיין „באָס“. ניט לאַנג האָט מיט אים אַן אומגליק געטראָפן: ער איז אַריינגעפאָרן מיט זיין טאַטשקע אין אַ צווייטן און האָט יענעם איבערגעקערט אויפ׳ן „פלאָר“. יענער האָט אַ וואָרטשע געטאָן, ווי אַ צע־רייצטער טיגער, עפּעס אויסגעדריידלט אויף אַן אומפאַרשטענד־לאַכער גאָרגלדיקער שפּראַך און איז שוין גרייט געווען אָנצו־הייבן אַ געשלעג. סאַלוואַטאָרע איז ניט פון די, וואָס שרעקן זיך פאַר אבי וועמען. אַ מעסער אין כאָליעווע ליגט ביי אים צוגעגרייט אויף יעדן פאַל. יענעמס גליק, וואָס ער האָט זיך אָפּגערוקט באַצייטנס. דער איינציקער, פאַר וועמען סאַלוואַ־טאָרע האָט אָפּשיי, איז דער „באָס“, און יענער, דאַכט זיך, קוקט אויף אים היינט זייער פאַרדעכטיק...

ס'ווילט זיך רויכערן! וואָס וואָלט ער ניט אָפּגעגעבן איצט פאַר א פאָר ביטערע „ציען" פון א ציגאַר. ס'וואָלט אים אָפּ־געפרישט און פאַרטריבן דעם שלאָף. רויכערן איז אָבער דאָ שטרענג פאַרבאָטן. ניט איין מאָל האָט זיך שוין מיט אים איבערגעוואונקען א שוואַרצינקער, קוועקזילבערדיקער אַרבעטער, קענטיק אַן אַרמענער: „קום, גיני, קום! לאָמיר זיך אָפּ'גנב'־ענען אין א ווינקעלע, און מאַכן פוף־פוף". סאַלוואַטאָרע האָט אָבער מורא. היינטיקער טאָג איז ניט זיינער, היינט איז ער שלי־מזל'דיק...

די שעה'ן ציען זיך ווי פון פעך. סאַלוואַטאָרע פּליט אַרום הין און צוריק מיט זיין וועגעלע. זיינע אויגן פלאַקערן, ווי צעגליטע קוילן. ער בריה'ט זיך, אָבער אין דער אמת'ן איז ער פאַרשלאָפן. אך, ווי פאַרשלאָפן ער איז! א דיקער טומאַן, ווי אויסגעגאָסן פון גרויע שווערע שטאָל־פּלאַכטעס, דריקט אויפ'ן מארך און טראָגט זיך שווער־שווימענדיק פאַרביי די אויגן. אין קאָפּ איז א ווירוואַר פון אַלערליי ווילדע קולות, זיי שטופּן זיך, שרייען איבער איינע די אַנדערע, שווענקען זיך איבער און ווערן צערונען, ווי צערודערטע אייז־קריעס. וואָס, א שטייגער, טוט איצט אינדערהיים זיין עליזאַבעטא? וואָס מאַכט זיין קראַנקע מיידעלע, זיין מאַרגאַריטע? וואָס נאָך פלאַנעוועט דער שמור־ציקער קערל, זיין פריינט קאַרלאָ? ווען וועט שוין היינט אָפּהודזשען דער צוועלף־אזייגערדיקער „וויסטל"? גוואַלד! ווען וועט שוין זיין צוועלף אזייגער!

עס האָט אָפּגעקלונגען צוועלף. סאַלוואַטאָרע האָט אויף גיך אָפּגעכאַפּט זיין טרוקענעם מאָלצייט, אויסגעפּיפּקעט זיין ציגאַר און אַרויפגע'גנב'עט זיך אויפ'ן דעק פון שיף אָפּטריקענען זיך און אויסרוען. דאָרטן האָט ער זיך אויסגעזוכט א וואַרימען ווינקל, ניט ווייט פון די אָנגעהייצטע שיף־געדערים, האָט אויסגעטאָן זיין נאַסן מאַנטל, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף א קופּע שטריק, אָנ־געשפאַרט דעם קאָפּ אויף א גרויסן שטאָלענעם אַנקער. די אויגן

האָבן זיך פאַרקלעפּט. סאַלוואַטאָרע איז גלייך אַנטשלאָפן גע־וואָרן...

2

ווי לאַנג ער איז אַזוי געשלאָפן, ווייס ער ניט. ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און אַרומגעקוקט זיך אַ צעטומלטער אויף אַלע זייטן, האָט ער אַ פריער ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט אים. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען — לויפן וואָס גיכער צום „דאַק“ מען זאָל ניט באַמערקן זיין לאַנגע אָפּוועזנהייט. אין טויט־שרעק האָט ער באַמערקט, אַז פון „דאַק“ איז קיין זכר ניט געבליבן. די שיף האָט זיך געוויגט אויף די מוטנע כוואַליעס פון אַטלאַנטישן ים. הימל און וואַ־סער, אויפגעטרייסלטע, שוימיקע וואַסער אַרום און אַרום, ביז וואַנען דאָס אויג האָט געקאָנט דערלאַנגען. נאָר אויפ'ן ווייטן האָריזאָנט, אינ'ם לעצטן אָפּגלאַנץ פון אַ טויטער פאַרגייענדיקער זון, האָט זיך סטרונענדיק אויסגעצויגן דער זאַמדיקער שמאָל־פּאַס פון „סענדי־הוק“ און דער לייכט־טורם אויפ'ן „פּאָרט הענ־קאָק“ האָט שוין געשפּריצט מיט פייער און געגאָסן פאַסן ליכט אויף די בלאָנדזשענדיקע וואַסער־וועגן.

— הייליקער יעזוס! — האָט זיך ביי סאַלוואַטאָרען אַרויס־געריסן פון האַרצן און ער האָט אינגאַנצן גענומען ציטערן ווי אַ בלאַט.

שרייען האָט ער ניט געקענט. פון שרעק איז ער אינ־גאַנצן פאַרשטיינערט געוואָרן. די האָר האָבן זיך ווילד אויפ־געבלאָזן. די אויגן האָבן זיך צעגרייסט. ער איז געשטאַנען אויף די קני, געטרייסלט זיך מיט אַלע גלידער און געפּרעפּלט נאָכאַנאַנד אָן אַ זינען:

— הייליקער יעזוס, הייליקער יעזוס, הייליקער יעזוס!

ער האָט אַפילו ניט געהערט, ווי אויפ'ן דעק איז מיט אַמאָל לעבעדיק געוואָרן. דער דיל האָט גענומען סקריפּען אונטער טאַנצנדיקע פּיס פון מאַטראָסן. אַ פידל האָט זיך אָנגעקגלאָזט

A-1257

אין א הפקר׳דיקן ניגון. איר האָט אונטערגעכאַפּט א לוסטיקע הארמאָניקע. גראָבע באַסן האָבן צוגעברומט אין אַקאָמפּאַני־מענט.

אַן אויסגעשמירטער מאַטראָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין לאָך פון שיף. דערזעענדיק דעם קניענדיקן צעצאַפּלטן סאַלוואַ־טאָרע׳ן, איז ער געבליבן שטיין א פאַרגליווערטער.

— ווער ביסטו, טייוול? — האָט ער אויסגעשריען ניט מיט זיין קול און ניט־ווילנדיק גענומען זיך רוקן אויף צוריק.

סאַלוואַטאָרע האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרגלעזערטע, אומ־זיניקע אויגן, און ניט געענטפערט קיין וואָרט.

— ווער ביסטו, טייוול? — האָט דער מאַטראָס צום צווייטן מאָל אויסגעשריען, אָנגעקוקט סאַלוואַטאָרע׳ן און געלאָזט זיך לויפן אימפּעטדיק אויפ׳ן דעק.

באַלד איז אַרום סאַלוואַטאָרע׳ן געשטאַנען א קאָמפּאַניע מאַטראָסן. יענער איז געלעגן מיט׳ן פּנים צום דיל, געצאַפּלט זיך און געשלוכצערט מיט באַנומענע קולות.

— ברודער! — האָט א גראָבער קול געפּרואווט ווייך אַרויסריידן.

סאַלוואַטאָרע האָט ניט געענטפערט.

— הערמאַנאָ!

— בראַט!

— פראַטעלאָ!

ביים וואָרט „פראַטעלאָ“ האָט זיך סאַלוואַטאָרע, ווי אויס־געטשוכעט פון א טשאַד און אָנגעקוקט זיין „לאַנדסמאַן“ מיט פאַרלאָפענע אויגן.

וו—ער ביסטו „פראַטעלאָ“? — האָט אים יענער גע־נומען אויספרעגן.

— איך בין סאַלוואַטאָרע.

— וואו וואוינסטו?

— אין ניו יאָרק, אויף „גריניטש סטריט“.

— וואָס איז דיין באַשעפטיקונג?

— כ׳בין אַ דאַק־אַרבעטער.

— ווי קומסטו אַהער?

— איך בין געווען פאַרמאַטערט. די אַרבעט איז שווער. אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, אַ טעכטערל מאַרגאַריטע איז שטאַרק קראַנק, האָב איך זיך פון מיין „באָס" אָפּגע׳גנב׳עט און אין אַ ווינקל פון שיף געלעגט זיך אָפּרוען.

— וואָס זאָלן מיר מיט דיר טאָן, פראַטעלאָ? אומקערן זיך צוריק איז שוין שפּעט. אונזער שיף שווימט איצט אַוועק אין ווייטע לענדער.

— נעמט מיך און וואַרפט מיך אין ים אַריין. איך וויל צוריק אַ היים. מאַרגאַריטע איז קראַנק, עליזאַבעטאַ וועט מיי־נען, אַז איך בין טויט. דער פאַלשער פריינט קאַרלאָ וועט זיך צוריק אומקערן און וועט מיט פאַלשע ווערטערלאַך איר האַרץ געווינען.

— דו וועסט קיינמאָל אַ היים ניט דערשווימען. דו וועסט דערטרונקען ווערן. די פיש וועלן דיין פלייש אויפעסן.

סאַלוואַטאָרע האָט זיך פון פאַרצווייפלונג גענומען רייסן די האָר אויפ׳ן קאָפּ.

— ניט געזאָרגט, ברודער! דאָ איז אויך אַ וועלט. מיר וועלן דיך פאַר אַ ריכטיקן מאַטראָס מאַכן. אין די פּאָרטן, וואו־הין אונזער שיף טראָגט זיך איצט, הייבט זיך ערשט אָן דאָס אמת׳דיקע מאַטראָסן־לעבן. אויף דער יבשה, ווען מיר וועלן קו־מען, וועט זיך ביי אונז שנאַפּס, ווי וואַסער גיסן. דאָרטן וועלן אויף אונז שייניקע מיידעלאַך וואַרטן. מיר וועלן כאַפּטעם־ווייז פון שענקל צו שענקל גיין. זשמעניעס געלט וועלן מיר אויף אַלע זייטן וואַרפן. שיינקייטן וועלן זיך אונז אויף די העלזער הענגען. דו וועסט נאָך אויף דיין עליזאַבעטאַ׳ן פאַר־געסן...

ווי אַ מוטער לעבן איר קינד, איז דער אויסגעשמירטער פאַרוויכערטער מאַטראָס געזעסן לעבן דעם פאַרצווייפלטן סאַל־וואַטאָרע׳ן און האָט אים אַלץ געפּרואווט באַרויקן.

אן אויסגעשטערנטע נאָוועמבער־נאַכט האָט זיך איבערגע־בויגן איבער׳ן ים. נאַכט, הימל און וואַסער זיינען געוואָרן איינס. א געזאָלצענער ווינט האָט נאָכאַנאַנד געהודזשעט אין די לייַ־וועגטן פון די מאַסטן. סאַלוואַטאָרע איז געלעגן אויפ׳ן דעק, זיינע אויגן האָבן געברענט, ווי ביי א הונגעריקן וואָלף. ער האָט אויפגעכאַפּט די לעצטע פּאַסן ליכט פון דעם אַנטלויפנדיקן לייכט־טורעם און זיין האַרץ האָט אַלץ געגאַגט און געריסן זיך צוריק א היים, א היים...

צוויי הערצער

(אַ מעשה׳לע)

אין אַ קאַלטער ווינטערדיקער נאַכט האָט זיך אַ שלע־פּער אַריינגעגנב׳עט אין אַ פרעמדן „גאַראַדזש" און האָט זיך אַוועקגעלייגט אונטער אַ פרעמדער מאַשין שלאָפן.

דער שלעפּער איז געווען אַ קראַנקער מאַן: אַ קליינע אַרטעריע, דורך וועלכער עס פּאָמפּעט זיך דאָס בלוט צום האַרצן, איז קאַליע געוואָרן, געקראָגן אַ דינעם שפּעלטל. דאָס האַרץ האָט פון דעם חסרונ׳דל געליטן און געצאַפּלט זיך אין מורא׳־דיקע שמערצן.

ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער אָטאָמאָביל, אונטער וועלכן ער איז אונטערגעקראָכן שלאָפן, איז אויך געווען ניט מיט אַלעמען: אַ דין רערל, וואָס קאַפּעט אויל־טראָפּנס אין ברוסט־קאַסטן פון מאָטאָר, האָט זיך פאַרשטאָפּט און גענומען דורכרינען. די מאַשין איז איצט געשטאַנען אַ טויט־קראַנקע אין איר ווינקל, וואַרטנדיק ביז וואַנען דער מעכאַניקער וועט דאָס רערל צורעכט מאַכן און דער מאָטאָר וועט צוריק לעבעדיק רוישן, ווי געווען.

ליגט אַזוי דער קראַנקער שלעפּער אויפגעקנוילט, ווי אַ יאָזשיק; דאָס האַרץ ווייטאָקט אים, די קעלט שטעכט ווי מיט אייזיקע נאָדלען און ער ציט אויס אין דער פינסטער אַ לאַנגן, צעבראָכענעם: אַ־כאַ־כאַ־אַ!

— וואָס זיפצסטו אַזוי ביטער?

פרעגט אים די מאַשין.

ענטפערט מיט יסורים דער שלעפּער:

— כ'בין קראנק, דאס הארץ ווייטאקט; אן אדערל איז קאליע געווארן און רינט דורך.

— נו, איז וואס? אט לייד איך אויך פון דערזועלבי־קער חולאת, פונדעסטוועגן וויין איך ניט.

— דו האסט כאטש א היים, אן אייגן ווינקעלע, וואו זיך צוצושפארן. איך בין א שלעפער...

דאך האט זיך דער מענטש דערפרייט, ווען ער האט דער־הערט, אז ער האט צו זיך א ברודער — אין ליידן. ער האט רחמנות'דיק־מילד א פרעג געטאן:

— הייסט עס, דו ביסט אויך אין מיין לאגע? דערצייל־זשע מיר, ווי לאנג אז דו ביסט קראנק און ווי איז דער פעלער צו דיר געקומען?

— ניט לאנג, ליבער ברודער. די וואונד איז נאך פריש און טריפט מיט צאפלדיקן בוימל. געקומען איז עס מיר פון דער מחיה'דיקער ארבעט. דער באלעבאס, א ווילדער גראבער יונג, האט מיט מיר קיין איינזועניש ניט געהאט, געיאגט, געטריבן, אזש אלע גלידער האבן געקנאקט און דער ווינט האט דורכגעהודזשעט „הוזש־הוזש" דורך אלע זייטן. דערצו איז ער נאך געווען אויסערגעוויינלאך קארג. דאס ביסל חיונה האט ער געשפארט, אויסגעציילט יעדן טראפן באזונדער. איך האב שטענדיק געלעבט אין דחקות, שטענדיק האט געפעלט אויל, שמיר־אויל, לופט, א קאפעטשקע וואסער. נו, א הארץ איז א הארץ: ס'האט געקלעמט, געליטן, ביז ס'האט ענדלאך גע־פלאצט...

דער שלעפער אונטער דער מאשין האט מיטפילנדיק צונג־שאקלט מיט'ן קאפ: פרעמדע צרות האבן אויפגעוועקט זיינע אייגענע ווייטאקן און ער האט גענומען רעדן:

— מאדנע, ברודערל: דו דערציילסט מעשות און מיט דוכט זיך, אז דו לייענסט זיי פון מיין הארצן ארויס. מיט מיר איז אויך געווען דאס אייגענע. פון קליינווייז־אן בין איך געווען ווי א פערד אין סאכע, ווי א הונט אויפ'ן וועג. משאות אויף

די פלייצעס געשלעפט, אזש די קישקעס האָבן געפלאַצט און די ביינער געטרעשטשעט. פון קיינעם קיינמאָל קיין גוט־וואָרט ניט געהערט. דאָס הארץ האָט געקלעמט, געליטן, געצאַפּלט זיך אין אנגסטלאַכע ווייטאָקן, ביז וואַנען אַן אָדערל האָט ניט אויסגעהאַלטן און געפלאַצט...

דער מענטש איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער מאָטאָר האָט געשטומט.

— אָ־כאָ־כאָ־אָ! — האָט זיך דער שלעפּער אין אַ ווײַלע ארום פאַנאַנדערגעזיפצט פון ווייטאָק.

דער מאָטאָר האָט זיך מיט רחמנות געבעטן:

— זיפץ ניט, חבר'ל. אַ חוץ מיך, וועט דיך דאָ קיינער ניט דערהערן. דו בעסער פארשטשעמע דיין ווייטאָק און שווייג...

— דאָס הארץ נאָיעט!

— ס'וועט אריבערגיין.

דער מענטש האָט זיך פּלוצלונג צעבייזערט מיט אַ קוויטשיקן קול'כל:

— גוט איז דיר צו זאָגן „שווייג", אַז דיין ברוסט איז געמאַכט פון אייזן און די אָדערן פון הארטן דראָט. אַ האַנט האָט דיך קאַליע געמאַכט, אַ האַנט וועט דיך פאַרריכטן און דו וועסט בלייבן דערזועלביקער מאָטאָר. איך וועל אָבער באַלד שטאַרבן. מיין פלייש וועט צעפוילט ווערן, מיין ביין וועט אין אַש צעמאָלן ווערן, מיין בלוט וועט זיך אין דער ערד אריינזאַפּן. דער היימלאָזער שלעפּער, וואָס וואַלגערט זיך איצט אונטער דיר, וועט קיין שאָטן נאָך זיך ניט איבערלאָזן. כ'וועל דאָ מער שוין קיינמאָל ניט זיין...

דער מאָטאָר האָט מיט אַ טויטן סקרוך צוריק אָפּגעענטפערט:

— אומזיסט ביסטו מיר מקנא, חבר'ל. מיין לאַגע איז ניט בעסער פון דיינער און דערזעלביקער טויט וואַרט אויך אויף מיר. מיינע שרויפן זיינען שוין אויסגעריבן, די פאַסן אָפּ־

געטראָגן, די רערן צעפּלאַצט. באַלד וועט מיך דער באַלעבאָס אין דער אַלטוואַרג־קופּע צווישן אויסגענוצטן אייזן אָוועקשליי־דערן. פייכטקייט וועט מיך מיט אַ זשאַווער־הויט צודעקן, אַ האַמער וועט מײַנע גלידער צעשטויסן, אַ פייער וועט מיך אינ־גאַנצן איבערקאָכן. כ'וועל צוריק ווערן אַ האַק, אַ זעג, אַ מע־סער, נאָר מער קיינמאָל שוין ניט דערזעלביקער מאָטאָר, וואָס געווען...

אינ'ם טונקעלן גאַראַדזש האָט דער אומעט מיט גרויליקע פליגלען געפאָכעט; ביידע חברים זיינען געבליבן שטיל.

— איך וויל לעבן! — האָט דער שלעפּער געקרעכצט.

— איך אויך.

— כ'האָב מורא פאַר'ן טויט!

— איך אויך.

— אַמאָל בין איך יונג געווען.

— איך אויך.

— מײַנע באַקן האָבן זיך דאַמאָלסט פון בלוט גערויטלט. מײַן הויט איז געווען ווייך און גלאַט.

— מײַנע גלידער האָבן זיך פון נייקייט געשפּיגלט. איך האָב אויף זיך קיין שפּרינקעלע ניט געהאַט.

— אפשר איז נאָך פאַראַן אַ האָפנונג?

— אפשר!

די חברים זיינען ווייטער געבליבן שטיל. די שטילקייט האָט איבערגעריסן דער שלעפּער:

— מיך האָט ניט לאַנג אַ דאָקטאָר אונטערזוכט און גע־זאָגט, אַז מײַן געבוי איז נאָך אייזן־פעסט. גוטע נאַרונג און אַ סך לופט קענען מיך צוריק אַוועקשטעלן אויף די פיס.

— מיך האָט אַנומעלטן אַ מעכאַניקער באַקוקט. אַנדערע טיילן זיינען נאָך גאַר ניי. אַ געניטע האַנט קען מיך אויס־פאַריכטן און מאַכן פאַר אַ לויפנדיקן מאָטאָר.

דאָס מענטשל האָט זיך צעוואַרימט:

— ווייסטו? ניט ווייט פון דאַנען איז פאַראַן אַ געגנט.

ס'איז דאָרט אַלעמאָל זוניק, ליכטיק און וואַרים. די לופט איז גוט פאַר קראַנקע הערצער. אַהינצו האָב איך געדאַרפט גיין: כ'וואָלט געזונט וואָרן.

דער אייזן האָט אים מיטפילנדיק מוט צוגעגעבן:

— וואַרט אויס, חבר'ל, דער מעכאַניקער וועט מיך באַלד צורעכט מאַכן. מיין „טענק" וועט מען אָנפילן מיט קרעפטיקן געזאַלין, די בלויע זאַפטיקייט וועט דורך געזונטע קאַנאַלן צו מיין ברוסט־קאַסטן דערלאַנגען און וועט דאָרטן בורבלען און פריילאַך שוימען. דו וועסט זיך אַהינטער מיין רוקן פאַר־גנב'ענען און איך וועל דיך אַוועקפירן אין יענעם לאַנד...

דער שלעפּער האָט דעם אייזן ניט געהערט. ער האָט זיך געבליניעט מיט אייגענע גליקלאַכע איינפאַלן:

— כ'וועל דאָרטן צוריק יונג ווערן. ווייסט? כ'בין דאָך אַמאָל אַ ריז געווען, בעריש כוח פאַרמאָגט. כ'האָב געהייבן באַלקעס, וואָגיקע אייזן־פּרענטן; נאַרישקייט: אַן אָדערל, אַ דין פעדימל. ס'וועט זיך פאַרהיילן, איינוואַקסן, קיין סימן וועט ניט בלייבן.

— און מיינסטו, וואָס איז מיט מיר? כ'בין דאָך אַ טייערע מאַשין געווען, אַן אוצר אָפּגעקאָסט. מען האָט מיך באַ־קוקט, באַוואונדערט און ניט געקענט אָפּלויבן זיך פון מיין קונציקער אויסאַרבעטונג. אַ בלעכל! אַ שטיק רערל! אויך מיר אַ זאַך! מ'וועט פאַרריכטן, צולייטן, אויסבייגן און עס וועט זיין ווי געווען...

דעם שלעפּער'ס התפעלות איז געשטיגן. ער האָט זיך אָנ־געכאַפּט אָנ'ם אַקס פון מאַשין, מער גערעדט צו זיך, איידער צום פריינט:

— כ'וועל אויפגעריכט ווערן. דאָס האַרץ וועט שוין איינ־זאַם ניט וועלן פאַרבלייבן. ס'וועט אויפבליען, געפינען פריינט־שאַפט, ליבע, גליק.

דער אייזן האָט זיך מיטאַמאָל שטאַרק פאַרוואונדערט:

— וואָס מיינסטו, חבר?

— כ'וועל לעבן צוזאמען, ליידן צוזאמען, טיילן זיך מיט עמיצן אַלץ מיטאַנאַנד.

דער אייזן האָט געשטוינט:

— איך פאַרשטיי דיך ניט, חבר, איז צוזאמען פריילאכער?

— זיכער. מען דריקט צום הארצן, מ'פילט א ווארימן צאַפּל, וואָס גיסט זיך צו דיר גלייך אריבער.

— וואָס רעדסטו, שלעפּער? אז מען דריקט שטייף צו, צעברעכט מען אָדער מען וועט אַליין צעבראָכן...

— אייזן, וועסט מיך ניט פאַרשטיין. פלייש און בלוט זיינען אנדערש. זיי זיינען פון אויבן פאַרצויגן מיט א טרוקע־נעם הייטל; אינוועניק אָבער זיינען זיי ווייך.

דער אייזן האָט זיך באַליידיקט:

— כ'פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט, חבר'ל. איך בין אויך דאָס זעלביקע. אז א פייער צעשמעלצט מיך, ווער איך דאַמאָלסט ווייך.

דער שלעפּער האָט זיך גרויסמוטיק פאַנאַנדערגעלאַכט:

— מיין פייער איז אַן אַנדערער: אַן אינוועניקסטער און א שטענדיקער. ער צעשמעלצט מיך ניט. ער גיסט מיך נאָר אָן מיט פאַרשידענע געפילן: טרויער, צאָרן, ליבע, האַס. כ'פאַרשטיי דיך ניט, חבר'ל!

דער שלעפּער און דער אייזן האָבן זיך דאָס מאָל איינער דעם אַנדערן ניט פאַרשטאַנען...

איינער

אַז איר וועט שטילינקע זיצן אַזוי,
איז נעם איך די מעשה דערציילן.
— מאני לייב.

אַ מעשה אַזאַ, אַ געוויינלאַכע, אַ פּראָסטע, אַ ניט־געקינצלטע, ווי פּשוט און פּראָסט ס'איז דאָס רויע אמת'דיקע לעבן.

אַ מעשה אַזאַ, וואָס האָט געטראָפן מיט אַן איטאַליענישן אַרבעטער, אַן איינפאַכער טאָג־אַרבעטער. און זיין נאָמען איז געווען באַנגאַנאָ.

באַנגאַנאָ? אַ נאָמען אַ מאָדנער, אַ וויצל, אַ שפּאַס. זיינע חברים האָבן טאַקע פון דעם נאָמען קאַטאָוועס געטריבן. אַלעמאָל אונטערגעזונגען: „יעס, ווי העוו נאָ באַנאַנאַס טו־דעי".

דער גוטמוטיקער באַנגאַנאָ האָט מיטגעלאַכט, אָפּגעווישט מיט'ן גראָבן אַרבל די געלע וואָנצעס, ווייטער געאַרבעט און געשוויגן.

האָט אָפּגעלעבט דער העלד באַנגאַנאָ אַ פערציק יאָר אויף דער ווייסער וועלט, דער פּנים אַ פאַרגרעבטער, די אויגעלאַך קליינטשינקע, די לאַפּעס בערישע, די פיס ווי פלעקער. האָט ער געהאַט חברים און פריינד. אינאיינעם געטרונקען וויין, גע־שפּילט אין פאַרשמאַלצענע קאָרטן, געשלונגען לאָקשן, געזידלט זיך גראָב־יונגעריש. האָט ער געקוואַטשעט די ענגלישע שפּראַך, געאַרבעט מיט פּיקע און גראָב־אייזן און איז אין אַלגעמיין גע־ווען ניש'קשה'דיק צופרידן פון אונזער אַרומיקער וועלטל.

קינדערלאַך האָט ער געהאַט אַ סך, אַ גאַנצן טוצן,

שוואַרץ־אויגיקע, צעפּאַטלטע קאַראַפּוזלאָך, איינער אין איינעם. אַ פרוי האָט ער געהאַט אַ פּעטע, אַ שמאַלציקע, אַ גראָב־ביי־כיקע. איז ער אין איר געווען פאַרליבט? איז זי אין אים? דאָס זיינען אַלץ זאַכן, וואָס זיינען ניט נוגע צו אונזער איצטי־קער מעשה.

יע, אַ פּיפּקעלע האָט ער געהאַט. אַ געקרימטע, אַ ווייסע, אַ בעריאָזענע, אַ גראָב־בייכיקע אַזאַ, ווי זיין צעשוואומענע אי־טאַליענערין. געוויכערט האָט ער מיושב'דיק, געצויגן אין זיך פּוף־פּאַף און נאָך אַמאָל פּוף, ווי אַ קאַלטער גזלן. געענדיקט די אַרבעט, האָט ער אָפּגעשטעלט די פּיקע און גראָב־אייזן אָן אַ זייט, אָפּגעווישט מיט אַ מאַך פון אַרבל דעם שווייסיקן פּרצוף, אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע דאָס פּיפּקעלע, אָנגעשטאָפּט זי מיט שטאַרקן שמעקנדיקן טאַבאַק און פאַרגאַנגען זיך געשמאַק, געלאַסן, מחיה'דיק מיט גאַנצע וואָלקנס רויך.

געקומען באַנאַכט פון דער אַרבעט אַ היים, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גראָבע ליימיקע שיך, צעבראַשטשעטע דאָס העמד, אַרויסגעשטעלט אויף דער פריי אַ שוואַרץ־האָריקע ברוסט, אַריינ־געשטעלט די צעשוויצטע ברודיקע פיס אין אַ הייסן שיסל וואַסער. פלעגט ער זיצן אַ שווערער, אַ ליימענער אויף אַ שטול און מיט דער פּיפּקעלע גאַנץ געלאַסן: פּיף־פּוף און נאָכאַמאָל פּוף. אַרומגעקנוילט זיך מיט שטאַרקן שמעקענדיקן רויך און פאַר־גאַנגען זיך פון זיסקייט און פאַרגעניגן.

געאַרבעט האָט באַנאַנאַ ביי וואָס עס האָט זיך געמאַכט. אויסגראָבן אַ ברונעם, אויסרייניקן אַ שמוץ־רער, צונויפקלעפּן רעלסן, פּאַנאַנדערטרייבן גאַזן, אַלץ פּשוט'ע, פּראָסטע מלאכות. געאַרבעט האָט ער קיינמאָל ניט איינער אַליין, אַלעמאָל אין אַ „גענג", דאָס הייסט מיט אַ גאַנצער באַנדע יונגען....

געלעבט האָט ער אין אַ שטאָט, אין קאָנעקטיקוט־טאָל. אַ שטאָט אויסגעלייגט ווי אַ שיסל. אויפ'ן דעק די שטאָט און די ראַנדן אַרום — הויכע באַרגיקע קייטן.

איז באַנאַנאַ געלעגן ווי אַ פיש אויפ'ן דעק פון שיסל,

וואָס פעלט אים? א „דזשאַב" האָט ער, א „באָס" האָט ער. קינדערלאַך, קיין עין־הרע, א גאַנצער טוץ. האָבן די אַרומיקע רינגלדיקע בערג קיינמאָל ניט געקוועטשט זיין נשמה...

דער „באָס" האָט אמאָל געדאַרפט א ברונעם אויפ'ן שפּיץ פונ'ם „שלאָפנדיקן ריז" אויסגראָבן.

א קייט בערג דאָרטן געווען. „די בערג פון כרמל". ניט די, אויף וועלכע אליהו הנביא האָט אמאָל זיינע מופתים באַוויזן, א נאָמען נאָך זיי. דער העכסטער שפּיץ האָט זיך גערופן: „דער שלאָפנדיקער ריז", א שיין־קלינגענדיקער נאָמען...

אויף וואָס מען האָט דאָרטן דעם ברונעם באַדאַרפט איז ניט באַוואוסט. מען האָט מסתמא אָן אָדער א זילבערנעם, צי גאָר א גאָלדענעם אין בויך פון „שלאָפענדיקן ריז" אַרומגעזוכט. דער „באָס" האָט אודאי געוואוסט, וואָס ער טוט.

האָט חברה געגעבן א נעם די פּיקעס מיט די גראָב־אייזנס, א לייג זיי אויף די פּלייצעס און א שפּרייז אהין דורך משופּעדיקע ליימיקע וועגן, אויפ'ן שפּיץ פונ'ם „שלאָפנדיקן ריז".

במאַליעט מען מיט די פּיקעס אויפ'ן שטיינערנעם באָדן, אַזש עס הילכט ווי האַרמאַטן־קנאַלן און צעשיט זיך אין דער הויכער פּוסטקייט: טו־האָ, טו־האָ. שליידערט מען אַרויס מיט די גראָב־אייזנס דעם צעשטויבטן זאַמד. וואַקסט די גרוב אין דער לענג און אין דער ברייט, ווערט טיפער און טיפער.

וואָס טיפער אין דער ערד, אַלץ שטייניקער דער באָדן. ניש'קשה, דער „שלאָפנדיקער ריז" האָט זיך ניט שלעכט אויסגעבעט, ברעקלען זיך די פּיקעס, ווערן טעמפּ די גראָב־אייזנס. נאָר חברה האָט פאַר דעם אויך א מיטל, מען רייסט אויף די ערד מיט שמיפערישן פּולווער.

איז אַריינגעקראָכן איינער פון דער „גענג" אין לאָך. א שוואַרצער דינאַמיט־שטעקל אין האַנט, א לעמפּל אין דער אַנדערער. קיין איבעריקס גרויסער קונץ שטעקט אין דער אַרבעט ניט: אָנצינדן דעם שנויץ, אַליין פאַרריען זיך אין א

זייט, ליגן איינגעקאָרטשעט, וואַרטן גערולדיק ביז וואַנען דער דינאַמיט וועט אויפרייסן.

די איבעריקע חברה, באַגנאַנאַ אויך מיט זיי, האָבן זיך אויסגעזעצט דערווייל אויפ׳ן גראָז אָפּרוען.

זיצט מען אויפ׳ן היטל פון דעם „שלאָפנדיקן ריז״. אונטן — די טיפע שיסל פון קאָנעקטיקוט־טאָל, אַן אויסגעצאַצקעטער, אַ יום־טוב׳דיקער: פּיצינקע הייזלאַך, רויכערדיקע קוימענדלאַך, וואַסער־סטייגנעלאַך, זשוואָווע, קריכנדיקע פּינטעלאַך, אַ גאַנצער זשומענדיקער מוראַשניק. שפּרייט מען זיך אויס רחבות׳דיק מיט דער פּלייצע אויפ׳ן גראָז און מען פאַררויכערט דערווייל די פּיפּקע.

ציט מען אַזוי געלאַסן, פּיף־פּוף און נאָכאַמאָל פּוף, כלי־ניעט מען זיך מיט געשמאַקן שמעקעדיקן רויך. איין פּיפּקעלע אויסגערויכערט, דאָס שפּיצל מיט אַ דין שטרויעלע גערייניקט, שוין אַ צווייט פּיפּקעלע פאַרהאַקט. ס׳איז שוין לאַנג צייט, אַז דער דינאַמיט זאָל אונטן אויפרייסן און ס׳איז נאָך אַלץ שטיל.

רוקט זיך צו איינער, אַן אומגערולדיקער, צום לאָך, הילכט אין דער פּוסטקייט אַריין: „האַלאָ, האַלאָ!״ שפּרינגט צוריק אַרויס דער אָפּקלאַנג פון זיין קול, צעקייקלט זיך איבער די בערג, רודערט אויף אַ ביסל דעם „שלאָפנדיקן ריז״ און קיין אַנדער ענטפער קומט ניט.

ווייצלט זיך אַ צווייטער:

„מסתמא איז דער פייער אַ קאַלטער געווען״.

אַ חכמה אַ טעמפּע, נאָר וואָס קען מען דערוואַרטן פון פּראָסטע איטאַליענישע לאָך־גרעבער?

באַגנאַנאַ איז אומרואיק. שוין די צווייטע פּיפּקע פאַררויכערט, פּוף־פּאַף. וואָס קען דאָרטן זיין מיטן יונג אין קראַט־לעכל?

יענער איז דאָך ניט קיין פרעמדער, כמעט אַ ברודער, אַ „פּראַטעלאָ״ אַן אייגענער, אינאיינעם געגראָבן לעכער, געשפּילט

אין פארשמאָלצענע קאָרטן. ווײַן געטרונקען און געזידלט זיך גראָב־יונגעריש. אפשר האָט מיט אים א סיבה געטראָפן? מען דארף אויסגעפינען.

שטעלט ער זיך אויף, דער „הילצערנער בער“. דער פּנים א פארגרעבטער. די אייגעלאך קליינטשינקע, די לאַפּעס בערישע, די פיס ווי פלעקער.

— עי, חברה, א רוח אין אייך! וואָס טוט ער דאָרטן אזוי לאנג?

— ווער ווייסט?

— מען דארף אויסגעפינען.

— ווי אזוי?

— ארייננקריכן.

—ווער?

— איך.

די „באנדע“ פּאַכעט מיט די נעזער אומצופרידן.

— כ'מיין סכנות'דיק...

— עט.

ברענגט מען צעשלעפּן א שטריק און מען פארקניפּלט באננאנאַ'ן אונטער די פּאכוועס, צעוויגט מען דעם ליימענעם גולם און מען הויבט אים אָן אַראָפּלאָזן... שאָקלט ער זיך אומגעלומפּערט, וויגט זיך אראָפּ, אראָפּ, ביז אין גרוב אריין...

א חושך איז דאָרטן. נאָר באנאנאַ האלט אין האנט א לאַמטערן. קאַנאַוועס צעדרייטע, ער קען אָבער געפינען דעם וועג, א ריח אזא, א זיסער, א שארפער, אַן איבלדיקער, ווי פון הונדערטער טויזנטער פארוויכערטע פּיפּקעס...

און אויף דער ערד ליגט אויסגעצויגן דער „פּראַטעלאַ“, א פלאכטע אזא א שווארץ־ערדיקע. ער האלט צוגעמאכט די אויגן, בלאָזט אויף און לאָזט אראָפּ ווי א בלאָז־זעקל דעם בויך. וואלגערט זיך ווי א פּגר און שנאָרכעט געשמאַק מיט די נאָז־לעכער.

באנאנאַ ווייס [illegible] האט צו טאָן: ס'ליגט א

ברודער אַ גענאַזטער, אַ פאַר'חלש'טער. נאָך אַ ווײַלע און עס װעט אים דאָ, אין לאָך, אויסשטיקן די נשמה; אַזוי לאַנג גוטע פרײַנד געווען, אינאײנעם געאַרבעט, זויערן ווײַן געטרונקען און געזידלט זיך גראָב־יונגעריש, מען דאַרף אים וואָס גיכער אַרויס־ראַטעווען פון דאַנען.

צי האָט ער אין דער לעצטער מינוט ווען דער סכנה, אין וועלכער ער אַליין געפינט זיך, אַ טראַכט געטאָן ? צי האָט ער זײַן שמאַלציקע, גראָב־בײַכיקע איטאַליענערין אַזוי דורכפלי־ענדיק דערמאָנט ? צי האָט ער זײַן טױט קאַראַפּוזלאָך אין די לעצטע רגע'ס אויסגערעכנט בײַ די נעמען ? אַלץ זאַכן, וואָס זײַנען ניט נוגע צו אונזער איצטיקער מעשה.

וואָס צו טאָן האָט ער זיכער געוואוסט. אַ קלונעטשקער געווען, אַ כיטרינקער, כאָטש אַ גאַנץ פּראָסטער איטאַליענער.

גיך מיט די ברודיקע וואָרצל־פינגער דעם שטריק פון די אײגענע פּאַכוועס אַרויסגערוקט, אונטער דעם ברודער'ס פּאַכוועס פאַררוקט. דער קניפּל האָט זיך ניט געגוג שנעל פאַרבונדן, האָט ער זיך אַזש אויסגעזידלט און אַ געשמאַקן שפּײַ אָן אַ זײַט גע־געבן. אין מויל איז שוין זױם געוואָרן, אַ פריקרער שפּײַאַכץ האָט זיך צום גומען געקלעפּט. אַ הילכיקער האַמער האָט געטאַראַ־בענטשעט אין די שלײפן: טראַך־טאַך־טאַך־טאַראַראַך. באַנגאַ־נאָ האָט אַרויסגעשטעקט די צונג, ווי אַ דאָרשטיקער הונט. ער האָט נאָך צײַט געהאַט אַ געשרײַ צו טאָן אַהין אַרויפצו:

— חברה, שלעפּט !

מען האָט דעם „פּראַטעלאָ“ אַרויסגעצויגן.

אַ פלאַכטע אַזאַ, אַ שוואַרץ־ערדיקע. די אויגן פאַרהײַטלט, דער פּנים בלוי, אויפ'ן בלויען פּנים טאַרטשען, ווי פּיעניעס, ברור־דיקע האַרטע האָר. דער קײַלאַכדיקער בויך, ווי אַן אָנגעבלאָזע־נער פויק, הויבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ, אינגאַנצן אײַנגעוויקלט אין זױסקײַט. די ליפּן פאַרגאָסן מיט פּיענע.

האָט מען אים אוועקגעלײגט אויפ'ן גראָז. רוקן צום רוקן פון „שלאָפנדיקן ריז“. דער פּנים צו די ווינטן. ביסלאַכווײַז איז ער

צו זיך געקומען, פאַנאַנדערגעטשוכעט זיך, געעפנט די אויגן און גענומען טאַפּן אין קעשענע זײַן ליולקע.

אַ! דער ברודער װעט שוין לעבן! ער װעט נאָך לאַנגע יאָר אַרבעטן מיט דער פּיקע און גראָבאײַזן. ס'האָט אים חלילה, קײן זאַך ניט געשאָדט.

נאָר באַנגאַנאָ איז צו־לאַנג געלעגן אין דעם גאַזיקן גרוב. ביז װאַנען מען האָט אַ לײטער געבראַכט, ביז װאַנען מען האָט דעם לײטער צוגעשטעלט, ביז װאַנען מען האָט דעם שװער־לײַביקן באַנגאַנאָ'ן אַרויסגעשלעפּט אויף דער אָפענער לופט, איז ער שוין געװען פאַרטיק, טויט װי אַלע טויטע.

װאָס װײַטער איז געװען? אַלץ װי געװײנלאַך.

מען האָט באַנגאַנאָ'ן אַהײם געבראַכט. ניט נאָר אים אַלײן, נאָר אַלץ, װאָס ס'האָט צו אים געהערט: זײַן פּיקע, זײַן גראָב־אײַזן, זײַן פּיפּקע. די שמאַלציקע איטאַליענערין האָט געװײנט, דער טויט קאַראַפּוזלאַך האָט געפּישטשעט. נאָכדעם האָט מען אַ לויה געמאַכט. אַ גאַנץ פײַנע, אַן „אײַנדרוקספולע". בלומען געװען אַ סך. נישט גאָר קײן טײַערע. דאָך בלומען. דער גלח האָט געפּרעפּלט, מוזיק האָט געשפּילט, מען האָט אפילו אַ בילד פון דעם טויטן אין טרונע גענומען. איטאַליענער האָבן דאָך ליב פײַנע, פּאַראַדנע לװיות...

באַגראָבן, באַשאָטן. באַנגאַנאָ ליגט אין דער ערד און פוילט, נאָר זײַן פּיפּקע און גראָב־אײַזן שטײען נאָך ביז הײַנ־טיקן טאָג.

און די פּיפּקע װאַלגערט זיך אַ פאַרטריקנטע אויף אַ שטױ־ביקער פּאָליצע. זי טרויערט נאָך איר באַלעבאָס, זי בענקט.

אויפ'ן „שלאָפנדיקן ריז" גראָבט מען, װי פריער, גריבער...

אויפ'ן הייליקן אָרט

אַן אָרימע, וויסטע אלמנה איז נעבאַך קעיט, איינע אַליין אויף דער גרויסער וועלט.

איר „שפּייזער" דזשאָן איז שוין זעקס חדשים טויט, פוילט אונטער'ן זאַמדיקן בערגל אויפ'ן „פּיין־היל־סעמעטערי". קעיט'ס האַרץ שפּייזט זיך מיט זכרונות פון איר אַמאָליקן לעבעדיקן דזשאָנען און ווערט צעצופּט פון קלעמעניש און ווייטאָק.

אמת, זי האָט פון דעם לעבעדיקן דזשאָנען אויך קיין נחת ניט געהאַט. זאָל ער איר מוחל זיין, געווען אַ גאַנץ שווערער מענטש, אַ שכור און אַ פוילנצער. ער האָט איר קיינמאָל אויף צום לעבן ניט געגעבן. אַליין געדאַרפט אויף זיך דעם גאַנצן יאָך טראָגן. דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַ צו־היציקע נאַטור: ער פלעגט זי שלאָגן, מזיק'ן...

.. ..

געוויינלאַך פלעגט ער קומען אַ היים שפּעט ביינאַכט. ער פלעגט זיך אַריינוואַרפן אין שטוב מיט אַ געפילדער, זידלעריי און קללות. די אָפּגעשוואַכטע פּיס פלעגן פריילאַך צוהעצקען. דאָס שוואַרצע פּיפּקעלע פלעגט ציטערן אין אַ ווינקל פון מויל, פון וואַנען ס'האָבן זיך אַרויסגעוויזן געזונטע געלע ציינער. הירזשענדיק אויף די העכסטע אָקטאַוון, פלעגט ער זיך צעפּאָרען מיט זיינע ביינערדיקע קולאַקעס, צילן זיך און דערלאַנגען קעיט'ן אונטער די אויגן, אַזש פונקען פלעגן שפּריצן און פעטע בלויע בייל־קישעלאַך פלעגן בערגלדיק אָנלויפן און פאַרשטעלן דעם שיין פון אויג. „דזשאָ־אַ־אָן", פלעגט זי פאַרשטיקט קרעכצן און וועלן איינשטילן דעם שכור מיט גוטע רייד. אַז דאָס פלעגט ניט העלפן, פלעגט זי זיך צוכאַפּן צום פענסטער, אויפפראַלן מיט אימפּעט און אַריינגוואַלדעווען אין דער שטילער נאַכט אַריין:

„ראַטע־ווּ־ע־ט, אַ מאַרד!" צום גליק פלעגט זיך אַלעמאָל אי־מעצער אָפּענטפערן. אַמאָל — אַן איירישער שכן, אַמאָל — אַ נאַכטיקער פּאָליציימאַן אָדער גלאַט אַזוי אַ דורכגייער. מען פלעגט דעם צעווילדעוועטן דזשאַנען אָפּשטופּן מיט גוואַלט, אָנ־בוכצן אין די זייטן און אַריינשליידערן אין בעט אַריין. באַלד פלעגט ער שוין ליגן אַן אויסגעצויגענער און געשמאַק שלאָפן, צו־פייפנדיק מיט אַן אומשולדיקן, פרידלאַכן שנאָרך.

אָבער נאָך אַלעמען איז דזשאַן גאָר קיין שלעכטער ניט געווען. צייטנווייז שוין גאָר אַ גוטער, אַ טייערינקער. האָט ליב געהאַט און געוואוסט, ווי צוצולאַסטשען דאָס אָרימע ווײַ־בערשע האַרץ. עס שווימען איר אַרויף אויפ'ן זכרון מאָמענטן גאַנץ זעלטענע, דאָך אַזעלכע שיינע, מחיה'דיקע: זי און דזשאַן זיצן איינע לעבן די אַנדערע. אויפ'ן טיש אינ'ם געפינגערטן פלעשל שפּיגלט זיך דאָס טייערע ביסל שנאַפּס. ער גיסט אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל און איז זי מכבד מיט דער ברייטער האַנט. איין האַנט זיינע, אַ צעשוויצטע, אַ פלאַמענדיקע, דרייט זיך ווייך־שלאַנגיק אַרום איר רייפיקן בוזעם. די צווייטע שפּילט זיך און קיצלט איר שמאַלציקן האַלז. אָט בויגט ער זיך איבער, קוקט אַריין מיט צעגלאַנצטע, פייכטע שוואַרצאַפּלען, טיף אין די אויגן, אָט גיט ער אַ הייסן בייסנדיקן קוש. הייבט זיינע צערט־לאַכקייטן, זיינע ווערטלאַך: „מיידעלע, האָניקל, זיסקייט". עס דערמאָנט זיך איר אַלץ און ס'פאַרכאַפּט ביים האַרצן...

פּלוצלונג, ווי אַ דונער פון לויטערן הימל, האָט מיט איר דאָס אומגליק געטראָפן: דזשאַן איז געגאַנגען צוריק אַ היים, אַ טויט־שכור'ער, ווי זיין געוויינלאַכער שטייגער. ער האָט זיך אויסגעגליטשט, געפאַלן אויף אַ שטיין און צעטרעשטשעט דעם שאַרבן. מען האָט אים גלייך פון דאָרטן אין אַן „אַמבולאַנס" אין שפּיטאָל אַוועקגעפירט. איר האָט מען די פּריילאַכע בשורה דורכ'ן טעלעפאָן אָנגעזאָגט. זי איז גלייך אַהין אַוועקגעפלויגן. ער איז געלעגן מיט אַ ווייסן פאַרבונדענעם קנויפּ אויפ'ן קאָפּ, דער פּנים — בלאַס־אויסגעאיידלט, די אויגן פאַרגלעזערט. אַ

רייניקער אזא, אַ ציכטיקער, אַ מלאך אַ הימלדיקער. זי האָט גע־וויינט, געדעוועט, געריסן זיך צו אים מיט אַלע כוחות. ער האָט זי שוין אָבער ניט דערקענט. און אפשר, יע? קיין לשון האָט ער ניט געהאַט. נאָר ווען זי האָט זיין האַנט אין אירער אַריינגענומען, האָט די אָנמעכטיקע האַנט אַ צאַפּל געטאָן, געגעבן אַ שטילן שוידער, ווי אַן אָסיענדיק שוואַך בלאַט, געוואָלט עפּעס אויסדריקן און ניט געקענט.

איצט איז שוין דזשאַן טויט. ליגט אונטער'ן בערגלדיקן צודעק, אויפ'ן „פּיין־היל־סעמעטערי" איינער אַליין. זיין איינ־ציקער לעבנס־פריינט, קעיט, האָט אים אויך פאַרגעסן. די גאַנצע זעקס חדשים איז זי ביי אים אויפ'ן קבר קיין איין מאָל ניט געווען. ווער ווייס? אפשר ליגט ער דאָרט איצט, אונטער דער שווערער ערדיקער הורבע און לאַנגווייליקט זיך און בענקט? אפשר דערמאָנט ער זיך אויף קעיט'ן, וועלכע האָט אים אַזוי שנעל פאַרגעסן און פאַרלאָזן און פליסטערט אַרויס שטיל איר נאָמען מיט אומעט, מיט צאָרן און מיט ווייטאָק?

אַ זודיקער רחמנות־געפיל טוט זי מיטאמאָל אַ ברי אָפּ. זי וועט לויפן צו דזשאַנען איצט, שוין, אין דער מינוט. זי וועט צופאַלן צו זיין קבר און דאָרטן אויסגיסן איר ביטער האַרץ, דאָס האַרץ פון אַ וויסטער, פאַרלאָזענער אלמנה. זי וועט אים דערציילן פון איר גריזאָטע, האַרץ־קלעמעניש און פייערדיקן ווייטאָק. דזשאַן איז דאָך איר איינציקער. נאָך אים איז אויף דער גאַנצער וועלט איר גאָרנישט ניט געבליבן. זיין זכרון איז טיף איינגעבאַקן אין איר פאַרבלוטיקטן האַרצן. קיינער וועט אים פון דאָרטן ניט אַרויסרייסן. ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן, ניט מיט זיסע צוקער־ווערטלאַך און ניט מיט אייזערנע צוואַנ־גען.

די צערודערטע קעיט הייבט זיך אויף פון אָרט און נעמט זיך גיך צוקלייבן. זי כאַפּט אַרויף אַ ברייטן אָפּגעקראָכענעם מאַנטל, אויפ'ן קאָפּ זעצט זי אַרויף איר צעקנייטשטן פּליושענעם הוט, שטופּט אַריין אַ נאָזטיכל אין קעשענע. מיט אירע עטוואָס־

אויסגעקרימטע פיס, וואָס טראָגן אויף זיך אַ משא פון אַ פעסלדיקן שמאַלציקן קערפּער, יאָגט זי זיך אַוועק מיט געגזן־טריט אַהין, וואוהין עס רופט איר דער אימפּעטיקער קול פון אירע בלוטן.

אויף דער גאַס טויפעט זי איין די אויגן צו דער ערד. אירע קליינע חזיר'שע אייגלאך פינטלען מיט אַ טיף־פאַרטרויערטן ערנסט. די גאַנצע וועלט מיט איר טומל און רעש גייט איר גאָר ניט אָן. איצט געהערט זי אינגאַנצן דזשאַ־נען.

אויפ'ן ראָג גאַס, לעבן אַ „סאַלון", שטופן זיך, ווי געוויינ־לאַך, אַ חברה ליידאַקעס. אימעצער רופט זי אָפּ מיט אַ פריי־לאַכן קול:

— האַלאָא, קיד! וואוהין איילסטו זיך אַזוי?

קעיט טוט זיך ניט קיין קער. פאַרשטייט זיך, זי וועט דעם קאָפּ ניט אויפהייבן און אַהין אין יענער זייט אַפילו ניט אַ קוק טאָן. אַ מענטש אָן בושה וויל זיך איצט אַריינרייסן און צע־שטערן איר הייליקע שטימונג.

— אייל זיך ניט, הינדעלע יונגס, הייב אויף דיינע אויגע־לאַך, די פיינע. אַ שיינער יונגערמאַן וויל מיט דיר איצט באַקאַנטשאַפט שליסן.

— צום טייוול גיי, דו הינטישער זון! דו...

קעיט, אַ צעקאָכטע, אין ווילדער רוגזה, רייסט אויף די אויגן פון דער ערד. אַ צעשויבערטער יונגאַטש, מיט פריילאַכע לאַכנדיקע אויגן, דאָס היטל פאַררוקט אויף די אויערן און אין מיטן הוט אַ לעכל אויסגעדלאָבעט, ווי אַ קוקאַרדע, שטייט פון דער זייט און מאַכט ווילדע תנועות פון דערוווייטן.

— אַוועק, דו אומפאַרשעמטער! דיין מאַרדע וועל איך דיר באַלד אויספּליאַסקען. אַן אָרימע וויסטע אלמנה גייט איצט צום קבר פון איר פאַרשטאָרבענעם דזשאַנען; רוק זיך אָפּ פון דאַנען וואָס גיכער!

דער יונגאַטש טראַכט גאָר אַפילו ניט אָפּצוטרעטן. ער קאַלאַקאָטשעט ווייטער אויף זיין הירזשענדיקן קול"כל:

— אַזוי? ביסט נעבאך אַ וויסטע אַלמנה? נו, הער זיך איין, מיין זיס טייבעלע: וואָס קען דיר דער טויטער דזשאַן איצט העלפן? לאָז מיר פאַרנעמען דזשאַנ'ס אָרט. איך וועל שוין טרייסטן דיין פאַראומערט הארץ און אויסווישן די טרערעלאַך פון דיינע שיינע אויגן.

ער רוקט זיך צו נעענטער, ציט אויס אַ לאַפּע און פאַר־לייגט זי איבער קעיט'ס טאַליע. זי ווערט אַן אָנגעצונדענע, שטורכעט און שטויסט אים, צופּט מיט רוגזה זיינע איינגעקלאַ־מערטע פינגער. זיין שטייפער, איינגעשפאַרטער דרוק הייבט בים־לאַכווייז אויף איר אַן ווירקן, ווי אַ כשוף־מאַגנעט, זי ווערט זיך, ווערט זיך און ווערט מיט אַ מאָל אָפּגעשוואַכט.

ער הויכט אויף איר מיט זיין היציקן אָטעם. פון מויל שפּירט זיך אַ שאַרפער שנאַפּס־ריח. דעם אמת גערעדט, קעיט האָט פאַר'ן אוועקגיין אויך אַריינגעגאָסן עטלאַכע גלעזעלאַך, ביידע וואַקלען זיך צוביסלאַך און גייען געאָרעמט אויפ'ן וועג צום בית־עולם.

לעבן טויער שטעלט זיך קעיט אָפּ:

— הער זיך איין „מאַן", געגנוג זיך נאַריש געמאַכט. צי אָפּ פון דאַנען. כ'גיי צו דזשאַנען. עלנט ליגט ער אין קבר. און איך בין אַן אָרימע אַלמנה. כ'וויל זיך אויף זיין קבר אויסוויינען.

....

דער יונג מיט די פּרעכע אייגלאַך שפּאַרט זיך איין, ווי אַן אָקס:

—ניין, מיין מיידעלע, כ'קען דיך בשום אופן ניט אָפּ־לאָזן. וואָס האָט זיך דיר מיטאַמאָל פאַרגענזוערט: „דזשאַן־דזשאַן". ער איז דאָך אַ טויטע, וויסטע פּגירה. קוק זיך נאָר איין אין מיר: אַ יונג, ווי אַ צעדער, אַ קוק פון אַן אָדלער, פאַרפוצט, ווי אַ פּרינץ. קענסטו מיך צוגלייכן צו דיין דזשאַנען?

די אייגעלאַך דיינע אויסווייגען צוליב עפּעס אַ דזשאַנען וועל איך ניט לאָזן. כ'האָב אים פיינט, פיינט...

קעיט ווערט ווייכער.

— טייערינקער, לאָז אָפּ. קענסט אים ניט. ער איז גע־וועזן אַן אייפערזיכטיקער, ווילדער יונג. לעבעדיקערהייט האָט ער מיך מכות־רצח פאַר יעדער שטיפעריי געשלאָגן, פאַסמעס האָר פון קאָפּ אַרויסגעצופּט. אָבער איצט איז ער נעבאַך טויט, פאַר־געסן, פאַרלאָזן און איך בין אַן אָרימע, וויסטע אלמנה. לאָז מיך צו אים גיין.

דער יונג קאַכט זיך פונאַנדער מיט אַ געמאַכטן בראַוואַדאָ־טאָן:

— ווער האָט מורא פאַר דיין ווילדן דזשאַנען? ווי האָט ער געוואַגט אויפהייבן אויף דיר אַ האַנט? לאָז מיך: אָט גיי איך צו זיין פאַסקודנעם קבר, כ'וועל דאָרט אָנבראַקען אַ פולן מויל מיט שפּייאַכץ, אויסטאָפּטשען, ווי אַ חזיר מיט די פיס. דיך וועל איך צו אים ניט צולאָזן. זאָל ער פוילן, דער משוגענער הונט, אַליין.

קעיט צעצאַפּלט זיך ניט אויף צופלייסן. זי לאַסטשעט זיך פאַלש צום אייפערזיכטיקן יונג, טשמאָקעט אים אין די ליפּן, קוקט אים אַריין די אויגן מיט אַ הינטישן געבעט:

— ליבינקער, טייערינקער, טרעט אָפּ. לאָז מיך נאָר אויף איין קליינער ווייַלע צו אים אַליין.

דער יונג קען ניט ביישטיין אירע לאַסקעס און גיט זיך אונטער:

— גיי שוין, גיי, איך וועל אויף דיר וואַרטן. אָבער, געדענק, אויף אַ קליינער ווייַלע און אָן איבעריקע ווייבערשע נאַרישקייטן. אַז ניט וועל איך דיך פון דאָרט מיט גוואַלט אַרויסשלעפּן, פאַר די האָר.

ביידע גייען דורך דעם געוועלבטן בית־עולם־טויער. דער יונג טוט זיך זאַרגלאָז אַ וואַרף אין גראָז. קעיט גייט אַוועק

דער טאָג איז אַ וואָלקנדיקער, די ווייסע מצבות בלייכן זיך אַנטקעגן דעם פאַרצויגענעם הימל און אָטעמען מיט שטילן איינגעוויגטן צער. אַ זאַמדיק וועגל שלענגלט זיך איבער'ן טויט־פאַרזייטן פעלד, און שטרויכן,ביימער און ווילד־פאַרוואַקסענע גראָזן שטיקן עס צונויף פון ביידע זייטן. אַן אומהיימלאַכע שטילקייט הענגט אין דער לופטן, לאָזט זיך אַראָפּ אין געפלען און דעקט צו שלייערדיק די אָנגעהורבעטע קופּעס פון גרעלן זאַמד. די שטילקייט איז אַזאַ מאָדנע, אַן איינגעטיעטע אין זיך, אַ צעצווייגענע. דאַכט זיך, זאָל איצט אַ געפּילדער פון מענטשן טריט, מענטשן קולות און פערד־קאַפּיטעס דורכטראָגן זיך איבער'ן פעלד, וועט זיך עס דורכטראָגן פרעמד און פאַרשווינדן באַזונדער; און די סומנע שטילקייט וועט בלייבן, ווי געוועזן, איינגאַנצן באַזונדער.

קעיט ווערט דורכגעזאַפּט פון דעם אייביקן טרויער. זי גנב'עט זיך אויף די שפּיצן פינגער און קוקט מיט פאַרגרעסערטע אויגן אויף אַלע זייטן. דאָס ערדישע — די גאַס, דער יונג, האָבן זיך אויסגעוועפּט פון אירע געדאַנקען. דאָס אייביקע מיט דזשאַנען אין דער מיט, פאַרנעמען דאָרט צוריק דעם אויבנאָן. זי שלייכט זיך דורך שורות בערגלאַך, רודערט אויף דעם אָפּרו פון קופּעס טרוקענע אַראָפּגעפאַלענע בלעטלאַך, געפינט אויס דזשאַנ'ס קבר און וואַרפט זיך אַנידער, ווי אַן אונטערגעשניטענער זאַנג.

אַ טרויער־נעפּל פאַרציט גלייך אירע אויגן: אָט דאָס איז פון אים געבליבן. אַ טרוקענער, זאַמדיקער אָנשיט, אַ שווערער, אַן איינזאַמער; און אונטן ליגט ער, דזשאַן, ליגט און שווייגט. ער ווייס ניט, אַז קעיט, זיין ווײסטע אלמנה, איז צו אים געקומען. מיט אַ פייכטן טרער זיין קבר אויסנעצן, די זכרונות פון זייער צוזאַמענלעבן צוריק אָפּפרישן און אויפעפענען פאַר אים איר האַרץ, וואָס ליידט, מאַטערט זיך און וויינט אין דער שטיל.

זי רייבט מיטן טאַשן־טיכל די פאַרלאָפענע אויגן. נאָכדעם שלעפּט זי אַרויס פון קעשענע אַ קליין פלעשל, צעשפּרינקלט שנאַפּס־טראָפּנס אַרום און אַרום דעם קבר. די טראָפּנס זאַפּן

זיך איין אינ׳ם שטויביקן זאמד. קעיט איז ערנסט, נאָר גאַנץ צופרידן.

„א נחת־רוח דזשאנען. זאָל ער וויסן, אז כ׳האָב אים ניט פארגעסן. דערקוויקן אים זיין פארטריקנט הארץ״.

אָפּגעפּטר׳ט זיך מיט דער צערעמאָניע, האָט זיך קעיט אוועקגעזעצט, די פיס אונטערגעבויגן אונטער זיך און האָט זיך שווערמוטיג פארטראכט:

ארום און ארום שווימט דער אומעט. דאָס פעלד איז אינגאנצן מיט שווידער־בערגלאך אויסגעזעצט. דאכט זיך, דער ערד־בויך האָט א צאַפּל געטאָן, אָנגעבלאָזן זיך מיט זאמד־בורבלס און איז אזוי געבליבן שטיין. דאָרטן אין דער טיף שטייען קעסט־לאך, א סך, הונדערטער, טויזנטער אזעלכע, ווי איר דזשאָנ׳ס. ווי מאָדנע דאָס איז. אָט, גאָרנישט. געלעבט אויף דער וועלט אזא מאַן, ווי איר דזשאָן, געטרונקען שנאַפּס, געזונגען מיט א הייזעריקער שכור׳ער שטימע, געשלאָגן די ווייב, איבערגעבעטן זיך און געקראָכן אויף אַלע פיר זיך קושן. פּלוצלונג — א צופאל: „באַץ״, א טראַך מיטן שאַרבן אָן די שטיינער, אויסגעגאָסן דעם מארך, פארמאכט די אויגן. איצט ליגט ער דאָ אין שטויביקן זאמד, פוילט, לאנגווײַלט זיך, ווער ווייס ווי לאנג. נאָך גוט, אז עמי־צער דערמאָנט זיך. קומט צוגיין, פארגיסט א טרער, צערטלט מיט דער האנט די קאַלטע קופּע. פאראַן דאָך אזעלכע איינזאמע, וואָס דער וועג צו זייער קבר איז שוין לאנג מיט מאָך באוואקסן געוואָרן. קעיט בויגט ארונטער דעם קאָפּ צו דער ערד, שטרענגט אָן די אויערן און, ס׳דוכט זיך איר, זי דערהערט א געוויין, וואָס רייסט זיך פון אונטער דער ערד, א פארשטיקטער, א צופּנדיקער. איר הארץ ווערט צעגאנגען פון ווייטאָק, זי וואָלט עס איצט אויף ווייכע שטיקלאך צעריסן און יעדן איינעם דערפון א מתנה געגעבן...

ס׳בלאָנדזשען די אויגן ארום. עס שטייען קברים, פאַר־פּוצטע, פראכטיקע. בלומען פון כל׳ערליי קאָלירן: קופּער־רויט,

הימל־בלוי און מאַט־ווייס אויסגעפלאָכטן אין קווייטן אָדער צו־נויפגעלייגט אין קונציקע אויפשריפטן. דאָ און דאָרט בלאַסט זיך אַ צאַצקעדיק ווייס הייזל. אַ מאַרמאָרשטיין שטייט צוקאָפּנס און דערציילט עפּעס מיט זיין איינגעקריצטן אויפשריפט. אָט — אַן אָפּגעהאַקטער ביימער־שטאַם, אָט — אַ פּאָר טייבעלאַך מיט אַראָפּגעלאָזטע אומעטיקע פּיסקעס. נאָר דזשאַנ'ס קבר איז פּוסט. דאָס אויפגעבלאָזענע בערגל האָט שוין געגומען אַראָפּ־זינקען פון דער ערד, דאָ און דאָרטן האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ נידעריק, קליין גרעזל, פאַרקרייזלט זיך אויפ'ן געלן זאַמד אין שיטערע לאָקנס. קיין סימן פון מענטשלאַכן זאָרג, באַשיינונג, באַפּוצונג. גאָרנישט, גאָרנישט ניטאָ...

אַ בלויאינקער קנאָה־פלעמל צינדט זיך אָן אין אירע בלוטן. זי הייבט זיך אויף האַסטיק פון אָרט, דערוויטערט זיך, גנב'עט אַראָפּ די באַפּוצונגען פון די רייכע קברים און שלעפּט זיי פּעק־ווייז אַלץ צו דזשאַנ'ען. דער קבר ווערט באַדעקט מיט די אויס־דערוויילטסטע קראַנצן. זי אַרבעט מיט פליים, פלעכט איבער די בלומען־סטיינגעס, דרייט זיי, קניפּלט זיי, פּאַסט זיי צו צו איר געשמאַק. נאָכדעם רוקט זי זיך אַ ביסל אָפּ, פאַרזשמורעט אַן אייגל, באַקוקט פּאַכמאַניש און קלייבט נחת פון דער געלונ־גענער אַרבעט.

דזשאַן ווערט איר איצט, אין דער מינוט, אין טויזנט מאָל ליבער און טייערער. אַ קנייטלכל טרערן קייקלט זיך צום האַלז און קיצלט מיט אַ ביטערער בייסיקייט. זי שעפּטשעט:

— דזשאַן! מיין איינציקער, ליבינקער, טייערער! ווען דו וואָלסט געלעבט! אָך, ווען דו וואָלסט איצט געלעבט!

וואָס ס'וואָלט געווען, ווייס זי אַליין ניט. זי פילט נאָר אין דער נשמה אַ צאַרטקייט, איידלקייט, מחיה'דיקייט. יעדער אָדערל ווערט צעגאַנגען פון שטילער בענקשאַפט.

באַלד דערהערט זי פון וויטן אַ סוויסטש. זי טוט זיך אַ צאַפּל. דער סוויסטש ווערט אומגעדולדיקער און שאַרפער. זי

דערמאָנט זיך גלייך, טוט אן אומצופרידענעם בליק און לאָזט זיך גיין אויף צוריק.

לעבן טויער ווארט אויף איר דער יונג מיט די לאַכנדיקע אויגן. שטיל, אָן ווערטער פארלעגט ער א האנט אויף איר טאַליע.ביידע גייען אוועק...

צום ווידערזעהן זיך

איך און מאָטל זיינען פון קינדווייז אָן געווען חברים. אין איין הויז, וואָס האָט געהערט צו אונזערע טאַטעס בשותפות, האָבן מיר זיךביידע אויפגעהאָדעוועט, אינאיינעם געשפּילט אין פערד־לאָך, געגראָבן גריבלאָך אויפ'ן קויטיקן הויף און צוזאַמען אָן חשק געלאָפן אין חדר.

מאָטל איז געווען אַ אינגל אַ ברען. אַ פלינקער, אַ רירעוו־דיקער מיט אַ פּאָר ממזר'ישע זשוליקעוואַטע אייגלאַך, וואָס זיי־נען קיינמאָל ניט איינגעשטאַנען אויף אָן אָרט; איינגאַנצן אַ שטיק קוועקזילבער, שטענדיק מיט אַ שפּרונג, מיט אַ טאַנץ, מיט אַ שפּאָגל־נייער העויה, וואָס האָט געקיצלט און געשטופּט צו לאַכן. ער האָט מיך, דעם פלעגמאַטישן, פאַרטראַכטן, „פליגן־כאַפּער", איינגאַנצן באַצוואונגען, אַריינגענומען אונטער זיין רשות. ער איז אַלע מאָל געווען דער פירער און איך זיין געטרייער אונ־טערשטופּער.

איינגעקריצט אין זכרון זיינען מיר ביז היינט פאַרבליבן אונזערע קינדערשע פּרייטיק־אויף־דער־נאַכטן. נאָך דער שבת'־דיקער וועטשערע פלעגן זיך ביידע געזינדן צונויפקלייבן אויף אַ געמיטלאַכן שמועס אין מאָטל'ס האַלבן הויז, וואָס האָט זיך מיט אַ שמאָלן פאָרהויז אָפּגעטיילט פון אונזער אייגענער דירה. די חלב'ענע ליכט אין מעשענעם לייכטער פלעגן זיך טוקן און שמעלצן, אָפּגיסן מיט אַ שטיל־אומרואיקן ליכט דאָס גאַנצע שטיבל. די הילצערנע פּרעס־מאַשין, אין וועלכער מאָטל'ס טאַטע, יאָסקע דער איינבינדער, פלעגט איינשרויפן און פאַרקוועטשן זיינע קונטרסים פון סדורים און מחזורים, פלעגט שטיין אַ דערוויי־טערטע אין אַ ווינקל, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן שבת'דיקן

טישטוך. מאָטל׳ס טאַטע, אַ איד אַ קבצן, מיט אַ געשליפענעם, גיפטיקן צינגל, פלעגט זיצן און רעדן־רעדן, שטעכן מיט שפּיז־ווערטלאַך אַלץ און אַלעמען. אַ געלעכטערל האָט ער געהאַט אַזאַ דריבנינקן, וואָס פלעגט, ווי געמאָלענער אַרבעס צעפאַלן און צעשיטן זיך אויף פּיץ־ברעקלאַך, מיין טאַטע, אַ שטילער, דערשלאָגענער איד, פלעגט זיצן, הערן, אָנשפּיצן אויערן און אַרומקוקן זיך דערשראָקן אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „שאַט, שאַט, ר׳ יאָסל, יש אזנים לכותל (ווענט האָבן אויערן).

די ווייבער פלעגן זיצן אין אַ באַזונדער ווינקל, טשמאָקן דעם אויסגעקאָכטן אַרבעס מיט די הוילע יאַסלעס און פירן צווישן זיך זייער באַזונדערן ווייבערשן שמועס. איך מיט מאָטלען פלעגן זיך אַריינפּאַקן אין בעט, איבערדעקן זיך איבערן קאָפּ מיט אַ קאָלדרע און פירן אונזער אייגענעם שמועס. מאָטל׳ס צינגל פלעגט זיך דרייען, ווי אויף שרויפן. ער איז אויף אַ מינוט ניט אָנטשווייגן געוואָרן; כסדר געשפּריצט מיט אויסגעטראַכטע מעשיות און ווערטלאַך, ווילדע פלענער און איינפאַלן. מיר פלעגן זיך דאָרטן שטיקן, שטיקן און פּלוצלונג אַרויסשיסן מיט אַ פּאַרדומפּענעם צעפּיצלטן געלעכטער פון אונטער דער קאָלדרע. אונזער פריילאַכקייט פלעגט אויפרעגן די מאַמעס, וועלכע פלעגן אונז צונעמען און פאַנאַנדערפירן אין באַזונדערע ווינקלאַך.

ביסלאַכוויז, כמעט אומבאַמערקט, זיינען מיר אויסגעוואַקסן און אַוועקגעשטעלט זיך אויף הויכע דאַרע פיס. איצט האָט שוין אונזער אינטימע פריינדשאַפט גענומען ביסלאַכוויז אונ־טערהינקען. גיפט־טראָפּנס האָבן פון צייט צו צייט גענומען שפּילן אין די בלוטן. די סיבה איז געווען, וואָס איך, דער פאַר׳חלומ׳טער „פליגן־כאַפּער״, האָב, גאָט ווייס פאַרוואָס, מער נושא־חן געווען אין די אויגן פון אונזער מיידלשער קאַמפּאַניע, איידער מיין חבר מאָטל. דער גוטמוטיקער חבר מיינער האָט גענומען אַרויסציִיִען נעגל און טאַקע גאַנץ שאַרפע. מיט זיין בריענדיקן צינגל האָט ער מיך אָפט געמאַכט פאַר אַ

ציל־ברעט פון זיין גיפטיקן חוזק. איך פון מיין זייט האָב זיך מיט עקשנות'דיקן אימפּעט געריסן פון אונטער זיין השפּעה. ער האָט אזוי לייכט ניט געוואָלט אָפּלאָזן, אזוי האָט זיך צייטנ־ווייז אונזער אַלטע פריינדשאַפט געוויגט אויף משקולות.

אָבער נאָך אַלעמען זיינען מיר פארבליבן די אַלטע גוטע פריינט; צוזאמען האָבן מיר לופט־שלעסער פאר זיך און פאר דער גאנצער וועלט געבויט ; איך אויף מיין שטיינער, מאָטל אויף זיין אייגנאַרטיקן, רירעווודיקן, פלאַטערדיקן אופן. מיר האָבן אין איין „פאַרטיי" געאַרבעט, געווען ביידע גרייט אָפּ־צוגעבן דאָס לעבן פאר דעמזעלביקן „אידעאַל". די נעענטערע חברים פלעגן אַלעמאָל דערמאָנען אונזערע ביידנס נעמען צו־זאמען און אין איין אָטעם. צעשיידט האָבן מיר זיך אויף א מאָדנעם פּלוצלומדיקן אופן.

איינמאָל אין אַן אָוונט איז עס געווען. ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַן אימה. אומרואיקע קלאַנגען האָבן ארומגעפלאַ־טערט אין דער לופטן און געהודזשעט אַן ווערטער. צעיושעטע, אויף הפקר־געלאָזענע סאָלדאַטן האָבן ארומגעשפּאַצירט איבער די גאסן, געֹהרגֹ'עט, געשלאָגן מכות־רצח, וועמען זיי האָבן נאָר דערטאַפּט. אונזער יונגע קאָמפּאַניע איז געזעסן אין א הויז, ניט געוואַגט ארויסצוגיין, געשעמט זיך איינע די אַנ־דערע אין די אויגן צו קוקן. דער קוועקזילבערדיקער מאָטל האָט ניט געקענט איינזיצן אויף אַן אָרט, געוואָרפן זיך הין און הער, ווי א שפּילקע נעבן א מאַגנעטישער פּאָדקאָווע. ענד־לאָך האָט ער זיך אויפגעהייבן אויף אוועקצוגיין. זיינע אומ־רואיקע אויגן האָבן געברענט מיט א מאָדנעם וועלפישן פייער. מיר האָבן זיך געפּרואווט אים אָפּצוהאַלטן. ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזן. מיט א פארשטיקטן „צום ווידערזען זיך", וואָס ער האָט אונז שוין פון יענער זייט טיר צוגעוואָרפן, האָט ער זיך ארויסגעשלייכט, אוועקגעקראָכן אין דער אומרואיקער נאכט אריין...

מער האָב איך אים שוין ניט געזען. יענע נאַכט איז ער אַרעסטירט געוואָרן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך איבערגעוואַנדערט אין אַמעריקע. פון דאַנען האָב איך געהערט גרוסן, אַז מאָטל איז פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר אויף אַ סך יאָרן. דער היציקער שוימענדיקער מאָטל פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ קאַלטער פאַרגליווערטער וועלט? איך האָב עס זיך ניט גע־קענט פאָרשטעלן. וואָס וועט מיט אים זיין? וועט ער עס איבערלעבן? זיך בויגן? אָדער ער וועט ווערן צעבראָכן און גיין פאַרלאָרן אויף אייביק? יאָרן זיינען אַוועק. פון אים אליין האָב איך קיין זאַך ניט געהערט. זיין אָנדענקונג האָט זיך ביסלאַכווייז געגומען אויסמעקן פון מיין זכרון. איך האָב אים אָנגעהויבן צו פאַרגעסן.

איינמאָל, איך זיץ אַזוי אין מיין איינזאַמען בחור'שן צי־מערל ערגעץ אויף סטענטאָן גאַס. (דעם צימער האָט איך גע־דונגען אין אַן אָוונט, ווען אַ גאַז־דער האָט געברענט און גאַנץ פיין באַלויכטן די צונויפגעשטיקטע ווענט. אין מיין ניט־אי־בערגעשפּיצטקייט האָב איך ניט באַמערקט, אַז דאָס איינציקע פענסטער אין צימער גייט אַרויס אין אַ טונקעלן קאָרידאָר. ביינטאָג איז דער צימער אינגאַנצן טונקל), איך זיץ און הער, מען קלאַפּט צו מיר אין טיר.

— „קאָם אין".

אין דער שווימענדיקער האַלב־פינסטערניש האָט זיך אַ יונ־גער מאַן אין צימער אַריינגערוקט. איך האָב גלייך דערקענט. דאָס איז געווען מאָטל.

דערזעלביקער קוועקזילבערדיקער מאָטל, וואָס אַ מאָל, נאָר עטוואָס עלטער, אַ ביסל איינגעהויקערט, מיט אַן אַש־גרויען הייטל אונטער די ברענענדיקע אויגן.

מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט. איך האָב אים פאַרשאָטן מיט פראַגן: „פון וואַנען? ווען? ווי אַזוי?" מאָטל איז אַרומגעשפּרונגען אַרום די פאַרקוועטשטע ווענט, ווי אַן אַפּע אין שטייגל. ער האָט גערעדט און דערציילט, געשפּרודלט מיט

מעשה'לאך, ווערטלאך און טשיקאווע פאסירונגען. ער האט אויפגעמישט הונדערטער זאכן אן א טאלק און מיט איין אטעם. מיר האט זיך דערמאנט די פרייטיקס־אויף־דער־נאכט. די איבער־געדעקטע קאלדרע, די קינדערשע שמועסן. מיר זיינען, דאכט זיך, די זעלביקע וואס געווען, נאר א ביסעלע עלטער, אפגערי־בענער.

נאכדעם האבן זיך גענומען ציען די וואכעדיקע טעג. מאטל איז מיט מיר שוין פארבליבן. ער איז געווען פריילאך, אויפגע־קאכט, געשפריצט מיט שפאס און מיט לעבן, ווי ער וואלט וועלן אניאגן די צייט, וואס ער האט אין איינזאמער פארשפארטקייט פארבראכט. דאס מאל איז ער שוין געווארן דער ליבלינג און „הארץ־פארכאפער" פון דעם מיידלשן קרייז און איך האב זיך געמוזט אפרוקן אן א זייט, שפילן די ראליע פון דעם גוט־מוטיקן זיידן. מען קען ניט זאגן, אז איך האב מיין „נידער־לאגע" אנגענומען מיט א רואיקן געמיט. איך האב מאטלען צייטנווייז ניט געשאנעוועט, און מיינע שטעך־ווערטלאך זיינען געווען אזוינע האמעטנע, שווערע, פון שווערן געמיט ארויסגע־שליידערטע, אז איך פלעג נאכדעם זיך אליין דערפאר שווער בייסן. מאטל האט מיר זעלטן געענטפערט צוריק. ער האט צוגעשמייכלט און מיט עקשנות'דיקער לייכטזיניקייט האט ער ווייטער געטאנצט זיין פריילאכן לעבן. נאר צייטנווייז פלעגט טרעפן, אז ער פלעגט זיך מיט אמאל פארקלערן. דער באוועג־לאכער פנים פארכמורעט, די אויגן ווייט אויפגעריסן, און אזוי פלעגט ער אן איינגעשפארטער, א פארביסענער, אפשווייגן שעה'ן גאנצע נאכאנאנד.

וואס קלערט ער? וואס מוטשעט אים? איך האב אים בשום אופן ניט געקענט פארשטיין. מיר זיינען געווען נאענט איינער צום אנדערן. אויף איין אויפגעלייגטן בעטל האבן מיר צונויפגעקארטשעטע, קאפ צו קאפ ענג צוזאמענגעלייגט. צייטנ־ווייז האט זיך מיר געדוכט, אז איך הער דעם בלוט־שלאג אין

זיינע שלייפן, דעם אומרו פון זיין געדאנק. און דאך איז ער מיר אין א סך זאכן געווען ווייט און פרעמד.

איך האב דאמאלסט אין א פאבריק שווער־שווער געהאר־רעוועט פאר מיין שטיקל ברויט. אויפשטיין האט מען געמוזט זעקס אזייגער אינדערפרי. דער וועקזייגער לעבן מיין צוקאפנס פלעגט זיך צעשראקן פאנאנדערליארעמען און איך פלעג א פאר'סמ'טער אויפהייבן זיך פון געלעגער, יאגן זיך צו דער ארבעט אין פאבריק. מאטל פלעגט בלייבן ליגן אין בעט, טוליען זיך אין דער אויסגעווארימטער קאלדרע, זשמורען די אויגן אין האלב־דרעמלדיקן פארגעניגן און באגלייטן מיך מיט א מאדנעם מיטלייד־בליק ביז אויף יענער זייט טיר. איך האב מיט אים געפרואווט מאכן א שמועס וועגן דער „צוקונפט", געוואלט אים צו'שדכנ'ען צו עפעס אן ארבעט. ער האט מיך אפגעגאסן מיט אן אלץ־וויסנדיקן שמייכל, לייכט א ציטער געטאן מיט די ליפן און פארפירט דעם שמועס אויף אן אנדער וועג.

נאר איינמאל, ווען איך האב זיך אינדערפרי פון געלעגער אויפגעהייבן, האט מיר מאטל נאכגעטאן. „וואס איז?" ער גייט אוועק. „וואוהין"? אין דער וועלט אריין. „האט ער צילן, פלענער?" ניין, גלאט אזוי זיך. ער וויל זיך דורכגליטשן איבער אמעריקע. דא איז אים ענג, ס'שטיקט אים אביסעלע אונטער. ס'האבן ניט געהאלפן מיינע שכל'דיקע טענות. מאטל האט זיך איינגעשפארט, אז ער מוז גיין.

„צום ווידערזען זיך".

מער האב איך אים שוין א לאנגע צייט ניט געזען.

יארן זיינען אוועק. מיינע האר האבן שוין ביסלאכווייז גע־נומען אויסקריכן און באשיינען זיך מיט א מוטנער ווייסקייט. א גלאנציק טעלערל האט זיך צעגאסן און אויסגעשפרייט פון שפיץ שארבן. מאטלען האב איך פון אויג אינגאנצן פארלארן. כ'האב געהערט, אז ער טרעמפעוועט ערגעץ ארום. פלוצלונג אין א שיינעם פרימארגן, אן אונדערווארטעטער קלאפ אין טיר:

— האַלאָ.

מאָטל איז ווידער געקומען.

דערזעלביקער מאָטל פון אַמאָל, נאָר אַביסל עלטער, אַ ביסעלע מער איינגעהויקערט, מיט מער טרוקענע אַש־זעקעלאַך אונטער די בלישטשענדיקע אויגן. ווייטער אַ שפּרודלענדיקער פאַנטאַן פון פרייליכע מעשה'לאַך, לייכטזיניקע שפּאַסן, באַגלייט פון אַ פרישן געלעכטער. „וואו איז ער די גאַנצע צייט געווען?" אַט אַזוי זיך, דורכגעשפּאַצירט איבער דער ברייטער אַמעריקע. גע־אַרבעט כל עבודת פּרך. געשלאָפן אויף „דאַקס", אין פּאַרקן, אויף אָפענע פעלדער. באַנוצט טעגלאַכע צייטונגען פאַר אַ צודעק; פאַרשמירטע לייטיקע שיך געלייגט צוקאָפּן, שפּאַס גע־האַט, כאַ־כאַ־כאַ. אַ רעסטאָראַן אַזאַ האָט ער געוואוסט: בלע־כענע שיסעלאַך צוגענאָגלט דורכן דעק צו אַן אומגעהובלטן טיש און די לעפל האָבן זיך געבאָמבלט אויף דראָטענע קייטלאַך — אַ סגולה צו עין־הרע. דער זופּ פלעגט זיך אָנגיסן אין שיסל דורך גומענע קישקעלאַך. איין מאָל זשו־רו־פּ, און דאָס שיסעלע פלעגט זיך שוין איבערגיסן איבער די ברעגן. „וואָס קרימט איר זיך, גנעדיקער הער? דער זופּ איז אייך ניט געפעלן?" ווייטער זשו־רו־פּ, און דאָס ברודיקע שיטערניש פלעגט צוריק איינגעשלונ־גען ווערן אין דעם גומענעם רערל. מאָטל לאַכט זיך פאַנאַנדער מיט זיין שראָטענעם געלעכטער,, פאַרהוסט זיך מיטאַמאָל, כאַפּט זיך אָן פאַר'ן האַרצן, ווערט ברוין און בלוי. „וואָס איז דאָס?" „גאָרנישט, גאָרנישט, אַ קליינע פאַרקילונג, וועט באַלד איבער־גיין...

מאָטל הוסט אַרויס פון זיך די נשמה. אין שפּיטאָל? ניין, אַהין וועט ער ניט גיין, שפּיטעלער און תפיסות האַסט ער פון טיפסטן האַרצן. „ניטאָ קיין שענערער אָרט צו שטאַרבן, ווי דער הינטער־פּלויט", זאָגט ער אַזוי מיט אַ געלעכטערל. ער קען זיך שוין ניט אויפהייבן פון בעט.

מיין קליין צימערל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קראַנקן־הויז. אַ שווערער פאַר'סמ'טער ריח פון רפואות שטיקט דעם

אָטעם. מאָטל ליגט אויסגעצויגן אויפ'ן בעט מיט א פּנים פון ערד־קאָליר. די ביינער שפּיצן זיך און דארן, דאָס הויט בלייכט זיך. נאָר די אויגן, די זעלביקע ווי געווען, זשמורען זיך פריי־לאַך און פליען ביסטרע ארום אין די אויסגעהוילטע לעכער. מאָטל ווערט דערשטיקט אין זיין אייגענער קראַנקן־לופט. „שליידערט ארויס די רפואות־פלעשלאַך. עפנט פאַנאַנדער טיר און פענסטער. ווארפט מיך אליין ארויס פאַר די הענט און פיס דורך די אויפ־געריסענע פענסטער. צום טייוול־ איך ווער דאָ דערשטיקט, דער־וואָרגן!"

מאָטל איז געשטאָרבן. איך פאָר אים באַגלייטן. דער טאָג איז א געשמאַק־הערבסטיקער. עס אָטעמט זיך פריש און מחיה'דיק נאָך דעם פארפעסטעטן קראַנקן־צימער. די ערשט־אויפגעגראָ־בענע ערד אויפ'ן גרין־געלן בית־עולם־פעלד איז פוכקע, דין און שמעקעדיק. דאָ און דאָרט אויסגעמישט מיט א רונדן ווייסן שטיינדל. דער גלאַנציקער סאַמעט־וואָרים פויזעט זאָרגלאָז ארום אין דעם אויפגעריעטן זאמד. דאָס פריש־שמעקנדיקע סאָסנאָווע טויטן־קעסטל וויגט זיך לאַנגזאַם ארונטער אין דעם אויפגעעפנטן גרוב. א פּאָר קאַלטבלוטיקע יונגען פּאָרען זיך ארום קעסטל, ארבעטן געמעסיק־ערנסטדיק. איך בויג זיך אריבער דעם פאַר־זייטן קבר, ווארף מיין לעצטן ערדישן בליק אין דער אייביקייט אריין.

— צום ווידערזען זיך...

שעפּטשע איך ארויס דורך מיינע צעקרימטע ליפּן און גלויב אליין ניט אין דעם, וואָס איך האָב געזאָגט...

אַ שטאָטיקער וועוויק

(אַ מעשה'לע)

אין מיטן שטאָט איז געלעגן אַ גרויסער צעוואָרפענער פּאַרק. אין פּאַרק האָבן געלעבט וועוויקעס.

דעם פּאַרק האָבן מענטשן פאַרפלאַנצט. סטעזשקעס האָט מען פון זאַמד און שטיינדלאך אויסגעלייגט, און וועוויקעס האָט מען פון וואַלד, פון וואַנען ס'קומען אַרויס אַלע לעבעדיקע באַשעפעניש, געבראַכט צופירן.

האָט מען די וועוויקעס געלאָזט לעבן אין „רו" און „פרידן": עסט, טרינקט און פּאָרט זיך; קנוילט אויף און פאַר־וויקלט אייערע פוכיקע עקן. שלעפט צונויף ניס און בלעט־לאך און קלעפּט נעסטן. זאָל זיך אייך דוכטן, אַז דאָ איז טאַקע דער אמת'ער וואַלד. מיר וועלן אייך גאָר ניט טאָן: קוקן און קוועלן.

האָבן זיך די וועוויקעס איינגעלעבט אין גרויסשטאָטיקן פּאַרק, דעם וואַלד אָנגעהויבן צו פאַרגעסן. וואָס איז? אַז עסן און טרינקען איז דאָ גענוג, קיין סכנה אויך ניטאָ און די צוויי־פיסיקע בעלי־בתים זייַנען גאָרניט קיין שלעכטע, וואַרפן נאָך צו אַ מאָל אַ שאָלאכיץ, אַ ניסעלע, איז טאַקע גאָרניט שלעכט צו לעבן אויף דער וועלט.

שפּרינגט מען אַרום אויף פלינקע היפּנדיקע פיסלאך פון בוים אויף דער סטעזשקע, פון סטעזשקע אויף דער הילצענער באַנק. קוועטשט מען אַריין אין די פאָדערשטע לאַפּקעס אַ קאַשטאַן, אַ ניסל, אַ שאָלאכצל. קוקן די קלוגעטשקע פּאַטשערקע־אייגעלאך אַרום און אַרום; זעט מען אַ פרידלאכן שפּאַצירנדיקן עולם. אַנדערע גייען אין פאָרלאַך, פאַר'גנב'ענען זיך אין אַ

טונקעלן ווינקל פון פּאַרק, האַלזן און סוד'ען זיך. שטעלט זיך דער וועוועריק אַנטקעגן, אויפגעהויבן אויף די הינטערשטע לאַפּקעס, קוקט אַן, פאַרשטייט, טוט אַ שפּרונג מיט די פלינקע היפּנדיקע פיסלאַך און טראָגט זיך אַוועק ווייטער.

אַמאָל נאָר ווערט די וועווערקע אומרואיק: אַ הונט, אַן אַלטער שונא, לויפט דורך איבער דער סטעזשקע פון פּאַרק. אַ מאָדנער געוויש, ווי פון אַן אַ אַראָפּפאַלנדיקן באַרג שטיינער, אָדער אַ צעצויגענער סקריפּ דערטראָגט זיך אַהער, ווען פון דער ווייטנס לויפט דורך אַ „קאַר". איבער געפלאַסטערטע וועגן טראָגן זיך שווער־סאָפּענדיק געקעסטלטע אויטאָמאָבילן. דאַמאָלסט גיט אַ ברען דער אַלטער זואַלדיקער צאַפּל. עס טוען זיך אַ שפּיץ אויף די שאַרפע אָנגעשטעלטע אויערן, דער פוכיקער עק קנוילט זיך ווייך־שרעקיק, די ביטערינקע פּאַטשערקע־אויגן פינטלען און פליען. די לאַפּקעלאַך טשעפּען זיך איין אין שטאַם פון אַ בוים: „אַרויף, אַרויף! פלינקער, פאַרזיכטיקער! גיכער! נאָך אַלעמען קיין פולע זיכערקייט איז אין ערגעץ ניטאָ. אַ וועווריק טאָר עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן".

נאָר דער הונט שפּאַצירט אויף אַ קייט, דער ווייטער גערודער קומט אָן רעגלמעסיק, לויפט דורך און פאַרשווינדט. נאָך אביסל און מען געוואוינט זיך שוין צו, שפּעטער — וואַרט מען זיין אָנקומען אין דער באַשטימטער צייט. אַ פּאַרק איז ניט קיין וואַלד. קיין סכנה איז ניטאָ. מען קען לעבן.

ענגלאַך איז דאָ אין פּאַרק, דאָס מוז מען צוגעבן. ווי קומט עס צום וואַלד? אַז מען גיט אַ שפּרונג אין איין זייט — אַ צאַם; אין דער צווייטער — אַ פּאַרקאַן. די סטעזשקע שלענגלט זיך און פּאַלט אַריין אין אַ ווילדן רודערדיקן גהינום: ניטאָ דאָרט קיין גרעזל, קיין בוים. שטיין אויף שטיין, טומל, גוואַלט, אומרו. איז ווער הייסט זיך אַהין רוקן? זיינען וועווריקלאַך קלוג און פאַרזיכטיק. רוקט מען זיך טאַקע ניט.

שטייט מען אויף איין אָרט. אַמאָל אין אַ פאַרנאַכטיקער שעה פאַרבענקט מען זיך נאָכ'ן פאַרלוירענעם וואַלד. ווי קומט

עס צו איצטיקן פּאַרק? געווען דאָרט אַזאַ פּאַרנעם, רחבות און פרייקייט. היינט די פאַרגייענדיקע זון — פייער צעפלאַ־קערטער; היינט דאָס באַטאַגיקע ליכט — פלאַם צעגליטער; היינט די דאָרטיקע ניסעלאַך, גאָר אַן אַנדער זאַפט און חיות. נאָר זינדיקן טאָר מען ניט: אַלץ בעסער, איידער דאָרטן אַהינ־טערן צאַם, וואו די זאַמדיקע סטעזשקע פאַלט אַריין אין ווילדן רו־דערדיקן גהינום. אַהין טאָר מען זיך אַפילו ניט אומקוקן; חס וחלילה. ניט פאַר וועווריקעס קיין אָרט.

נאָר איין יונג שנעקיש וועווריקל וויל אַלץ דערגיין, וואָס איז דאָרט? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט?

— מיר ווייסן ניט. מיר ווייסן ניט. איין זאַך איז זיכער: ס'איז דאָרט אַ גהינום, אַ שרעק.

— אָבער ווי אַזוי און וואָס? זיינען דאָרט אויך פאַראַן וועווריקעס אָדער אַן אַנדער מין באַשעפעניש? אויב עס טומלט זיך, איז דאָך אַ סימן, אַז עס לעבט.

— מען קען ניט ווייסן, מען דאַרף גאָר ניט און מען טאָר גאָר ניט ווייסן.

— אָבער ס'ווילט זיך אויסגעפינען, ווי אַלץ זעט דאָרטן אויס.

פינטלען די עלטערע וועווריקעס מיט'ן ביטערינקן פאַטשער־קע־אויג, שאָקלען צו מיט גרוי־פוכיקע עקן:

— אָט אַ שנעק, אָט אַ דריי־קאָפּ! שטופּט זיך, וואו מען דאַרף אים ניט. ס'וועט שוין קיין גוטס ניט זיין.

דער יונגער שנעק מאַכט דערווייל זיינע ערשטע פּרוואוון: ער גנב'עט זיך אַריבער דעם גרענעץ פון צאַם, שטעלט אָן אייגלאַך, פאַרשפּיצט אויערלאַך, ער פּוזשעט זיך און אַנט־לויפט צוריק; ער גייט אַרויס אַ צווייטן, אַ דריטן מאָל, דאָס צאַפּלדיק הערצל ווערט פאַרהאַרטעוועט, דאָס פוכיקע עקל קנוילט זיך שוין ניט אַזוי אָפט פון שרעק. באַלד וועט ער זיך אַליין איינגאַנצן באַהערשן, די סטרוניקע גלידער וועלן זיך איינ־שטייפן, ער וועט וואַגן און טאָן...

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, דער וועוריק האָט אריבער־געשפּרייזט דעם צאָם. אין גאַס איז דאַמאָלסט געווען שטיל און רואיק. אַ פּלוצלומדיקער גערדאַנק געמישט מיט נאָרעלדיקן שוידער האָט אים דורכגעשטאָכן דורך און דורך.

— די צייט איז געקומען! אין וועג!...

אַ פינטל מיט'ן קלוגן אויגל, אַ שפּרונג מיט די פלינקע פיסלאַך איבערן גאַס, דאָס וועוריקל איז אין שטאָט אַנט־לאָפן...

2

אַ שפּרונג און נאָך אַ שפּרונג, דער וועוריק איז אין אַ רייבער געשעפטס־גאַס אריינגעקומען.

טומל, גוואַלט און אומרו. צוויי־פיסיקע באַשעפענישן שפּאַנען נאָכאַנאַנד; שטופּן זיך צונויף און פלעכטן זיך פאַנאַנדער, שווימען אויף און צעשפּריצן זיך. די קעפּ האַלטן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך. אָט איז לעבן! אָט איז רירונג! ניטאָ קיין נעסטעלע אויף אַ שפּיץ ביימעלע. איין חסרון: קיינער קוקט ניט, וואָס ס'טוט זיך ביי אים אונטער די פיס...

נאָכאַלעמען, וועוריקעס־חכמה איז עפּעס ווערט: פאָרזיכטיקייט און פלינקייט. מען דאַרף דאָ זיין אויף דער „וואך“, צוטוליען זיך, איינבויגן, פאַרקנייטשן. אז ניט וועט מען צעמאָלן ווערן אונטער די פיס, מען וועט צערייבן, צעטרעטן.

דער וועוריק שאַרט זיך לעבן אַ שטיינערנער וואַנט. ער פאַרלייגט די לאַפּקעס אינדערהויך. הויבט אויף די קלוגע אויגן און קוקט אריין אינעווייניק.

אַנטקעגן אים אין אַ פענסטער שטייט אַ וועוריק, אַנגעצויגן, פרעמד, גרויסהאַלטעריש. די אויגן פינטלען ניט, דאָס עקל רירט זיך ניט, די אויערן אָנגעצויגן אינדערהויך, גיבן ניט קיין פלאַטער. אַ ברודער טאַקע, נאָר אַ מאָדנער פרעמדער ברודער. ארום אים אין פענסטער שטייען קעסטלאַך קאַשטאַנעס, ניס, מאַנדלען. וואָס איז עס מיט יענעם? פאַרוואָס רירט ער

זיך צו קיין זאַך ניט צו? פאַרוואָס קנאַקן ניט קיין שאָלאכיץ? דער וועוריק שפּאַרט איין די לאַפּקעס אין בלישטשעדיקן גלאָז, ווייל זיי איינגראָבן אין דער קופּע גיס. מאָדנע: ס'איז גלאַט, קאַלט און גליטשיק. אַ שמאַר מיט דער לאַפּקע און אַ סקריי. דערלאַנגען קען מען קיין זאַך ניט, גאָרנישט...

דאַרף מען פּרואוון מזל ערגעץ אַנדערשוואו, לויפט אַוועק דער וועוריק ווייטער.

דער שטיינערנער וועג איז לאַנג געגוג. קיין גרעזל, קיין בוים איז טאַקע ניטאָ. נאָר שטיינער וויפיל דאָס האַרץ גלוסט.

פאַרלייגט דער וועוריק די לאַפּקעס אויף אַ וואַנט, הויבט אויף די אויגלאַך, און קוקט אריין אינעווייניק:

אַנטקעגן אים אין אַ פענסטער שטייט נאָכאַמאָל אַן אַלטער באַקאַנטער. אַ שונא אַפילו, נאָר אין איינזאַמקייט איז בעסער צו טרעפן עמיצן, אַפילו פיינד, איידער קיינעם ניט. אַ הינטל, ווייס, מיט שוואַרצע פלעקן, מיט לאַנגע, אַראָפּהייגענדיקע, פלאַכע אויערן. ער שטייט אויף אַ קעסטל אָנגעצויגן, פרעמד, גרויס־האַלטעריש. די אויגן פינטלען ניט, דאָס עקל רירט זיך ניט, די אויערן גיבן ניט קיין פלאַטער. אַ שונא טאַקע, נאָר אַ מאָדנער פרעמדער שונא. אין פענסטער שטייען אַ סך קעסטלאַך. אויף די קעסטלאַך שווינגען אַרום רונדע פלאַכע ברעטלאַך. שטעכט זיך אין זיי אַריין אַ בלאַנקעדיק, בלישטשענדיק נאָדל און עס טראָגן זיך פון דאָרטן ווילדע קולות, אַ הודזשעריי, אַ קוויטש און אַ טומל.

דער וועוריק האָט זיך איבערגעשראָקן אויף טויט. ער איז קוים אַנטלאָפן געוואָרן.

וואוהין ער לויפט, האָט ער אַליין ניט געוואוסט. די פלינקע פיסלאַך האָבן דעם צעצאַפּלטן גוף מיט אימפּעט געטראָגן. ער איז געקומען צו זיך, איינגענורעט אין אַ ווינקל אינעווייניק אין אַ גרויסן „דעפּאַרטמענט“־געשעפט.

וואָס האָט ער דאָרטן ניט געזען? זאַכן אַלערליי, פאַר־

ביק, בלימלדיק, גראָזיק, אויסגעשטעלט אין אָרדנונג, וויביימער אין פּאַרק־אַלייען. אַלץ איז שיין און פאַרכאַפּט דאָס אויג. צוויי פּיסיקע באַשעפענישן, ריזיקע שמעטערלינגען. זאַכעלאַך אַרום אים, געקינסטלטע, קליינינקע, בלאַנקענדיקע. ער פּרואווט אָנטאַפּן מיט די לאַפּקעס — קאַלט, שטייניק און קאַלט; ער לעקט מיט׳ן צינגל — אָן אַ טעם. ווי מען היט עס! אים, דעם אונטערפּיסיקן,זעט קיינער ניט, נאָר אויבן לויפן אַרום אויגן, פאַלשע, גיריקע, פאַרדעכטיקע. וואָס היטן זיי, די צוויי־פּיסיקע ברואים? וואָס באַוואַכן זיי? ווער׳ט עס ביי זיי צונעמען? ווער דאַרף עס האָבן?

דעם וועוועריק איז אַפילו דאָס צאַצקע־שפּיל ניט איינגע־גאַנגען. ער האָט זיך שטילערהייד אַרויסגערוקט פון געשעפט און אוועקגעשפּרונגען ווייטער.

אין טומל איז בעסער. דער הונגער נאָגט אים ניט אַזוי שטאַרק, מ׳איז אויפגערודערט, צעשרויפט, און מ׳דאַרף זיך אויס־היטן פון כל׳ערליי סכנות. ס׳טופּן אָן אָן אויפהער פיס. פון וואַנען האָבן זיך אַזויפיל גענומען? אַמאָל שפּאַצירט דורך דער אַל־טער שונא, דער הונט. נאָר פאַר אים האָט דער וועוועריק ניט קיין מורא. אַ געפירטער איז ער דאָ; ער גייט אויף אַ קייט, איינגעצוימט, געלאַסן, שטיל, מיט דרך־ארץ. אַזאַ וועט זיך שוין ניט בייסן. נאָר ניט אין בייסעניש גייט עס. קיין ביזזווי־ליקייט און שנאה האָט ער נאָך פון קיינעם ניט געזען. דער חסרון: קיינער קוקט ניט ביי זיך אונטער די פיס. מען וועט אים קאַלטבלוטיק אין געדראַנג צעקוועטשן, צעטרעטן.

אָפּקערן זיך פון סטעזשקע אויפ׳ן ברייטן וועג איז אומ־מעלאַך. שטורעמס האָט שוין דער וועוועריק אין זיין יונגן לעבן געזען. געוועזן שוין אַזעלכע, ווען ביימער, צעהודזשעטע, גרינ־קעפּיקע, האָבן געקראַכט און אַרויסגעשפּרונגען פון דער טיפער ערד מיט די וואָרצלען; אַזאַ שטורעם, ווי אויפ׳ן ברייטן וועג, האָט ער נאָך ניט געזען. ווי עס טראָגט, ווי עס יאָגט, ווי עס קערט וועלטן; און דער וואונדער איז, וואָס קיינער לויפט ניט

באהאלטן זיך אין די נעסטן. מען אָטעמט אריין דעם טומל, ווי עפּעס גאנץ געוויינלאכעס און מען שפּאצירט ווייטער.

דער וועווריק פּארלירט ביסלאכווייז זיין העזה. אפשר אומקערן זיך צוריק? נאָר דער וועג צום פּארק איז פארשטעלט. ס'קען זיין ער האָט אים אינגאנצן פארגעסן. דער הונגער טרעט שוין צו און קראמפּט דעם פּוסטן מאָגן, „עסן! קאשטאנעס, נים, א פּיצל שאָלאכץ, כאָטש עפּעס וואָס, אבי איינשטילן דעם קראמפּיקן ווייטאָק".

אז דער הונגער איז גאָר פּיינלאך צוגעטראָטן, האָט דער וועווריק פארגעסן שרעק און ציטער. ער האָט זיך געלאָזן אי־בער וועגן, צווישן רעדער פון אָטאָס און טראמווייען, וואוהין די אויגן טראָגן, זוכן עסן.

ארויס פון דער רייכער געשעפטס־גאס און אריינגעקומען אין זייטיקע שטילערע געסלאך.

דאָ האָט מען אים באמערקט. שמוציקע ארומגעריסענע קינדערלאך האָבן זיך געלאָזט נאָך אים מיט גוואלטן און שטיין־ווארפעריי יאָגן.

נאָר וועווריקעס כאַפּט מען ניט. זיי זיינען פלינק און פּאָרזיכטיק. א שפּרונג אָן א זייט, א ווייך־לייביקער דריי הין און צוריק, דער שונא איז הינטער אים געבליבן.

א שפּרונג נאָך א שפּרונג, פארביי קעסטלאך פּירקאנטיקע, ווענט אָפּגעקראָכענע. ארייגגעלאָפן אין א פּארק. א מאָדנער פּארק! שטיין אָנשטאט גראָזן, ביימלאך געציילטע, ריטלדיקע. אויף בענק זיצן צוויי־פיסיקע ברואים, קוקן משונה'דיק ביי זיך אונטער די פיס און זעען, דאכט זיך גאָרנישט...

דער וועוריק באקוקט אליץ מיט זיינע ביטערינקע רונדע אייגלאך: קיין נים וועט ער דאָ ניט קריגן, נאָר קיין סכנה איז ניטאָ. די זיצנדיקע ברואים זיינען אזוי ווי ער, צעשראָקענע, שטילע.

א הארץ דערווארימט זיך, ווען עס באגעגנט זיין גלייכן. דער וועוריק ווערט ביי זיך דרייסטער, רוקט זיך צו נעענטער,

פארלייגט דעם פוכיקן עק אויף אן אויסגעצויגענעם שוך. דער זיצנדיקער מענטש באמערקט אים. זיי קוקן אריין איינע די אנדערע אין די אויגן, א מינוט, א סעקונדע, אפשר נאך דאס ווייניקער, נאר זיי האבן זיך איינער דעם אנדערן דערקענט.

דער מענטש הויבט זיך אויף פון ארט, דער וועווריק שפרינגט נאך אים, ביידע זיינען פון פארק ארויסגעגאנגען.

דער מענטש האט אפגעדעקט א קאן. געריעט זיך אינעווייניק מיט די פינגער, ארויסגעשלעפט פון דארטן א הארטן שטיק ברויט און זשעדנע אריינגעכאפט צווישן די ציינער.

ער איז אפגעטראטן. דער וועווריק איז צוגעשפרונגען.

אריין אינעווייניק אין קאן, מיט די לאפקעס מייזיש־קראצנדיק זיך דארטן געפארעט. אויסגעווייקטע שטיקער שמוץ האבן זיך צו דער גלאטינקער פעל געקלעפט, א פארדארבענער עקלדיקער ריח האט געשלאגן צו דער נאז. ער האט געשמעקט, געקראצט, געזוכט ווייטער.

הונגעריק איז ער געווען, טויט־הונגעריק; און קאשטאנעם ליגן באהאלטן אונטער א בלישטשענדיקער גלאז, פון וואנען מען קען זיי ניט דערלאנגען.

אינ׳ם גרויסן קאן האט ער געפונען א קליין קענדעלע, אן אויסגעליידיקטס, א בלעכנס. דאס אויפגעריסענע דעקל איז געווען פארקאשערט ארויף איבער די ברעגן. אויפ׳ן דעק זיינען נאך געלעגן שיריים: געקאכטע בעבלאך, מיט חזיר־שמאלץ צוגעריכט, מיט פעפער צוגעפראוועט. ער האט געפרואווט דאס קענדל איבערקערן, די שיריים ארויסנעמען. ס׳איז אבער ניט געלונגען. דאמאלסט האט ער זיין קעפל אריבער די אויערן טיף־טיף אינעווייניק קוים מיט צרות אריינגעקוועטשט.

אויסגעלעקט בי׳ן לעצטן שמיר די בעבלאך, פארשטילט דעם הונגער; דאס קעפל האט ער ווי־עס־איז אריינגעקוועטשט, ארויסציען עס צוריק האט ער בשום אופן ניט געקענט.

א צעצאפלטער האט ער זיך אוועקגעלאזט לויפן איבער׳ן גאס. אויפ׳ן קעפל, ווייט איבער די אנגעשטעלטע שפיציקע אוי־

ערן, איז געזעסן דאָס בלעכן קענדל. אויפ'ן קענדל איז געווען אָנגעקלעפּט בייכלדיק אַרום אַ צעטל: „היינצ'ס בעבלאך". אותיות רויטע, גרויסע, שרייענדיקע. אויסגערעכנט זיינען דאָרטן געווען אַלע מעלות פון די בעבלאך און פאַרוואָס מען דאַרף זיי קויפן. דאָס דעקל האָט צוגעקלונגען און בלעכיק געקלאַפּט.

דער וועווריק איז געלאָפן איבער שטאַטיקע טראַטואַרן. אי־בער'ן קאָפּ איז שטייף־היטלדיק געלעגן דאָס בלעכענע רויט־גע־פאַרבטע קענדל. די שטאָט אַרום האָט געטומלט און הילכיק גערוישט...

צוריק אַהיים

ס'איז זונטיק בייטאָג. ס'שפּרייעט אַ געמיטלאַכער באַלעבאַ־טישער רעגנדל, ניט צו שטאַרק, ניט צו אייליק. קלים, אַ הויכער, ווייס־רוסישער בחור, מיט אַ ברייטן מעליקן פּנים, איינגאַנצן אויסגעשפּרינקלט אין פּאָקן־לעכלאַך, שפּרייזט האָפּערדיק איבער „סוטער עוועניו" אין בראָנזוויל. דער קאַלטער רעגן נעצט מחיה'דיק זיינע אויפגעפלאַמטע רויטע באַקן. זיינע לאַנגע פיס־דראַנגעס אין די צו־קורצע הויזן, הייבן זיך, שפּרינגען אונטער, ווי צו אַ טאַנץ. מען קען גלייך זען, אַז דער בחור איז אויפגעלעגט, איז אָן אַ שיעור פריילאַך.

און טאַקע ניט אומזיסט. דער בחור איז פאַרטיק צו לאָזן זיך אין וועג. זיין קופערט איז גוט פאַרפּאַקט און מיט שטייפע שטריק אַרומגעבונדן, אַ שיף־קאַרטע אויף דער שיף „פּאָלאָניע", וואָס דאַרף אים צוריק אהיים פירן, ליגט שוין פאַררוקט אין זיין קעשענע. זיין געלט, אַ היפּשער פּאַק פּאַפּירלאַך, אָנגעזאַמלט דורך צוועלף יאָר שווערער אַרבעט אין אַ זייף־פאַבריק, ערגעץ לעבן די וואַסער־ברעגן פון ברוקלין, איז גוט פאַרשטעקט און מיט שטייפע שטעך פאַרנייט, אין אַ זיכערער בוזים־באַהעלטעניש. מאָרגן גאַנץ פרי מאַרשירט ער אוועק צו דער שיף מיט זיין גאַנצן האָק און פּאַק און היידא אַ היים, צוריק אין דעם ווייטן, ליבן דאָרף, פון וועלכן ער איז געוועזן גאַנצע צוועלף יאָר אָפּגעריסן.

פון דעם איינציקן געדאַנק: „אַ היים", ווערט קלים'ען נאָך פריילאַכער אויפ'ן האַרצן. עפּעס לעקט אים געשמאַק־מחיה'דיק, טיף אינוועניק: „אַי, דו גאָט מיינער! אַזוי גיך זיינען די צוועלף יאָר אַוועקגעגאַנגען, אַוועקגעשוואָומען, ווי אַ וואַסער. גאָר ניט אומגעקוקט זיך". שטייענדיק לעבן די חלב־פעסלאַך, אין דעם פעט־צעפּאַרעטן זייף־פאַבריק, האָט זיך אים אַלעמאָל גע־

דוכט, אז די צייט שלעפּט זיך מיט אַ צעקלעפּטער פּעביקייט, אַז זי וועט זיך אייביק ציען, ציען און וועט אים אין ערגעץ קיינ־מאָל ניט ברענגען.

אויפ׳ן ראָג גאַס, שטופּנדיק זיך אין אַן אויפגעמישטער קופּע, באַגעגענען אים זיינע חברים, „לאַנדסמאַנעס". זיי קוקן אויף אים מיט קנאה.

— העי קלים! פאַרסט טאַקע מאָרגן אוועק? סט׳געדאַרפט צום לעצטן מאָל. פאַר׳ן אוועקפאָר, ריכטיק „פאַרפונדרעווען".

פאַרפונדרעווען? פאַרוואָס ניט ? קלים פילט זיך אַזוי גליקלאַך, אַז ער וואָלט, דאַכט זיך, נעמען און שטיקער פון זיין האַרץ יעדן פון זיי אויסגעטיילט. ער פאָרט מאָרגן אוועק אהיים און זיי, אָרעמינקע, בלייבן דאָ, נעבאַך, איבער...

די גאַנצע חברה וואַרפט זיך פּעקלדיק אריין אין אַ „סאַ־לון". קלים איז מכבד מיט ברייטער האַנט.

— טרינקט, ברידערלאַך, לאָזט זיך וואוילגיין. איך וועל שוין פאַר אַלץ באַצאָלן.

חברה לאָזט זיך ניט בעטן. מען ליידיקט אויס אַ גלאָז נאָך אַ גלעזעלע. פון קלימען האַלט מען זיך אָבער פון דער־ווייטן.

— קוקט אים נאָר אָן: אַ גאַנצער אויסברענגער געוואָרן. ניט לאַנג, דאַכט זיך, פלעגט ער זיך לאָזן פאַר אַ פּעני די ציינער אויסרייסן.

— ער פאַרמאָגט שוין, הפנים, דעם ריכטיקן אוצר׳ל.

— ס׳קריכט אים פון האַלז.

חברה קוקט זיך איבער מיט ביטרע חזר׳שע אייגלאַך. מען שטייגט איבער איינער דעם אַנדערן אין גיפטיקע שטעכלקעס.

קלים האָט ניט קיין פאַראיבל. אים איז היינט אַזוי גוט, אַזוי פריילאַך. אַגב ווייס ער טאַקע, אַז די חברים זיינען אַ ביסל געערעכט :

ער האָט אָפּגעלעבט זיינע יאָרן דאָ, אין אַמעריקע, ווי אין אַ פינסטערן הינער־פּלעט. די גאַנצע צייט געוואַלגערט זיך אין

אן אמת'ען מייזן - לאָך. איז אַלע טאָג געפלויגן צו דער אַרבעט, געשלעפּט די רויבערדיקע חלב־קאַנען, אַזש די קיש־קעס האָבן שיעור ניט געפּלאַצט. אויסגעקוקט די אויגן אויפ'ן סוף־וואָך, ווען ער פּלעגט פון אַ דראָטן־געצאַמט פענסטערל זיין קאָנוווערט מיט'ן וואָך־געצאָלט באַקומען. אַרויסגעצויגן די נייע קנאַקנדיקע פּאַפּירלאַך, פּלעגט ער איינס אויף די לויפנדיקע וואָך־הוצאות פאַרקוועטשן און די איבעריקע אַוועקגעשלעפּט גלייך צום פענסטער אין באַנק אַריין, געפּאַקט, אָנגעפּאַקט דאָס ציבטיקע באַנק־ביכל, מיט'ן שפּיציקן טורעם אויפ'ן פאָדערשטן שער־בלעטל, מיט גלייכינקע שורה'לאַך געלט, געלט און נאָך אַמאָל געלט...

— אָך, דו הינטישער זון! האָסט געלעבט, ווי אַ חזיר, אָנגעזאַמלט אַ גאַנצן אוצר און איצט פאָרסטו אַוועק אַ היים!

— ער קלייבט זיך איצט צו זיך אין דאָרף, ווערן אַ פּריצ'ל.

— ער וועט פאַרליִיגן די הענט אין די קעשענעס און קאָמאַנדעווען מיט'ן נאַרישן פּויערל. ניש'קשה, ביי זיינע „פאָרמאַנעס" אין שאָפּ האָט ער זיך די מלאכה פיין אויסגעלערנט.

— נאַרישקייטן, ברידערלאַך, היינטיקע צייטן גייען שוין אין דער היים אַזעלכע געשעפטן ניט אָן.

— מען וועט אים משלח זיין מיט זיין אוצר'ל אינאיינעם צוריק אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען.

— חכם, די קלינגערס וועט מען אַפריער פון אים אויס־טרייסלען און אים אַליין נאָכדעם אַרויסשלײדערן, ווי אַ קרעציקן הונט.

קלים פילט, ווי מען גיסט, פּליוכעט אויף אים מיט היציקן זוד. ער שטרענגט זיך אָבער אָן ניט צו פאַרלירן זיין יום־טוב'־דיקע שטימונג.

אמת, ער איז געווען קאַרג, טאַקע אַ ביסל צו־קאַרגלאַך, אָבער קלים געדענקט נאָך גוט דעם טעם פונ'ם טרוקענעם קלייען־ברויט, וואָס ער האָט אין דער היים קליינערהייט געגריזשעט. אַמאָל איז דאָס אויך ניט געווען. דעמאָלסט פּלעגט ער זיך מיט אַ גע־

שוואַלענעם בייכל, מיט דינינקע שטרוי־פּיסלאַך, טשעפּען ביי דער מאַמען פאַרן קליידל און בעטלען ווייגענדיק: „מאַמעלע! ברייטעלע"! איצט, הערסטו דאָך, האָט ער געלט, אמת'ע דאָלאַרן. וויל ער — קויפט ער מאכלים, שיינע קליידער, גאָלדענע רינגען, זייגערס, קייטן, אַלץ, וואָס דאָס הארץ גלוסט. איצט איז ער דאָך א גאַנצער פּריץ...

— נו, נו, חברים, געגוג צו גריזשען זיך, כ'בין דאָך אַן אייגענער ברודער, אַן ארבעטער. דאָס ביסל געלט האָב איך מיט דער אייגענער שווערער פּראַצע פאַרדינט.

וואָלטן זיי אים נאָר געגלויבט, וואָלט ער פאַר זיי איצט זיין גאַנצע הארץ צעעפנט: אים ציט אהיים, צו דער פייכטער, זאַפטיקער ערד, צו דער געפלעקטער קו, צו דעם ראָבן פערדל. שוין אזוי לאַנג, אז ער האָט ניט געזען קיין צעפּריעט שטיקל ערד, קיין צעוויגטן קאָרן־זאַנגל. אויף „סוטער־עווענױ" איז אים שווער, טרוקן און שווער; אינוועניק נאַגט, דאַרט און טריקנט. עס שאַרשקעט זיך אין הארצן, ווי די הארטע בלעטער פון זיין ציכטיקן באַנק־ביכל.

חברה קען זיך אָבער שוין ניט באַרואיקן. מען זשומעט און מען בייסט, ווי גיפטיקע בינען.

— קלים! וועסט זיך שוין פון אונז ניט אַרויסדרייען, דו מוזט מיט אונז גיין, זאָגן „זיי־געזונט" דיין געוועזענער געליבטער.

צו מאַרטאַ'ן? פאַרוואָס זאָל ער ניט גיין? זי איז געווען א „באַבע" א גאַנץ ניש'קשה'דיקע, א פריילאַכע, א צוגעלאָזענע. האָט ליב געהאַט א שטיף צו טאָן. נאַריש מאַכן זיך מיט יונגעלייט. געווען צייטן, ווען זי איז געווען אין אים ממש פאַרקאַכט. געקושט, געהאַלובעט, איינגעביסן זיך מיט פייערדיקע ליפּן און געקוועטשט, ווי מיט צוואַנגען. ער וויל זי טאַקע איצט, צום לעצטן מאָל, זען.

די טומלדיקע כאַפּטע וואַרפט זיך אַרויס פון „סאַלון". דאָס אויסגעטרונקענע ביסל ביטערס קלאַפּט האַמערדיק אין די

שלייפן. קלים שפרייזט אין מיטן ארומגערינגלט מיט בלוטיקע שונאים.

2

ביי מארטא'ן אין הויז איז פול אָנגעפּאַקט, אָנגעהודזשעט, אָנגערויכערט, ווי אין א ליולקע. מ'זיצט א קאָפּ אויף א קאָפּ, מ'זינגט, מ'טאַנצט, מ'שפּילט אויף א האַרמאָניק. מארטא'ס מאַן, אַן אָפּגעלאָזענער שכור, האָט שוין אויסגעשנאָשקעט זיינע פּאָר גלעזלאַך ביטערס. איצט וואַלגערט ער זיך אין א ווינקל און כראָפּעט, ווי א געהרג'עטער.

— קוים מיט צרות געבראַכט אהער דעם גאַסט צעשלעפּן. ער פּאָרט דאָך שוין מאָרגן אַוועק.

— טאַקע?

מארטא טוט זיך א זעץ אין א ווינקל א פאַרכמורעטע, א צעשוויצטע, בלאָזט אָן דעם פּאַלדיקן גוידער, סאָפּעט, ווי א גאַנז און פינטלט שטאַרק מיט אירע מוטנע צעלאָפענע אויגן.

קלים האָט מורא אויף איר א קוק צו טאָן. עפּעס זאָגט אים דאָס האַרץ, אז די „באָבע" איז היינט שטאַרק צערייצט און ער וועט דאָ נים גוט אָפּשניידן.

א לאַנגער אויסגעצויגענער כלאָפּ, א דאַרער מיט א באָבעשן פּייג־פּנים'ל, הייבט זיך אויף וואַקלענדיק פון פּלאַץ, קוקט אָן קלימען מיט א מוטנעם פאַרלאָפענעם אויג און פּאַלט אים פּלוצ־לונג מיט א בערישן אימפּעט ארויף אויפ'ן האַלז.

— קלימושקע, ליבינקער, גוטינקער, טייערינקער! פאָרסט טאַקע מאָרגן אַוועק א היים? וועסט עם אראָפּפאָרן און גענים פון דער נייער געוואונענער פרייהייט. קום אהער, גוטער ברו־דער! לאָמיר לכבוד דער פרייהייטביידע צום לעצטן מאָל אויס־טרינקען.

— לאָז אים צורו. ער האָט די פרייהייט אין פּיאַטע. אים גיב נאָר אהער דאָס געלטעלע.

— ער פאָרט ווערן א פּריצ'ל.

— אזוי גאָר א בורזשוי? א בלוט־צאַפּער? א שונא

פון אונזערן א ברודער?

יענער ווערט פלוצלונג צעקאכט, גייט אריין אין א שכור'ן צארן אוןווארפט זיך ארויף אויף קלימ'ען מיט די פויסטן.

חברה האלט זיך ביי די זייטן קאטשענדיק זיך פון געלעכטער.

אין קלימ'ס פנים בייטן זיך די קאלירן: רויט, בלאס, צונטער און מאדנע בלוי. ער ווארפט צעקראכענע בליקן אין יענעם ווינקל, וואו מארטא זיצט אן אויפגעהארבעטע אין דרייען און רעדט ניט ארוים קיין ווארט.

— נו, אויב דו ביסט טאקע אן אייגענער שטיקל ברודער, באווייז עס אויף אן אמת'ן. „פארפונדעווע" זשע ריכטיק, „פארפונדעווע" צום לעצטן מאל, אזוי, אז מיר זאלן דיך האבן צו געדענקען.

— ווער זשאלעוועט אייך, ברידערלאך מיינע? הוליעט, טרינקט און עסט אויף וואס די וועלט שטייט, אלץ אויף מיין רעכענונג.

אויפ'ן טיש וואקסן אוים גאנצע פלעשער מיט שנאפס און בערג צובייסנס. אין דער שכור'ער לופט שווינדלט א ווילדע זשוזשעריי. מען מאכט זיך איינע די אנדערע „לחיים'ס".

— פאר'ן געזונט.

— פאר דער היים.

— פאר דער פרייהייט.

איינער דריידלט אוים א קיילאכדיקן באסאוון א־ח־ה־א־א, גיט זיך אליין א פאר געשמאקע פעטש איבער די ליטקעס און לאזט זיך אוועק מיט א טענצל איבער'ן גאנצן הויז.

— איי־היי־! א ווארע מאכט! פריילאכער, לעבעדיקער, טשאקנדיקער! זאל מען דארט וויסן, ווי עס לעבט אונזערער א ברודער אין אמעריקע. זאל ער זיי פון אלץ דארטן דערציילן.

— דאס מיינסטו דעם זויערן קלימ'ען? ער שלאפט דאך שוין גאר אין ציילט אין חלום זיינע ממתקים.

— טאַ זאָל מען אים פּאַנאַנדערטשוכען. זאָל ער מיט אַלע־מען אויסטרינקען.

— נאָך אַ גלעזעלע.

— נאָך.

— נאָך.

ביי קלימען דרייט זיך שוין דער קאָפּ, ווי אַ ראָד. ער שמייכלט מיט אַ צעקראָכענעם געלעכטער, קריכט צו יעדן איי־נעם זיך טשמאָקען.

ברידערלאַך מיינע! טייערינקע מיינע! כ׳בין דאָך אייערער, פון דעם אמת׳ן ארבעטער־פאָלק. כ׳שפּיי אויף געלט. נאַט! עסט, טרינקט. הוליעט וויפיל איר קענט. כ׳פאָר דאָך אַ היים, איך וועל דאָרט זען דאָרף, ערד, פרייהייט.

— טאַ טרינק אוים מיט מאַרטאַ׳ן! צעקוש זיך מיט איר צום לעצטן מאָל.

קלים הייבט זיך אויף פון אָרט. נעמט אין אַ ציטערדיקער האַנט אַ גלעזעלע שנאַפּס און רוקט זיך שעמעוודיק איר אַנט־קעגן. זי קוקט אים אַ ווייַלע אָן מיט אַ ווילד־צערייצטן טיגער־קוק. פּלוצלונג צעצאַפּלט זי זיך, שליידערט אים אין פּנים דאָס אריינגעשטופּטע גלאָז מיט׳ן שנאַפּס צוזאַמען.

— אַך, דו! רוצח! מערדער! נשמה־פאַרדאַרבער! האָסט מיר מיין בלוט אויסגעזויגן, האָסט מיר מיין מאַרך אויסגעסמאָטש־קעט. איצטער פאָרסטו אַוועק, דו אומפאַרשעמטער איינער. אַנ־דערע, בעסערע זוכן! גיי שוין אַרוים! אַוועק פון מיין הויז, וואָס גיכער.

קלימ׳ס פּנים ווערט אינגאַנצן געשוואָלן. לאַנגלאַכע טראָפּנס בלוט שטופּן אַרונטער איינע די אַנדערע און קאַפּען אַרונטער מיט אַ זאַפּטיקן כליאַפּ, איינער גרעסער פון צווייטן. נאָר נאָך גרעסער, ווי דער ווייטאָק, איז די באַליידיקונג, דער אומזים־טער פּאַטש אין פּנים פון איינעם, צו וועמען דו האָסט אין הארצן די בעסטע געפילן געטראָגן.

— גיי ארויס פון דאַנען! אַנקוקן קען איך דיך ניט! כ'וועל באַלד דיין מוח אויף פיץ־פיצעלאַך צעדרוזשגען! — האָט זי, ווי אַ צערייצטע וועלפּיכע מיט אַ הייזעריקן שכור'ן קול גע־האַלטן אין איין וואַיען.

קלים גייט ארויס אויפ'ן גאַס. חברה באַגלייט אים מיט שכור'ע הורא־געשרייען. זיינע פיס וואַקלען זיך. אַ מחנה ווילדע שדים'לאַך פאַרקלייבט זיך אין זיין באַרוישטן קאָפּ און הוליעט און טאַנצט אין אַ משונה'דיקן געווירבל. דאָס ניט־פאַר־האַלטענע בלוט כליאָפּעט, גיסט זיך, אַזוי ווי פון אַ צאַפּן. אין מויל איז טרוקן און ביטער־פעפערדיק. דער רעגן שפּרייעט אַזוי ווי פריער, געמיטלאַך, בעל־הבית'דיק, ניט צו שטאַרק, ניט צו ווייניק. אויפ'ן ראָג גאַס האָט זיך קלים אָפּגעשטעלט, פאַנאַנ־דערגעוואַקלט זיך, אָנגעשפּאַרט זיך אָן אַ סלופּ, ניט געקענט מער שטעלן קיין פוס.

—עי, חברה! אמעריקאַנער מענטשן! קומט אַהער זען, ווי אַ רוסישער מאַן פאָרט צוריק אַ היים!

נייגעריקע פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און באַ־קוקט דעם צעבלוטיקטן שכור.

— מאָרגן אינדערפרי פאָר איך פון דאַנען אוועק. כ'וועל צוריק זען דאָרף, ערד, פרייהייט. כ'האָב אָפּגעפּראַצעוועט צוועלף יאָר אין אַ זייף־פאַבריק, די קישקעס געריסן און אָנגעזאַמלט אַ היבשן אוצר. איך דאַרף עס מער ניט האָבן. העי, אמערי־קאַנער מענטשן! זאָגט, ווער וויל? ווער עס וויל, קען עס איצטער האָבן.

קלים הויבט אָן פולע זשמעניעס געלט, דרייט זיך אין אַ וואַקלדיקן ראָד, און צעשיט עס רעכטס און לינקס, אויף אַלע זייטן. ער טרענט אָפּ די שטייפע שטעך פון זיין זיכערער בוזים־באַ־העלטעניש, שלעפּט ארויס נייע קנאַקנדיקע פּאַפּירלאַך, הויבט אויף זיי מיט זיין הייסן שכור'ן אָטעם און צעבלאָזט זיי מיט'ן ווינט. אַ גרויסער עולם האָט זיך ארום אים ארומגעקליבן. אַ

כוואַליענדיקער מענטשן־קנויל האָט זיך אַלע ווײַלע דאָ אויפגעדרייט, דאָ פאַנאַנדערגעגאָסן, אויפכאַפּנדיק די נײַע פליענדיקע פּאַפּירלאַך.

קלים וואַקלט זיך אויף די פיס, הירזשעט מיט אַ פולער האַלז, קייכט, פּרעגלט זיך אין שכור׳ער התפעלות...

רוז

ביי אונז אין שטאָט איז פאַראַן אַ גאָרטן, אַ קליינינקער, אַ באַקוועמלאַכער, אַ מחיה'דיקער; ניט פאַרדרוקט ערגעץ אין טיפן ווינקל, נאָר אין סאַמע צענטער שטאָט.

אַרום און אַרום קאָכט דאָס לעבן. וואַגאָנען־דרעדער סקריען אָן אויפהער; מאַסן מענטשן גיסן זיך כוואַליע אויף כוואַליע, שווענקען זיך איבער, צעפליען זיך, נעמען זיך ווידער צוזאַמען, גאָכאַנאַנד טראַמפּלען פיס, פלעכטן זיך קערפּערס, מישט זיך אוים האַסטיקע באַוועגונג מיט דריבנעם טומל. דאָ, אין גאָרטן, איז שטיל, יום־טוב'דיק, מחיה'דיק, אַ גרינער אָאַזיס אינמיטן דער שטיינערנער מלוכה.

דאָ, אָנגעלעגט אויף הילצערנעם באַנק, ווי מיין טאַטע אויפ'ן פסח'דיקן הסב־בעט, האָב איך ליב זיצן, רוען, פלעכטן זיך אַ קראַנץ פון שטיל־וואַרימע חלומות, באַקוקן מיין אייגענע שטאָט און פרעגלען זיך פון התפעלות.

פון איין זייט דער קאָכיקער טייל שטאָט, שוי־פענסטער מיט געקינצלטע אַנטיקן. ס'קוויקט זיך דאָס אויג מיט זייד, מיט סאַמעט, מיט געצאַצקעטן גאָלד און זילבער־באַפּוצונג. וואַקסענע פרויען־פיגורן מיט געפאַרבטער רויטקייט, מיט אויסגעמאָלטער חנ'עוודיק, מיט אַן אַרויסגעצויגענעם שיק און גלאַנץ, ווינקען פונדערווייטנס, גלעטן, צערטלען, סוד'ען איין, אַז ס'לוינט זיך צו לעבן אויף דער וועלט, אַז ס'איז דאָ נאָך עפּעס פאַראַן, פאַראַן...

הויבט מען אויף די אויגן העכער, ווערט דאָס בליק פאַר־מאַטערט פון די שורות פענסטערלאַך. יעדע פענסטערל מיט זיין אויפשריפט: הענדלער, „בראָקערס", אַדוואָקאַטן, געזעלשאַפטן פון מוטער־הילף, פון קינדער־פאַרזאָרגונג, פון קראַנקן־אונטער־

שטיץ. לייענט מען די גלאנציקע גאָלדענע שורה'לאך, און מען וויגט זיך אליין אין א גאָלדן בעטעלע מיט א חנ'עוודיק לידל אויף שמייכלענדיקע ליפּן...

קוקט מען אין דער צווייטער זייט: שורות בנינים, מירמל־שטיינערנע הויכע זיילן, ברייטע טרעפּ, שטאָלצע געריכטס־הייזער, באַנקען, קלויסטערס, מוזעאומס און ביבליאָטעקן; און אויבן אויף א טורעם שפּיץ, ווי דאָס אויג פון דער וועלט, דער שטאָט־זייגער, רוקט לאַנגזאַם זיינע ווייזערס, ציילט אוים די מינוטן און קלינגט זיי פאַנאַנדער מיט א פרומען, אומעטיקלאַכן ניגון...

דאָ אין פּאַרק זיינען פאַראַן טייבעלאך, צוגעוואוינטע, שטילע, רואיקע. זיי שפּרינגען אַרום אונטער די פים, פּיקן, היפּן, פלאַ־טערן מיט ווייסע פליגעלאך; און ס'לויפן אויך אַרום אינגע־לאך, מאָגערע, דאַרע, דינינקע, מיט קליינע קעסטלאך פאַרוואָרפן אהינטער די פּלייצעס.

— מיסטער, א „שיין". שנעל, גוט, ביליק! אינגאַנצן א ניקל, א ניקעלע.

— גוט, זוניקל, כ'דאַרף טאַקע א „שיין" נויטיק האָבן. מען קען ניט זיין מיט פאַרשטויבטע שיך אין אזא שיינער, ריי־נינקער וועלט. נאָר, דאַכט זיך מיר עס? דיינע הענטלאך זיי־נען שטרויאיק און שוואַך, וועסט קיין ריכטיקן „שיין" ניט קע־נען געבן. ווייז אקאָרשט דיינע „מאָסלס".

דאָס קינד פאַרקאַשערט זיין ברודיקן אַרבל און ציט אויף שטייף־שטייף א דינינקע הענטל. איך טאַפּ אָן און בלייב אומ־צופרידן.

— גיי, גיי. ביסט נאָך צו קליין, די מוסקולן, ווי פעדים־לאך. לויף אהיים, זופּ מילך, עס קאַשע און ברויט מיט פּוטער, א סך אָנגעשמירטע פּוטער אויף א פּעניצל ברויט. דאָס מאַכט פעט און שטאַרק. וועסט אויסוואַקסן, וועסטו צוריקקומען.

דאָס קינד קערט זיך אָפּ דערשראָקן אָן א זיים. אין די אויגן בלישטשען טרערלאך.

באַלד קומט צולויפן א צווייטער. א ברוינער, פאַרגרעב־

טער פּנים, שוואַרצע פּרעכּע אייגלאַך, דער קול גאָר ניט קיין קינדערשער, אַ באַסאָווער, אַ הייזעריקלאַכער.

— מיסטער, אַ „שיין"!

איך פּאַטש אים איבער דער פּלייצע מיט ברייטהאַרציקער פריינדלאַכקייט.

— כ'זע, ביסט אַ כוואַט, אַ יונג מיט ביינער. נו, נעם זיך צו דער אַרבעט. נאָר געדענק, ס'זאָל זיין געטאָן ריכטיק: דריי, שיין, גלאַנציק, שפּיגלדיק. טאָמער, חלילה, אַ פלעקעלע, איז שלעכט. כ'וועל נישט באַצאָלן. ביי מיר, ברודערקע, גייט עס ניט.

דאָס בחור'ל גיט אַ גרינגשעצנדיקן שמייכל. דאָס באַצאָלט ער מיר, הפּנים, דערפאַר, וואָס איך האָב פאַרדעכטיקט זיינע פעאיקייטן און באַליידיקט זיין קונסט. ער טוט זיך אַ שטעל מיט די קני אויף דער ערד, פּאַסט איין מיינע שיך אין די פּו־רעמס פון זיין קעסטעלע און הויבט אָן גענייט און פלינק צו רייבן מיט זיינע שמאַטקעלעס.

די ברוינע אַנטבלויזטע אָרעמס טאַנצן ווי די שדימ'לאַך. ער אַרבעט זייער ערנסט און דאָך האָט ער צייט אַרויפצוקוקן פון אונטן צו מיר אין די אויגן אַריין. איך בין אויפגעלייגט און באַשטים אַריינגיין מיט אים אין אַ געשפּרעך.

— ווי רופט מען דיך, זוניקל?

— טאָני.

— דיין צווייטער נאָמען?

— טשיטשירעלי.

— אַ פיינער נאָמען פאַר אַזאַ אינגל ווי דו. נו „קרעפּס" קענסטו שיסן?

טאָני קוקט אַרויף מיט פרעכע בלישטשענדיקע אייגלאַך און ענטפערט באַליידיקט:

— וואָס דענקסטו, טשאַרלי, כ'בין אַ ניוניקל? וואָס הייסט, כ'קען ניט? כ'שיס אַריין, אַז דער טייוול כאַפּט עס.

— זינגען לידלאַך קענסטו אויך?

— יע, כ'קען.
— זינג־זשע מיר עפּעס, פון פריילאַכקייט װעגן, כ'וויל זען, וואָס דו קענסט.
דאָס אינגל שטוינט פון מיין מאָדנער בקשה. ער איז אין א פארלעגנהייט און ווייס ניט, וואָס צו טאָן. ענדלאך, אפשר דערפאר, וואָס ער קען ניט אָפּזאָגן א „קאָסטאָמער“, הויבט ער אָן אונטערברומען מיט זיין הייזעריקן קול:

Why did I kiss that Girl?
Why, o why, o why

כאַפּ איך אים אונטער.
— גוט, טאָני, אויסגעצייכנט, האָסט מיר אמת'ן פארגע־ניגן פארשאפט. זאָג מיר נאָר, וואו האָסטו עס אלץ גע־לערנט?
— אָט־אָ — טוט ער אזוי א מאך מיט'ן הענטל און א שפּיי אין א זייט — א קונץ א גרויסער! וועלכער „קיד“ קען עס ניט? מען לערנט זיך אוים פון זיך אליין.
— האָסט עלטערן?
— שור, מייק — האקט ער אָפּ און וויל דערפון ניט רעדן.
— דערצייל־זשע מיר, וואָס טוען זיי. זיי ארבעטן?
— יע, זיי ארבעטן. דער טאטע איז א גארבעדזש־מאַן. די מאמע ארבעט עפּעס אויך.
— זאָג דעם אמת, טאָני: אז דער טאטע קומט אהיים, שפּירט זיך פון אים עפּעס? פארשטייסט דאָך, וואָס איך מיין...
— ער שטינקט, פאר'עיפּוש'ט דאָס גאנצע הויז — ווערט ער פּלוצלונג אויפגעלעבט און פארטרייסלט זיין געגרייזלטן קאָפּ.
— נו, טאָנעלע, וועסט אויסוואקסן, וועסטו אויך א גאר־בעדזש־מאַן, ווי דיין טאטע, זיין?
— נאָ־אָ־אָ — פארדרייט ער מיט דער נאָז און ציט אוים מיט זיין איבערגעוואקסענעם קול.
— ווייסט, טאָני? קענסט נאָך אמאָל זיין א גרויסער מאַן, א מיליאָנער צום ביישפּיל. א סך פון אונזערע גדולים זיינען

קלײנערהײט געװען שטיװל־פּוצער און צײטונגס־פאַרקױפער.

— טאַקע? — האַקט ער אָפּ גאַנץ קאַלט און װערט אַנטשװיגן.

— אין „סקול“ גײסטו?

ער שיסט אַרױף מיט זײַנע שװאַרצע ממזר׳ישע אײגלאַך:

— סקול, סקול; װער דאַרף זי די סקול? טשאַרלי, האָסט אפשר אַ סיגאַרעטל? — טוט ער מיט אַמאָל גוט־ברודעריש, קאַלטבלוטיק אַ זאָג אױף מײַן פראַגע.

— אװעק, צוציק אױך מיר אַ רױבערער! גײ בעסער, זופּ אױס אַ פלעשל מילך.

דער חברה־מאַן װערט הפּנים גוט באַלײדיקט. ער פּאַקט גיך אײַן די שמאַכטעלקעס צו זיך אין קעסטל, שטעלט זיך אױף פון די קני, גיט אַ ריב זײַנע הענט, שװאַרץ װי פּאַרעשװעס און שרײַט אױס אױף זײַן הײזעריקן קול:

— פּאַרטיק! גיב אַהער דעם ניקל.

איך באַטראַכט קריטיש די שיך. נישטאָ װאָס צו רעדן: דער יונג איז אַ פײַנער בעל־מלאכה. די שיך גלאַנצן, װי די שפּיגלען. כ׳בין אָבער אין אַזאַ שטימונג, אַז ס׳ע װילט זיך מיר ניט דעם יונג אַזױ גיך אָפּלאָזן. איך טו מיך מיט אים גוטמוטיק אַ רײַץ און איך זאָג:

— הער זיך אײַן, טאַני: כ׳האָב דיך אָפּגענאַרט. געבן דיר ניקלס, װאו װעל איך געמען? כ׳בין אַלײן אַ גרױסער קבצן און װעל ניט באַצאָלן.

— דו װעסט שױן יאָ באַצאָלן — כריפּעט הײזעריק אױס טאַני און זײַן אױסזען איז פון אַ יונגן צערײצטן װעלפּל.

— איך װעל ניט באַצאָלן!

— דו װעסט יאָ באַצאָלן!

ער שטעלט אױף מיר אָן אַ פּאָר שװאַרצע פױסטלאַך. דער ברױנער, פאַרשמוצטער פּנים װערט צעקרימט פון װילדן צאָרן. אַזאַ יונג נפש׳ל און אַזױפיל גאַל און װײטאָק...

—די סצענע הױבט אָן װערן מיאוס. פאַרבײַגײער שטעלן

זיך אָפּ און שטעקן אַריין נייגעריק די אויגן. איך הויב אָן נאָכצולאָזן:

— טאָני, איך האָב געשפּאַסט. כ'וועל באַצאָלן. וויפיל, האָסטו געזאָגט, קומט דיר? א ניקל?

— א ניקל, א ניקל, — כמורעט זיך טאָני און קען זיך ניט אָפּטעמען פון'ם אויפגעפלאַצטן צאָרן.

— גוט, לאָמיר אַט־וואָס טאָן: ביסט דאָך א „ספּאָרט" א אינגל; ניט אַזוי, טאָני? איך האָב אויך ליב א פיינעם שפּיל. נו, גיב איך דיר נישט קיין ניקל, נאָר א דיים. דו הערסט? א גאַנצן דיים... נאָר ניט גלייך אין די הענט אַריין. כ'וועל עס פאַרוואַרפן אין זאַמד, אין גראָז, וואוהין כ'וועל נאָר וועלן. געפינסטו — האָסטו פאַר זיך דעם גאַנצן דיים...

טאָני קווענקלט זיך א ווײַלע. זיין פּנים איז יסורים'דיק־פאַרטראַכט. ער רעכנט עפּעס. ענדלאַך גיט ער א געשריי:

— אָלרייט, טשאַרלי! איך נעם אָן דיין „טשאַלענדזש". כ'בין א „ספּאָרט", נו, שליידער שוין, צום טייוול!

איך נעם אַרויס פון קעשענע א מטבע און שליידער זי אַוועק צו אַלדי שוואַרצע רוחות. כ'פיל, אַז מיין פּנים ברענט בשעת־מעשה, ווי רויטער צונטער.

ביי טאָני'ן רייסט זיך אַרויס א הייזעריקער קוויטש, ווי ביי א קראַנקן הינטל. ער לאָזט זיך אַוועק לויפן. די גראָבע, ניט נאָך דער מאָס נאָך גרויסע שיך רירן קוים אָן די ערד. ער קומט באַלד צולויפן צוריק, א פאַרסאָפּעטער, א צעשוויצטער, א שטראַלנדיקער. אין האַנט האַלט ער דעם געפונענעם דיים.

— „גוד־באַי", טשאַרלי! ביסט א פיינער „ספּאָרט". פון היינט אָן מוזסטו זיין מיין שטענדיקער „קאָסטימער"! געדענק־זשע, טשאַרלי!

ער טוט א מאַך אין מיין זייט מיט א פינגער, רוקט אַרויף כוואַטסקע דאָס קעסטעלע אויף דער פּלייצע און גייט פייפנדיק אַוועק.

איך בלייב א ווײַלע זיצן. כ'ציִ אַרויס פון שאַכטל א סי־

גארעטל, פאררויכער און שטופ דעם בלויען, קרייזלדיקן פאפי־ ראסן־רויך צום קלארינקן הימל ארויף. פון איין זייט, דער קאכינגסטער טייל פון שטאט ; פון דער צווייטער זייט — שורות ווייסע מירמלשטיינערנע בנינים; אונטער די פיס, אויפ'ן גרינעם טעפיך שפאצירן רואיק ארום צוגעוואוינטע שטאט־טייבעלאך. דא אין פארק שפאצירן אויך איינגעלאך, זוניקלאך מיט קעסטעלאך אויף די פלייצעס. מיינע אויגן זשמורען זיך, עס פלעכט זיך געשמאק א קרענצל פון שטיל־ווארימע חלומות. אך, ווי גוט מיר איז ! ווי גוט...

אין שטאָט פּאַרטאָג

אומרואיק שלאָפט די שטאָט. פּאַרפרי כאַפּט זי זיך אויף פון איר אומרואיקן שלומער. איינציקווייז ווערן פאַרלאָשן די געלבלאַכע פלעמלאַך, וואָס האָבן דורך דער נאַכט א קאַמף מיט שאָטנס געפירט. עס שפּראָצט אויף א נייער טאָג. מאַט־פאַרבלייכט זיינען זיינע ערשטע שטראַלן, נאָך איידער זיי האָבן זיך רעכט פאַנאַנדערגעגליט. ס'דוכט זיך, ניט קיין נייער טאָג איז געבוירן געוואָרן, נאָר דער נעכטיקער פאַרמאַטערטער האָט זיך אָפּגערוט און איז צוריקגעקומען. פונ'ם מילכיקן נעפּל, ווי פון א שוימיקן ים־הייטל, שפּרינגען אַרויס סילועטן: געטור־רעמטע בנינים־שפּיצן, הענגענדיקע בריקן, גאַסן קעסטלדיקע, פאַבריק־קוימענס מיט געקרייזלטע לאָקנס רויך, קאַלירטע פינטע־לאַך וואַגאָנען. ס'איז שאַ־שטיל. אָן איינגעטיעטע שווערע שטילקייט, וואָס נורעט זיך צו דער שאָטנקייט פון דער גאַס, הערט זיך צו מיט טויזנט אויערן, וואַרט אויס איר געלעגנהייט, אויפצורייסן מיט א פּלוצלומדיקן קנאַל, צעפּיצלען זיך אויף שטיקער, אַרויסשפּרינגען...

מיטאַמאָל הויבט זיך אָן צו באַוועגן. א דריבנער גערויש שיט זיך, שטאַרקט זיך און הילכט אָפּ פונדערוויטנס. פון די באַ־שאָטנטע, ביז איצט דרעמלענדיקע הויז־קאָרידאָרן לאָזט זיך אַרויס מיט א טופּעריי פון פיס, מיט א טרוקענעם הוסט פון פאַרשלאָ־פענע העלזער, די ערשטע מחנה „בויער“, דאָס גרויסע פאָלק פון די „אומגעוואַשענע“.

האַמעטנע שווערע שיך, אומגעלומפּערטע אַרבעטס־קאָסטיו־מען, אָנגעצויגן ווי מאַנטלען אויף שטיינערנע פיגורן; ערנסטע פּנים'ער, באַרשטיק מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם בליק פון די

אויגן. אויפ'ן אקסל א לאַם, אַ פּיקע, אַ גראָב־אייזן, איינגעוויקלט אין גראָבן לייוונטענעם פאַרטוך. אין האַנט בראַזגעט דער בלעכענער קעסל, וואו ס'ליגט איינגעפּאַקט דאָס עסן פאַר דער גרויסער שעה פון אָפּרו.

עס טראַמפּלען טויזנטער פיס, שווער, לאַנגזאַם, אויפוועקנדיק די שטיינערנע טראָטואַרן. עס ציט זיך די אומענדלאַכע קייט. אַזוי האָט זיך די קייט געצויגן אין מצרים, אויפפלעכטנדיק צוזאַמען די „ליים־און־ציגל־בויער“, אַזוי — אומעטום. אַזוי וועט זי זיך ציען, שלענגלען און פלעכטן אַלעמאָל, ביז וואַנען דער שטורם פון באַשאַפונג וועט איבעראַנדערשן די וועלט, באַנייען זי און מיט אַ שפּאַרנדיקן אימפּעט אַוועקטראָגן ווייטער און ווייטער...

די ערשטע מחנה גייט פאַרביי, צעקריכט זיך, ווי מוטנער שוים פון איינגעשטילטע כוואַליעס. פון צייט צו צייט שפּרינגט נאָך אַרויס אַ פאַרשפּעטיקטער, בורטשענדיק ברוגז'לאַך אונטער דער נאָז, שלינגענדיק טריט מיט האַמעטנעם אימפּעט. די אָנגעשטרענגטע שטילקייט ציילט די מינוטן, ביז וואַנען די ערשטע מחנה אַרויסגעלאָזענע וועט זיך צעשפּרייטן אין אַלע זייטן. זי וועט צולייגן איר פלייצע צו דער טאַטשקע און מיט די הענט פאַנאַנדערשווינגען דעם אייזערנעם געצייג. זיי וועלן האַקן שטיין, פאַנאַנדערבלאָזן גאַזן, אויסהענגען עלעקטרישע דראָטן, אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפן און וואַגאָנען. ס'גייט אַריבער אַ ביסל צייט; פון דער שטילקייט שפּרינגט אַרויס דער ערשטער הורזשענדיקער פייפל. אים כאַפּט אונטער אַ צווייטער און אַ דריטער; די לופט ווערט צעריסן פון אומרואיקע סיגנאַלן.

עס ליאַרעמט די שטאָט, צעגיסט זיך אויף פאַרשידענערליי אופנים. עס פלעכטן זיך איבער די קולות, אַנדערע באַסאָווע, הייזעריקלאַכע מיט אַ בייזן דראָענדיקן אַרויסרוף, אַנדערע הילביקע, קוויטשענדיקע, ווי דאָס בילן פון יונגע, העזה'דיקע הינטלאַך, נאָך אַנדערע יאָמערנדיקע און בעטנדיקע, ווי אַלטע קלאָג־

מוטערם. ס'מישט זיך אריין דער קלונג פון פאַנאַנדערגעוויגטע גלאָקן, ווי אַנזאָגנדיק אַ סכנה. ס'דאַכט זיך, אַז ס'איז ניט בלויז אַ סיגנאַל פון איין אויפגעוואַכטער שטאָט, נאָר אַז שטעט, דערפער, וועלטן גאַנצע, ארומכאַפּנדיק דעם ערדענעם פּאַס, גוואַל־דעווען, שטורמען, רייסן פון שלאָף אויף דעם יונגן, דעם גע־זונטן, גלייך אויפשטיין, צולייגן אַ האַנט צו דער ארבעט און זען איבעראַנדערשן דעם אויסזען פון דער וועלט...

עס טשובעט זיך פאַנאַנדער דער „צעקנייטשטער קראַגן", דער שניידער, שוסטער, שמיד, מויערער און נאָך. ער האָט אריינגעכאַפּט שלאָפן מיט אַ האַלבער שעה מער, איידער זיין חבר, דער „שווארצער ארבעטער". איצט איז זיין צייט שוין אויך געקומען.

אויף די גאַסן קומט איצט פאָר ניט קיין געוויינלאַכע באַ־וועגונג פון גרויסע מאַסן מענטשן, נאָר אַן אמת'ע שטאָט־פּאַרפּלייצונג. האָט דער נאַטירלאַכער דראַנג פונ'ם לעבעדיקן מענטשן צו בויען און שאַפן ארויסגעשמיסן אויף דער גאַס אָט די ברויזנדיקע מענטשן־שטראָמען? האָט די צוואַנג־בייטש זיי מיט גוואַלט פון די הייזער געטריבן? אפשר ביידע זאַכן צוזאַמענגענומען? אין אימפּעט פרעגט מען ניט, אין אימ־פּעט ענטפערט מען ניט; אין אימפּעט טראָגט זיך דאָס גאַ־סיקע לעבן און שטראָמט זיין האַסטיקן וועג.

שווארצע באַוועגלאַכע טראָטוארן. עס שפּאַנען פיס אויף פיס. עס שטופּט זיך אַפּ קערפּער פון קערפּער. עס שפּרייטן זיך פלינגלדיק אוים די עלנבויגנס און שטופּן דורך אַ וועג. עס שטורכען הענט, אַקסלען, גלידער פון איין גרויסן פאַנאַנדער־געוואַקסענעם גוף. עס הערט זיך אַ טומל, אָבער ניט קיין קול פון הילכנדיקע טריט; גיכער איז עס אַן אָפּקלאַנג, שטייף, ערנסט, דראָענדיק, די שפּראַך פון ביין און פון אָדערן: „מיר גייען, מיר גייען"...

פנים'ער — אויפ'ן ערשטע קוק אלע דיזעלביקע: בלאסלאכע, נאך אביסל פארשלאפענע, א שווארצער האלב־רייף אונטערגע־פירט אונטער פארשטיינערטע אויגן. די באוועגונגען — שטייפע, מעכאנישע און אלע אלצאיינע. ביסלאכווייז ווערט אבער דאס אלגעמיינע בילד צעריסן אויף איינציקע שטיקער. דער גרויער פנים פונ'ם רירנדיקן עולם צינדט זיך אן, ווערט באלויכטן מיט'ן גלאנץ פון אויפגייענדיקע אויגן:

ס'גייען די עלטערע. קאלטע טריט, בלאסע אויגן, לוסט־לאזע באוועגונגען, שלעפן זיך, ווי קעמלען אין זאמד, מיט'ן אנגעלאדענעם שווערן רוקן. שפרייזן לעבעדיקע מענטשן און אונטער זייערע פיס: „קניק־קנאק, קניק־קנאק", ניט קיין גע־וויין, ניט קיין קרעכץ, נאר א קנאקעריי פון טרוקענע, הארט־הארטע ביינער. זיי רעדן:

— וואס געווען, דאס וועט זיין. טאג נאך טאג, יאר נאך יאר, דאסזעלבע, דאסזעלבע. לייד, שוויג, טראג דעם יאך, הארעווע, מאטער זיך!..

ס'גיסט זיך אריין אן אנדער שטראם. צעפלאמטע אויגן, בייזע טריט, נערווועזע באוועגונגען, אינוועניק שווענקט זיך דאס ביטערע גאל, סמאליעט זיך דער פארשטיקטער צארן, ס'רעדן די אויגן, די טריט שיסן מיט גיפטיקן ווייטאק.

— מ'האט אונז אויפגעוועקט באגינען, אוועקגעשלעפט פון געשמאקן חלומ'דיקן שלאף. צוליב וואס און וואוהין? דארטן זיינען פארריגלטע טירן, פענסטער מיט גראטעס, רויך, שטויב, טומל און ליארעם. אונזער ווילן ווערט אין שטויב צעמאלן, אונזער לעבן ווערט אין פעך צערונען. מיר אליין, מיט אונזער מארך און בלוט, ווערן פון צארן צעברענט. מיר גיבן זיך אונטער קעגן די ניט־גלייכע כחות, נאר אינוועניק אין הארצן האסן מיר, האסן, האסן!...

ווינט זיך א דריטע כוואליע, קלאפן פיס פריילאך צום טאקט:

— איינס־צוויי, איינס־צוויי־דריי. נאָך אַלעמען, דער טאָג אַרבעט איז די וויכטיקסטע זאַך. אַ וועלט אָן אַרבעט איז אַ טויטע וועלט. לייענסט אַ בוך, שפּאַצירסט אין פּאַרקן, קוויקסט זיך מיט ווייַן און געזאַנג, אַלע דיינע פאַרגעניגנס זייַנען פּרוכטן פון אַרבעט. ניט איך, דו און יענער ציען זיך באַזונדער אין די פרימאָרגן־שעה'ן אויף פאַרשידענע וועגן, נאָר אַלע צוזאַמען אויף איין וועג. מיר וועלן נאָר די שאַנד פון אַרבעט אָרונ־טערנעמען, אירע צוואַנג־תכריכים מיט גוואַלט אַרונטעררייסן. ניט מיט פּייפלאַך און טרובעס וועט מען דעם אָנהויב פון'ם אַר־בעטס־טאָג אָנזאָגן, נאָר מיט טראָמפּייטן, מוזיק און טענץ...

עס פּאַקן זיך אָן די טראַמווייען, טראָגן אַוועק דעם אוצר פון מענטשלאַכער ענערגיע אין אַלע ווינקעלאַך פון שטאָט. ווי זיי פליען! קאַלירטע, קעסטלדיקע, צוגעטשעפּעט צו דער שטאָ־לענער שטענגע. דורך די פענסטערלאַך זעט אויס דער אָנגע־פּאַקטער עולם, ווי גרויע פיש אין אייזערנע נעצן. די קעסט־לאַך טראָגן זיך, פליען, ווערן פאַרוואַנדלט אין קליינע פאַרביקע פינטעלאַך. באַלד ווערן זיי אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון אויג.

פון דעם גרויסן שטראָם פאַרבלייבן איינציקע קליינע שטרעמעלאַך: דערשראָקן, ווי אַ האָז טראָגט זיך דער פאַר־שפּעטיקטער. פאַרגליווערט־ערנסט באַקוקט זייַן סחורה דער גאַסן־הענדלער: שלייקעס, בענדלאַך, פּאַטשערקעס, נאָז־טיכלאַך און וואָס ניט. פרעך קוקט אַרויס פון גאַס־ווינקל דער פרייער שטאָטיקער „פויגל". אין וועגל מיט זייַן שפּיל־קאַסטן טרייבט זיך אַרום דער אָנפּיסיקער בעטלער און שפּילט אויס זייַן פאַר־לאָרן ליד. עס קומט שוין אַרויס אויף דער גאַס דער „ווייסער קראַגן". אויסגעפּוצט, אָפּגעראַזירט, אָנגעהויכט מיט שמעקע־דיקע פּאַרפומען, איילט ער זיך מיט אַ באַזונדער מין שטאָלץ צו זיך אין אָפיס אַריין. די שטאָט קריגט צוריק איר געוויינלאַכן טאָגיקן אויסזען. נאָר אָט קומט אַרויס פון אַ פאַרשעמטער גאַס אַ כאַפּטע יונגע קינדערלאַך, מיט אַ פויגלדיקן געאייל פון

פלינקע פיסלאך, מיט אן ערנסטן קוק פון פאר׳חלומ׳טע אויגן לאָזן זיי זיך לויפן נאָכ׳ן טומל אין גאס אריין.

— וואוהין, קינדער? איר אויך? אהין, צו די גרויסע, אין הור־הא, אין געפילדער? אזוי פרי, אזוי שנעל? איר אויך? איר אויך?...

שטאָט־חיות

1.

די פליג.

אָנקוקן די פליג איז לייכטער ווי אומעטום פון א סקווער אין מיטן שטאָט. יעדער סקווער פארמאָגט געוויינלאך א קליינעם פארק, וואָס זעט אויס ווי א גרינער באַלעמער, ארום וועלכן עס דרייט זיך הקפות דאָס ארומיקע שווינדלענדיקע, גרויס־שטאָטיקע לעבן. אויסגעזוכט אזא פארק, געזעצט זיך אויף א באנק, געווענדט די אויגן אין איין ריכטונג — איר וועט מסתמא דערזען:

הויכע, שמאָלע „הימלקראצערס", וואָס זעען אויס פון ווייטן, ווי אויסגעצאצקעט פון ריזיקע שטיקער קארדאָן־פאפיר מיט אויסגעשניטענע רייען פענסטערלאך. בייטאָג צינדן זיך די שויבן אָן און טוקן זיך אין פייערדיקן גאָלד פון אנטקעגנ־דיקע זון־שטראלן. עס מישן זיך צוזאמען זון־גאָלד מיט'ן גאָלד פון געפוצטע שויבן־אויפשריפטן. אָן א צאָל שויבן, הונדער־טער, טויזנטער. ווער האָט זיי געגלאָזט און געשייערט, גע־וואשן און געלאָזט גלאנצן און פינקלען? פארשטייט זיך: די שטאָטיקע פליג.

זיצסט אין פארק אויפ'ן בענקל און ציילסט די שורות פענסטער, ווי ציילן פון א געדרוקט בלאט; זעסט ווי עס שאָטנט זיך הינטער א פענסטער א מיניאטורן מענטשן־פנים, ער רייבט איין און ווישט די שויב מיט עפעס א בארשט. אָט עפנט זיך א פענסטער פאנאנדער. פון אונטן קוקסטו, ווי

פונ'ם אָפּענעם חלל קריכט אַרוים אַ מענטשל, ווי אַ גרויסע שוואַרצע פליג. ער דראַפּעט זיך, טשעפּעט איין דינע קלע־פּעדיקע פינגער צווישן ציגל, געזימסן, שטיקלאַך געהילץ. וואו ס'איז נאָר עפּעס אַן אָנהאַלט פאַראַן. ער שטעלט פאַרזיכטיק שפּיץ פיסלאַך אויף אַ שמאָלינקן לייסט, רירט זיך, באַוועגט זיך, טוט די גאַנצע צייט זיין אַרבעט.

אונטן איז אַ גאַסן־געררודער : מענטשן־שטראָמען שווענקען זיך איבער, טראַמווייען שנירלען זיך, אַטאָמאָבילן יאָגן מיט אַ הורזשעריי און פייף. אויבן שטייט ער, דער קאַלטער, דער אַנגעטשעפּעטער, דער רואיקער, די שטאַטיקע פליג.

איין האַנט האַלט איין אין גלייכגעוויכט דעם הענגענדיקן קערפּער. די צווייטע האַנט שייערט און קראַצט אַראָפּ דעם שטויב פון גאָלד־באַפּוצטע פענסטערלאַך, פּוצט זיי, זשפּיגלט זיי מיט בערשטלאַך, מיט נאָך אַנדערע כלי־מכשירים פון זיין פּראָ־פעסיע. ס'אַרבעט קאַלט און פאַרזיכטיק, פאַרדינגט זיין ברויט, זיין קראַגן, זיין מואַווי־בילעט, דער שטאַטיקער פענסטער־פּו־צער, די פליג, די פליג...

2

די וואַנץ.

טראַסקעט די אונטערערדישע באַן, אַטעמט מיט אייזער־נעם גרילצענדיקן אימפּעט, כאַפּט אָפּ און פאַרשלינגט דעם שוואַרצן מהלך, וועלנדיק וואָס גיכער דורכלויפן דורך דער טונקעלער געפּאַר און צוקומען צו ליכט־באַהאַנגענע פּלאַטפאָר־מעס. עס שטיקט זיך ענגער צונויף דער ערנסטער, אין־זיך־פאַר־טיפטער עולם. אַזוי, הפּנים, האָבן געפילט אונזערע פאַר־צייטיקע אורעלטערן, ווען אין אונטערערדישע היילן, אין נעכט פון שרעק און פון חשך, האָבן זיי זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, געשלונגען די ווילדע נאַכט־קולות און דערוואַרט דאָס ליכט פון קומענדיקן טאָג מיט גרוילאַכע אַנגסטן.

בלויז די, וואָס האָבן דעם גליק געהאַט פאַרכאַפּן פאַר זיך
א זיץ־פּלאַץ, קענען זיך פאַרגינען אַריינקוקן אין א פענסטער,
צוליגן דעם שטערן צום קאַלטן שויב און מעסטן דעם פּלי
פון וואַגאָנען. זיי וועלן אויפכאַפּן אין דער שוואַרצער פּוסט־
קייט דעם אויפבליץ פון עלעקטרישע גלי־פּייערלאַך, וואָס שפּרינ־
גען פּלוצלונג פון חשך אַרויס, באַגריסן שנעל מיט א געאיילטן
וואונק און ווערן גלייך שפּורלאָז פאַרטרונקען. זיי וועלן אויך
צייטנווייז באַמערקן פון פענסטער א לעבעדיק וועזן, דעם, וואָס
נעמט אויפזיכט אויף רעלסן אין אונטערערדישע טונעלן: די
מענטשלאַכע וואַנץ...

די וואַנץ איז פאַרזיכטיק. איר גהער איז אָנגעשטרענגט,
איר אויג איז געניט שאַרף צו באַמערקן יעדע זאַך, וואָס קומט
פּלוצלונג אָן אויף איר וועג. דערשפּירט דער רעלסן־אויפזעער, אז
א „טריין" קומט אָן, כאַפּט ער זיך שנעל אַריין אין א לאָך
פון וואַנט, ספּעציעל געמאַכט פאַר זיין געברויך. דאָרטן אין
ענגן וואַנט־שפּעלטל שטייט ער א פאַררוקטער, א פינסטערער, א
פאַרגליווערטער; וואַרט געדולדיק, ביז וואַגאָנען די שווערע פלי־
ענדיקע משא וועט זיך פאַרביי אים דורכטראָגן. קוקט מיט קאַלטע
פינסטערע אויגן אויף די, וועלכע זיצן אינווייניק און טור־
ליען זיך נייגעריק צום שויבן־גלאָז; וועזנס ווייטע און פרעמ־
דע, גאָר ניט פון זיין מין, דעם מין פון וואַנצן...

די וואַגאָנעס טראָגן זיך אוועק ווייטער. ס'בליצן אויף און
פאַרשווינדן שורות עלעקטרישע פייערן. ס'שווימען אַרויס און
פאַרשווימען מיט מענטשן באַגאָסענע פּלאַטפאָרמעס. ס'בלייבט
אָבער שטיין פאַר די אויגן און פאַרשווינדט ניט דאָס געשטאַלט
פון'ם פינסטערן, פאַררוקטן רעלסן־היטער: די שטאָטיקע
וואַנץ, די וואַנץ...

3

די אַפּע.

שטאָט־גאַסן קאָכיקע, מענטשן פאַרפּוצטע. ליכט און שיינ־
קייט, רייכקייט און עלעגאַנץ. א קונציקער אויסשטעל פון

אַלערליי סחורות; אַ וואונדער פּאַר׳ן אויג, אַ פרייד פאַר דער נשמה.

שפּאַרט זיך צו נאָענט שויב צו שויב. בליאַסקעט דער שפּיגל־גלאָז, חנ׳דלען זיך אינעווייניק אָנגעזאַמלטע אוצרות: קעסטלאַך קאָנפעקטן, ציגאַר־פּעקלאַך, פיינע ציבּיקלאַך, זיידנס, גאָלד, פייערדיקע שטיינער. בלאָנדזשעט אום ס׳אויג, ווערט פאַר־גאַפט און פאַרציטערט; טונקט עס זיך אין אַ געוועב פון ליניען, אין אַ געמיש פון פאַרבן.

ווערט דער בליק זשעדנער, רוקט מען זיך צו אַלץ נעענטער. איילט מען פון שויב צו שויב, פון איין סחורה־אויסשטעלונג צו דער צווייטער, ביז מען שטויסט זיך אָן אויף דער שטאָטיקער אַפּע...

זיצט די אַפּע אינוועניק, שטייט פון דער אַנדער זייט אַ נייגעריקער עולם מענטשן. איז די אַפּע צעשרויפט און צע־שראָקן. טרייסלען זיך אירע הענט, ציטערן אירע פיס, שמייכ־לען צעקראָכן־וויינענדיק אירע ליפּן. איז זי טויט־ערנסט. קרימט זי זיך, ברעכט זיך, טוט איבער נאָכאַמאָל און איבער־אַמאָל אירע העויות און קונצן.

פאַרקויפט מען אין געשעפט מאַשינעם — זיצט אַ „זי"־אַפּע לעבן אַ מאַשין; שרויפט אָפּ טיילן און פאַרשרויפט, ציט אריין פאָדים און שלעפּט אַרויס, שטעפּט צו און צערייסט, נייט און צעטרענט. פאַרקויפט מען בלייפעדערס — זיצט אַן „ער"־אַפּע, האַלט אַ בלייפעדער אין האַנט; שרייבט און מעקט, קינצלט און קריצט, הייבט אויף דעם געפאַרבטן שטעקעלע און לאָזט אים אַרונטער. אַלץ ווערט געטאָן לאַנגזאַם, געלאַסן און אויס־גערעכנט, ווי עס באַדאַרף אַרבעטן אַן אמת׳ע געלערנטע אַפּע...

שטאָט־גאַסן קאָכיקע, פענסטער פאַרפּוצטע. ליכט און שיינקייט, רייכקייט און עלעגאַנץ. הינטער אַ שפּיגל־שויב זיצט אַ מאַן, קליגלט זיך, פלייסט זיך, באַווייזט קונצן, רימט סחורות, ס׳אַרבעט, פאַרדינט איר ברויט און קראַגן, איר מואווי־בילעט די שטאָטיקע אַפּע, די אַפּע...

4

די ציגעלאַך.

איז די שטאָט אַ פאַרזאָרגטע מאַמע פאַר אַלע אירע קינ־דער. האָט זי אַ פאַרטוך אויסגעשפּרייט און אַלעמען, קליין און גרויס, אונטער איר שוץ גענומען. האָט זי פאַר די גערא־טענע קינדער פּאַלאַצן אויפגעבויט, פאַר די שלי'מזל'ס — היי־זער־קאַסטנס. פאַר די געהאָרכזאַמע — פאַבריקן און ווערק־שטאַטן, פאַר די העזה'ניקעס — געריכטן און תּפיסות. פאַר די איידעלינקע — האָטעלן און שאַנטאַנען, פאַר די פאַרשטוי־סענע — האַרטע בענקלאַך, און פאַר אירע אונטערוואַקסנדיקע פּיצלאַך, זיי זאָלן גוט און פרום זיין, אויסוואַקסן סטאַטיקעס און דער מאַמען פאָלגן, האָט זי שול־בנינים אין אַלע ווינקעלאַך צעשטעלט.

קומט דער פרימאָרגן, לויפן קינדערלאַך אין שול אַריין. קלייבן זיי זיך צונויף אויף די שול־הויפן, חבר'ן זיך, קריגן זיך, שרייען איבער איינער דעם צווייטן. האַנדלען זיי מיט באַפּלעקטע מאַרקעס, ניס, גלעזערנע קייקלאַך און געפאַרבטע שטיקלאַך פּאַפּירן. ווערן די קינדער אויפגערעגט, ווערן די אייגלאַך צעגליט, צינדן זיך אָן די שפּיץ באַקן. קלינגט מיט־אַמאָל פון שול־בנין אַ גלעקל, וואַרפט מען אַלץ אַוועק. מען שטעלט זיך אויס אין רייען און מען מאַרשירט אַוועק דורך טונקעלע קאָרידאָרן.

זיינען די שול־הייזער צעטיילט אין קעמערלאַך. אַ צעטל אויפ'ן טיר פון יעדן קעמערל. זיינען די קעמערלאַך צעווירעט אין ציילן. די ציילן אין בענקלאַך. ווייס יעדעס ציגעלע זיין קעמערל, זיין צייל, זיין בענקל. איילט עס זיך וואָס גיכער פאַרכאַפּן זיין פּלאַץ, צעפרידנשטעלן זיין אויפפּאַסער, זיין פּאַס־טוך...

לערנען שטאָטיקע קינדער שעה'ן נאָכאַנאַנד. אַז זיי וועלן אויפוואַקסן, וועלן זיי וויסן, ווי צו ציילן געלט, לייענען שילדן,

שטיין אין ריי און ניט אוועקבלאָנדזשען פון דער סטאַדע. זאָגט דער פאַסטוך „מע", ענטפערן אַלע ציגעלאַך „מע"; זאָגט ער „בע", מוזן זיי אויך זאָגן „בע". קלינגט ווייטער דאָס גלעקל, שפּרינגען אויף די ציגעלאַך פון אָרט און צעלויפן זיך מיט קוויטשעריי און געפּילדער אין אַלע זייטן.

שטייט דער אָרדנונגס־היטער. לעבן אים א רויט־שרייענ־דיקע שילד: „שול־גאַס! היט זיך!" שיטן זיך פאַרביי אים כאַליאַסטרעס קינדערלאַך. פליט מען אהיים, אויפגערעגטע, צעהיצטע, צעטומלטע, אונטערלענען דאָס האַרץ, אָפּכאַפּן דעם אָטעם; כדי באַלד ווייטער צו לויפן אין שול, לערנען זיך זיין גוט און פרום; פאָלגן וואָס מען הייסט. ענטפערן „מע", ווען מען פרעגט „מע" און „בע", ווען מען הייסט „בע". עס טראָגן זיך אהיים די שטאָטיקע ציגעלאַך...

5

דער טכויר.

שפּאַצירט א מענטש איבער די גאַסן פון שטאָט, איז אים גוט און וואויל, איז ביי אים דאָס היטל פאַרדרייט אָן א זייט, די קליידער צעשפּיליעט נאַכלעסיק. וואַרטשעט ער גוטמוטיק, וואָס אויפ'ן זינען קומט אַרויף, גייט רעכטס, ווען ער דאַרף גיין לינקס; לינקס — ווען ער באַדאַרף רעכטס; האַטשקעט ער זיך איבער פון זייט אויף זייט, וואַקלט זיך אויף די פיס און טראָגט דעם קאָפּ, ווי א לייכט פעדערל.

וויל ער זיך דערמאָנען, ווער ער איז, און קען ניט. איז אים איצט אַלץ איינס. די שטאָט אַרום אים דרייט זיך רעדל־דיק און ער אַליין האָטשקעט זיך אויף א פרייליכער הו־ליאַנקע.

טרעפט ער אויפ'ן וועג א סלופּ אָדער א גאַסן־פּאָנאַר, שפּאַרט ער זיך צו. ווילט זיך אים אָפּשטעלן פאַרבייגייער,

אַרומנעמען זיך גוט־ברודעריש, טשמאָקען אין די ליפּן, ווייגען, לאַכן, האָפּקען, שפּרינגען; אויסדערציילן אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אויפ'ן האַרצן מיט די קלענסטע פּיטשעווקעס.

פאַרשווינדלט אים מיטאַמאָל אין קאָפּ, ברעכן זיך אונטער די פיס, פאַרגיסט אים אַ ביטערע כוואַליע פון איבלקייט און גאַל. שטעקט ער אַרויס די צונג, פאַרכליניעט זיך מיט זיין שמוץ און פאַלט אַנידער צום ברוק אין זיין אייגענעם רינשטאָק.

וואַלגערט ער זיך אויף דער ערד, טונקט זיך אין גאַל, וויקט זיך אין זיין אייגענעם מייקאַכץ. הייבט ער זיך אויף און פאַלט, זעצט זיך און ציט זיך אויס ווידער. גייען מענטשן פאַרביי, פאַרקרימען די נאָז, שטיקן זיך מיט עקל, שפּייען אויס און שפּאַצירן אַוועק ווייטער.

האָט די שטאָט אַ וואַכזאַם אויג. באַמערקט דעם טכויר אַן אָרדנונג־היטער. קומט אַ וואָגן מיט גלעקל־געקלאַנג צע־פליען. פּאַקט מען אַהין דעם טכויר אַריין. שלעפּט מען אים פאַר די הענט און פיס פון זיין אייגענער בלאָטע. ער ווערט זיך דורכשלאָפן און דערמאָנען ווער ער איז: אַן אַרבעטער, וועל־כער האָט זיינע שבירות צעטרענצלט אין שיינק, אָדער אַ היימ־לאָזער שלעפּער. אַ פאַרבענקטע נשמה אָדער אַ צערייצטער גזלן. אַן אַלטער באַזויפענער שיכור אָדער אַ יונגער נאַשער, אַ בכבוד'יקער מאַן אָדער אַ ווילדער שנאָרער. טראָגט זיך איבער שטאָט־גאַסן דער וואָגן, שלעפּט אַוועק זיין שמוציקן קרבן: דעם טכויר, דעם שטאָטיקן טכויר...

6

דער וואָלף.

אַ טומל אין גאַס. אין אַ רעדל שטייט אַ נייגעריקער עולם. אַ פּאָליסמאַן האַלט פאַר די הענט אַ געפאַנגענעם נפש. דאָס מענטשל איז אויפגערעגט, צעפּאַטלט און צעשראָקן; ס'פּאַסט זיך אָבער מוט, קוקט כלומר'שט גלייכגילטיק אַראָפּ

צו זיך אונטער די פיס, מיידט מיט א כיון אויס די נייגעריקע אויגן פון דעם ארומגעקליבענעם עולם.

דער פאליסמאן פרואווט זיך צעטרייבן דעם „מאב". ער בורטשעט ברוגז'לאך מיט א באסאוון אונטער־טאן, פארלייגט די הענט אויף זיין „דובינקע". דאס געזאמל קלעפט זיך אבער, ווי זלידנע פליגן; איבערהויפט די קינדערלאך. זיי שטייען מיט אויפגעריסענע מיילכלאך, מיט ברייט־צעעפנטע הייסע אויגן. קיינער וויל בשום אופן ניט אפטרעטן. ..

נאר אט לויפט אן מיט העזה'דיקער קלינגעריי דער פאליציי־אישער פאטרול־וואגן. דער עולם צעטיילט זיך אויף דער העלפט און מאכט ווארע. דער פארברעכער מיט אונטערפירער ביי די הענט, רוקט זיך צו לאנגזאם, הייבט אן קלעטערן אויף די טרעפ פון פירקאנטיקן שטייג־וואגן.

איין רגע שטעלט זיך דאס נפש אפ אויף א טרעפ, גיט א ווארף א מין „זיי־געזונט" בליק צום ארומיקן עולם. ער איז בלומר'שט גלייכגילטיק, רוקט זיך מיט א פוילן טראט און וויל זיך צו קיינעם ניט לאזן דערקענען. נאר דאס אויג איז פינסטער, דער פנים אנגעכמורעט, די ליפן פארביסן, די האר צעפאטלט. דער עולם אטעמט אפ לייכטער, ווען דער מענטש קריכט ענדלאך אריין אין זיין פארשפארטן שטייג...

מיט העזה'דיקער קלינגעריי טראגט זיך אוועק דער פאלי־צייאישער פאטרול־וואגן. אין שטייג זיצט דער געפאנגענער, ארום אים זיינע היטער. ווער איז ער? אן איבער־געזויפטער שיכור, א ווילדער „טרעמפ", א קישעניק, א גאסן־פרוי, א גארגל־שניידער, א געזעץ־ברעכער, אן ארדנונגס־שטערער? אלע טראגן זיך אהין, צום גרעסערן שטייג, א הינטער שלאס און ריגל און אייזערנעם צאם. דארט — זיצן איינגעשפארט, ביילן פויסטן, סקריען ציינער און בליצן אויגן מיט גרינעם שנאה'דיקן ליכט, מ'פירט דעם שטאטיקן געפאנגענעם, דעם פינסטערן פארברעכער, דעם וואלף...

7

דער חזיר.

אָרימע גאַסן פֿאַרטאָג. די אָנגעכמורעטע, פֿאַרשלאָפֿענע „טענעמענט״־בנינים שטייען שוין פֿאַרפּוצטע: צוויי קאַנען לעבן יעדן אַריינגאַנג. אַמאָל הענגט נאָך אויף אַ „סטופּ״־פּאַרענצע אַן אָנגעשטאָפּט שמוץ־זעקל אַלס אַ צוגאָב. פֿון צייט צו צייט כאַפּט זיך אַרויס אַ בריה אַ בעל־הבית׳טע, פּראַלט אויף אַ דעקל פֿון קאַן און שטאָפּט אָן נייע אָפּפֿאַל־פּעקלאַך. דער צעפּוילטער ריח שנײַדט זיך שאַרף אַריין אין דער אָפּגעפּרישטער לופֿט פֿון פֿרימאָרגן, פֿאַר׳סמט זי און קערט דאָס גאַל צום איבל און ברעכן.

פּלוצלונג צעקייקלט זיך איבער די גאַסן פֿון שטאָט, ווי אַ געשריי פֿון שטיינער, אַ גערויש פֿון שווערע אָנקומענדיקע רעדער. אַ וואָגן שטעלט זיך אָפּ לעבן יעדן הויז. עס קריכט אַרויס אַ מאַן, כאַפּט די קאַנען און פּעקלט זיי מיט פֿלינקייט און בריה׳שאַפֿט צו זיך אין וואָגן אַריין. עס האָגלט מיט אָפּפֿאַל — שטיקער פֿון פֿלייש, פֿיש, געגריזשעטע ביינער, סאַרדין־קעסטלאַך, גע׳פּגר׳טע קעץ, אַש, זאַמד און וואָס ניט. אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, כאַפּט זיך דער מאַן צוּיק אַרויף אויף דער קעלניע, אַ שמיץ די פֿערדלאַך און „היידאַ״ ווייטער צו אַנדערע קאַנען.

דער וואָגן טראָגט זיך ווייטער. אַ גע׳פּגר׳טער שטינקריח גייט נאָך און באַגלייט דעם וואָגן מיט זיין משא. דורכגייער פֿאַרשטאָפּן די נעזער, רויטלען זיך פֿון שאַנד און ווייסן ניט וואו אַהין צו טאָן זיך פֿון עקל און פֿאַרצווייפֿלונג. דער מאַן אויף דער קעלניע זיצט זיך קאַלט און אויפֿגעלעגט. עס גלאַנצט שפּיגלדיק זיין אויסגעשמירטער פּעטער פּנים. ער פֿאַרריכט די וואָנצעס און פֿייפֿט אויס אַ ליד פֿון צווישן די ציינער.

ער אַרבעט פֿון באַגינען, קלייבט צונויף דעם אָפּפֿאַל פֿון

שטאָט, פאַרדינט זיין ברויט און פּוטער, זיין ווייסן קראַגן און טואַווי־בילעט, דער שמוץ־ראַמער, דער שטאָטיקער חזיר...

8

די קעץ.

אין דער וואָכעדיקער שטאָט געפינען זיך יום־טוב'דיקע מענטשן. קלערט דער עולם פון ברויט, טראַכטן זיי וועגן דער נשמה; זוכט ער פאַרגעניגנס, קומען זיי אים ראַטעווען פון זינד; קוקט ער אויף דער ערד, גלאָצן זיי די אויגן צום הימל. גייען זיי אַרום מחנות'ווייז איבער די גאַסן פון שטאָט, שטעלן זיך אַוועק אויף סקווערן און גאַסן־דראָגן, זינגען אויס גאָטס וואָרט און פליישן זיך ראַטעווען זינדיקע נשמות.

זיינען זיי כמעט אַלע אַלטינקע, גראָאינקע, געקאַרטשעטע. גרילצן זייערע קולות, ווי אַן אומעטיקער קעצישער געיאָמער. שלעפּן זיי זיך כאַליאַסטרעס־ווייז מיט רויטע בענדער אויף שווארצע הוטן. טראָגן זיי אַרום ספּרים'לאַך, פּויקן, פייפלאַך, גראַגערס און צימבלען, פייפן זיי און פּייקלען אויס דעם הייליקן גאָט'ס וואָרט אין שטאָטיקן טומל.

שטעלט זיך אַוועק דאָס הייליקע געזינד, שטייען אַרום די זינדיקע לעמער. צעדראָונט זיך אַן אַלטינקער אויף אַ ציטער־ריקן ציגן־קול, כאַפּן אים אונטער זקנות און הייליקע בתולות. גיט אַ זעץ דער פּויק, גרילצט דאָס פייפל, גלאָצן אויף צום הימל ווילדע צעלאַפּענע אויגן. מישט זיך אַריין די שטאָט, גיט אַ ברום מיט אירע אייזערנע לונגען; ווערן די קולות צע־מישט, צעשפּרינגט זיך דאָס צעטומלטע גאָט'ס וואָרט אין אַלע זייטן...

שרייט אויף די גאַסן דער אַלטער פון זינד, זינגט די זקנה פון ליבע; לערנט די אַלטע בתולה דעם שטאָטיקן פאָלק רחמנות און פאַרגעבונג, מישט זיך אויס תפילה, פּייקל, פייפל, גראַגער און צימבאַל, טראָגן זיך קאַצן־געוויינען צום הימל...

נייען אַרום אין דער זינדיקער שטאָט הייליקע מענטשן, טראָגן זיי דערלייזונג און שטראָף דעם אָרימען עולם, דאַנקען זיי און לויבן גאָט, די מחנה „דערלייזער", די פּרומע „חלליה־זינגער", די שטאָטיקע קעץ, די קעץ...

9

די הענדלאַך.

אַ צייטונגס־רעדאַקציע אין שטאָט. לעבן הויז ליגן אויפ־געוויקלטע פּאַפּיר־קנוילן, ווי ריזיקע ווייסע ציגאַרן. אַרבעטער גייען אַרום, קייקלען אַריין די רונדיקע פּאַקן אין קעלער פון הויז, פון וואַנען ס'דערטראָגט זיך אַ הודזשענדיקער טומל און קלאַפּעריי פון מאַשינען.

אין רעדאַקציע איז „ביזי": ס'ווערן אויפגעכאַפּט דורך דראָטן, ספּעציעלע שלוחים און אויסשניטן פון אַלערליי צייטונגען, נייעס פון גאָר דער וועלט. מאָרדן, גנבות, גזלות, פּאַלשע ליבעס, פייער־בראַנדן, וואַסער־פּאַרפלייצונגען, וועלט־און פּעלקער־פּאָליטיק — אַלץ ווערט אויפגעקליבן צוזאַמען, אַרויפגעצויגן, ווי פּערל אויף אַ שנור און אַרויפגעזעצט אויפ'ן בלאַסן אומשולדיקן פּאַפּיר...

די מאַשינעס שווינגען, ווי די רוחות. זיי שלינגען איין די ריזיקע פּאַפּיר־קנוילן, באַפּאַרבן זיי מיט שורות פּעטינקע, דראָבנע אותיות, צעבראָקן, צעפּערטלען און שליידערן זיי אַרוים אויף צוריק. אַלע מעשה'לאַך זיינען שוין אויסדערציילט אויפ'ן פּאַפּיר און דאַרפן באַלד דערזען די וועלט.

אויף דער גאַס שטייען די צייטונגס־פּאַרקויפער, יונגע אינגלאַך, און וואַרטן. אַלע זיינען אומגעדולדיק פונ'ם נעצוואַונגענעם ליידיק־שטיין און זוכן זיך אוים באַשעפטיקונגען; אייניקע שיסן „קרעפּס", אַנדערע „מעטשן" מטבעות, אַ פּאָר חברה־לייט קלאַמערן זיך איין צוזאַמען און ווילן אַוועקשליידערן איינער דעם צווייטן אויף דער ערד. נאָר אָט קומען אַרוים מע־

נער מיט אָנגעלאָדענע פּעק ציימונגען אויף די אַקסלען. די אינגלאך ווארפן גלייך אוועק זייערע פריערדיקע באַשעפטיגונגען, פליען, ווי יונגע האַסטיקע הענדלאך צו אָנגעשאָטענע קערנער. זיי ליאַרעמען, גוואַלדעווען, שלעפן איינער פון דעם צווייטן, טראָגן פאנאנדער די בערג ציימונגען און לויפן, אוועק, אוועק...

עס קוויטשען אויף אַלע גאַסן יונגע הילכנדיקע הענדלקול'כלאך. זיי דערציילן פון רויב, מאָרד, גנבה, גזלה, רציחה און אַלע ביטערעקייטן פונ'ם מענטשלאַכן מארך. עס קרייען די הענדלאך...

10

דער קראַט.

אַן אויפגעריסענע וואונד אין מיטן גאַס. אַ קיילאכדיקע טיפע גרוב פארשטעלט מיט אַן אייזערנעם פּאַראַוואַן און מיט אַ רויטער פייערדיקער שילד: „דענדזשער“. דערפילסט אַ סכנה, ווערסט נייגעריק און פארקוקסט זיך אַהין, פון וואַנען די סכנה קען קומען:

עטלאַכע חברה־לייט אין גרויסע גומענע שטיוול, שוואַרץ־גלאַנציקע רעגן־מאַנטלען, די קאַפּושאָנען אַרויפגערוקט אַריבער די אויערן, דרייען זיך אַרום, מאַכן די נויטיקע הכנות מיט שטריק און מיט לייטער. זיי קלייבן זיך איצט אין וועג אַריין, אין דער טיפעניש פון אונזערע שטאָטיקע „סוערס“.

טיף אונטער דער ערד שטראָמט די אומריינקייט פון הייזער און גאַסן. אַמאָל טרעפט — די רערן ווערן פארשטאָפּט. דאָס אָנגעקליבענע שליימיקע אָפּפאַל פאַרהאַקט זיך און פארשטעלט דעם וועג פאר נייע לויפנדיקע שמוץ־שטראָמען. אַמאָל פלאַצט אַ רער פון זשאַווער און פון אַלטקייט. אָבער ניט געזאָרגט... אַלץ וועט פאררעכט ווערן. זיי זיינען אַלעמאָל גרייט, זיי היטן און וואַכן די שטאָטיקע קראָטן...

שמוץ און פייכטקייט. אַ טוכלער ריח פאַרכאַפּט דעם אָטעם און פאַרשטיקט אים ביז צום איבל און קאָפּ־שווינדל. דער מאַן אין די גומענע שטיוואַלעס, מיט'ן גלאַנציקן רעגן־מאַנטל, דאָס הייבל אַראָפּגערוקט איבער'ן קאָפּ, לאָזט זיך אַראָפּ טיפער אויפ'ן וועג פון אונטערערדישע קאַנאַלן און צעצווייגטע שמוץ־רערן. עס הילכן פאַרשטומפּטע אונטערערדישע קלעפּ: דאָרט אַרבעטן די קראָטן...

11

די סאָווע.

האָט זיך די שטאָט אויסגעשפּרייט, זיינען אירע פליגלען צעוואַקסן; האָט זי זיך אַ שליידער געטאָן אין אַלע ריכטונגען, פאַרשלונגען נייע פּוסטע שטרעקעס. קענען אהין ניט דערגרייכן קיין מענטשלאַכע טריט, זיינען ענג געוואָרן די גאַסן־וועגן. האָט זיך דער מענטש אויפגעבויט דעם נייעם אונטערערדישן וועג, דעם וועג אין דער פינסטער...

עפנט אויף די שטאָט איר מויל, שלינגט איין און שפּייט אַרויס איר מענטשן־עולם; צייגט אים מיט אַ וואונק פון עלעקטרישן פייער דעם וועג צו איר פאַרפּלאָנטערטע לאַבירינטן; פּאַקט אָן פול שטאָלענע וואַגאָנען; קוויטשען זיי, סקריפּען זיי, טראָגן זיי זיך אַוועק, אַוועק.

לאָזט זיך דער מענטש אַראָפּ אונטער דער ערד, פאַרכאַפּט אים דער חושך, צעדריקט אים די איינזאַמקייט, שטיקט אים צונויף דער ענגער שטח, איינגעצוימט אין שטיינער און שטאָל. פאַרלירט ער זיין ווילן, גיט זיך איבער דעם אימפּעט; עפנט ער פאַנאַנדער די אויגן און באַמערקט די איינזאַמע סאָווע אין שטייג...

זיצט אַ מאַן אין ביידל. אַרום אים אונטערערדישע גראָקיִים. קוקט ער דורך אַ פענסטער, איז דער פענסטער מיט גראַטעס באַשלאָגן. אויבן אויף אַ לייסט ברענען אַ פּאָר פייערלאַך.

בליצן זיי, טוקן זיך, קוקן אין פינסטערע ווינקלאך, ווי אויגן פון א ביינאכטיקער סאווע.

זיצט ער דארטן שטענדיק. זיין פנים בלאס, די נאז אויס־געצויגן, די אויגן פארכמורעט. איז זיין טאג, ווי די נאכט. די נאכט־שאטנס פון אונטערערדישן חושך. ציען זיך פארביי אים שורות מענטשן. הייבט קיינער ניט אויף דעם קאפ, באגריסט אים ניט קיינער. ריכט ער אוים דעם שטאטיקן עולם אויפ'ן פינ־סטערן וועג.

זיצט א מאן אין א שטייג. רינגלט אים ארום דער חושך, בליצן איבער אים קאלטע אומרואיקע פייערלאך. טיילט ער אוים קוויטלאך, בייט מטבעות, ארבעט ער, דער אונטערערדישער „טיקעט“־פארקויפער, די סאווע, די שטאטיקע סאווע...

21

דער נאכטיגאל.

א פרילינג־אוונט אין א געשעפט גאס פון שטאט. דער נאכטיקער טומל איז נאך פריש, די שפאנענדיקע טריט ניט אויסגעמאטערט און די בלאנדזשענדיקע ווינטלאך, אנגעקומען פון ווייטע פעלדער און וועלדער מישן זיך אויף מיט'ן קינסטלאך־פארפומירטן שטאט־אטעם און שאפן א שארפן פאר'שיכור'נדיקן באזויפנדן געטראנק.

אינ'ם ליכט פון בריליאנטענעם פייער שווימט ארום אן עולם. וואס פאר א וואונדערלאכער איבערגוס פון קאלירן: בלענדיק־ווייס, הימל־בלוי, בלאס־געל, פורפור־רויט. ס'שווענקען זיך פארביקע ליניען, ס'שפריצט א געפינטלטער שטראם און דער עולם קרייזט זיך ארום די עלעקטרישע וויים־פייערן, ווי א געפלינגלטע מחנה פלאטערן.

פענסטער אויסגעפוצטע בליצן מיט ביטרע־ווינקענדיקן ליכט: „קום צו אונז! קריגסט אלץ, וואס דיין הארץ גלוסט“.

קוקן אַריין אויגן און פלאַמען אויף גרין. שטראָמען מענטשן אין דִי געוועלבן און מען טראָגט פון דאָרטן פעק און פעקלאַך.

אויפ'ן ראָג גאַס שפּילט אַ מאַן אויף אַ פידל. אַן אַלטער, אַ צעטרייסלטער מיט אַן אַרויפגענייטן אויפשריפט אויף זיין היטל: „איך בין בלינד". האַלט ער דאָס פידל אין די צעטריקנטע הענט, פירט אום מיט'ן סמיטשיק און קוקט זיך אַרום מיט אומזעענדיקע ווייסע אויגן. די טענער רייסן זיך אַרויס פונ'ם גאַסן־גערודער און קוויטשען אָפּ, ווי טרעלן פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן מאָדנעם פויגל.

גייען פאַרביי מענטשן. וואַרפט מען צו איםו אין טעצעלע אַריין כל־ערליי מטבעות. קלאַפּן זיי זיך אָפּ איינע אָן די אַנדערע, קלינגען טרוקן מיט אַ הילך. זעט גאָרנישט דער גאַסן־שפּילער: קיין פנים, קיין פאַרב, קיין באַוועגונג, שפּירט ער נאָר די וואַרימע ווינטלאַך, וואָס פאַרבלאָנדזשען אַהער פון ווייטע פעלדער. רירט זיך זיין בויגן איילנדיק, צאַפּלען די סטרונעס ווייטאָקדיקער. שטייט ער שעה'ענווייז און שפּילט, דער בלינדער גאַסן־מוזיקאַנט, דער שטאָטיקער נאַכטיגאַל, דער נאַכטיגאַל...

13

דער מוראַוויינִיק.

פאַרנאַכט. די אָוועקגייענדיקע זון שפּריצט מיט קרומע שטראַלן און צינדט אָן מיט קופּער־ליכט די פענסטערלאַך פון די „הימל־קראַצערס" און די שאַרפע שפּיצן פון געטורעמטע בנינים. אויף די גאַסן ליגט אומעט און מידקייט. דער אורמעט פון פאַרנאַכטיקע שאָטנס; די מידקייט פון אַ שטאָט, וואָס האָט אויסגעברויזט אירע כחות, וואַקלט זיך אויף די פיס אַ פאַרחלש'טע און דערוואַרט דאָס אָנקומען פון דער נאַכט מיט בענקעניש און מרה־שחורה.

עס צינדן זיך אָן פייערלאַך. אַ פריער איינציקע, געציילטע;

נאָכדעם כאַפּן זיי זיך אַרום אין אַ קרייז, בליצן אויף אויף די גאַס־ראָגן און נעמען אַרום די גאַנצע שטאָט מיט אַ רויט־פינקל־דיקער בלוטיקער שטענגע.

ס׳הודזשעט אָפּ אַ טרובע. ס׳כאַפּט איר אונטער אַ צווייטע, אַ דריטע, באַלד קומען צו נאָך און נאָך. עס וויקלען זיך די קולות צונויף, פאַרהילכן די גאַסן, פאַרליאַרעמען די שטאָט, זאָגן אָן, אַז דער טאָג אַרבעט איז שוין צום סוף, אַז די שעה פון רו האָט געשלאָגן.

די שטאָט ווערט ווייטער אויפגעלעבט. אַ געדיכט־שוואַרצע מאַסע שפּאַרט אַרויס אויף דער גאַס. דאָס מוראַשקע־געזינד פּויזעט פּאַנאַנדער און שטופּט זיך. דרייט און שלענגלט זיך, הויבט זיך אויף דאָ און פאַלט אָפּ דאָרטן, צעקריכט און ווערט ווידער געבוירן, פאַרפלייצט אַלע גאַסן און טראָגט מיט אַ שטייגנדיקן אימפּעט אַלץ ווייטער און ווייטער.

עס אײַלט אַהיים נאָך אַ טאָג אָנשטרענגונג און אַרבעט דער בויער פון שטאָט, דער שאַפער פון לעבן; צו זיך אַהיים, אין שטילן ווינקל, צום טעלער זופּ, צום וואַרימען בעט, צום געשמאַקן געניץ. פאַרגעסן דעם טאָג, אָפּרוען די נאַכט, אָנקלייבן כחות פאַר נייער מאָרגנדיקער אַרבעט. עס ציט אַהיים דער שטאָטיקער אַרבעטער, עס רוישט דער מוראַוויניק...

דער דערפינדער

שפעט ביינאכט. א קנייטל אין א בוימל־שיסעלע קנאקט, צעשפרייט זיך מיט טרעשטשענדיקע גלי־פונקען, באלייכט אויף א ווײלע דעם גאנצן צימער און הויבט זיך ווידער אָן צו טוקן. עס שווימען בּיסלאכווײז ארום די קאָנטורן פון א הילצערנעם רוי־געמאכטן ראַם, וואָס פארנעמט כמעט דעם גאנצן צימער. דער פלאכער ראַם ליגט אויסגעשפרייט אויף פיר דיקע פיס־לאַך, וואָס זעען אויס אין דער נאכטיקער שאָטנקייט, ווי שווארצע לאַפּעס פון א ריזיקער טיף־פארטיעטער באַשעפעניש.

פון מיטן ראַם שטעקט ארויס א רונד־געשניצטער שטעקן. די געשניצטקייט האַקט זיך אָפּ און גייט אריבער אין א טיף־געקארבטן שרויף, איינגעפּאַסט אין א צווייטן, שוין היבש־קלענערן ראַם, וואָס ליגט ווי א דעכל פון אויבן אָנגעשפּאַרט אויף צוויי זײלן. אַן אומגעלומפּערט הענטל שטעקט ארויס פון מיטן שטעקן. א האַנט בלאַסט זיך אין דער טונקלקייט, דרייט דאָס משונה׳דיקע הענטל אהין און אהער, פארקוועטשט שטייף די שרויף־קארבן און לאָזט זיי מיטאַמאָל אָפּ אויף צוריק. די פינגער ארבעטן שנעל־שנעל. זיי שפּיגלען זיך אָפּ אויף דער באַשאָטנטער וואַנט און טאַנצן דאָרט פלינק ארום, שווארצע, פעטע פיגורקעלאַך, אין משוגע׳נער אומרו.

ס׳ארבעט אין דער שווארצער נאכט דער דערפינדער יאָאַן גוטענבערג. ער איילט זיך איצט פארענדיקן דאָס ערשטע בוך, אויף זיין ניי־דערפונדענער דרוק־מאַשין. דאָס בוך איז שוין כמעט אינגאנצן פארטיק. אָט, נאָך עטלאכע געציילטע בויגנס פּאַפּיר און די ארבעט איז פארענדיקט. דאָס בוך וועט דערזען די ווייסע וועלט און וועט זיך ארייַנרייסן אין טויזנטער פאר־

חושכ'טע היימען. מענטשן וועלן זיך קוויקן מיט'ן נייעם, נאָך ניט געזעענעם, געדרוקטן וואָרט און זיי וועלן אויך דעם דער־פינדער'ס נאָמען מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט דערמאָנען.

א גליקלאַכער שמייכל צעשטראַלט זיך אויף יאָאַנ'ס אָס־קעטישן פּנים. ער קען דאָס פאָלק, ער האָט מיט אים צו־זאַמען געלעבט, געליטן זיין צער און קען זיך איצט אויך פרייען מיט זיין נצחון. פון זיין פריעסטער יוגנט האָט יאָאַנ'ען א וואַנ־דערלוסט פאַרכאַפּט. און האָט אים, ווי א פּילקע, איבער דער וועלט געוואָרפן. ער האָט דורכגעקרייצט די וועגן פון איטאַליע, שווייץ, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און האָלאַנד. ער האָט באַ־זוכט די היים פון דעם מור, דאָס לאַנד פון דעם סאַראַצינער. אַלץ, וואָס ער האָט אויף זיין לאַנגן וואַנדער־וועג געזען, האָט זיך צונויפגעשמאָלצן אין איין שרעקלאַכן קאָשמאַר־בילד, וואָס שטייט אים שטענדיק פאַר די אויגן: ער זעט א קנוילנדיקן וואָרים, וואָס קאָרטשעט זיך פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן. דער וואָרים איז גליטשיק, קאַלט, בלינד און פילט, דאַכט זיך, ניט קיינע ווייטאָקן. ער איז אַבער אַזוי עקלדיק אין זיין קאַלט־קייט און שרעקלאַך אין זיין בלינדן קאָרטשען זיך. אויפ'ן וואָ־רים'ס בויך טאַנצן אַרום פּיס. זיי רייבן זיך אַריין מיט די קנאַפּלען טיף אין ווייכן פלייש און האָבן דערפון, קענטיק, גרויס הנאה; וואָס ווייטער ווערן זייערע טענץ פאַרשייטער, זייערע קלעפּ הילכיקער. גוטענבערג באַשטימט ביי זיך צו ווערן דער ריטער פון ליכט. דאָס וואָרט פון וויסן, וואָס האָט ביז איצט געהערט צו איינציקע גליקלאַכע, מוז ווערן דאָס אייגנ־טום פונ'ם גאַנצן פאָלק. ער, דער נייער ריטער פון ליכט, מוז זען, אַז דאָס סודות'דיקע וואָרט זאָל אַריינדרינגען צום בלינדן, געפאַלענעם פאָלק, אויפעפענען זיינע אויגן און אויפוועקן זיין האַרץ. דאָס פאָלק וועט דערפילן זיין שאַנד, זיין ווייטאָק און געפאַלנקייט, ס'וועט ווערן אויסגעלייטערטער, ליידנדיקער און במילא, שוין אויך גליקלאַכער...

ניט לייכט איז אים אָנגעקומען ביז וואַנען ער האָט דאָס

וואָרט „י ו ר ע ק א“ געקאָנט הויך, אויפ׳ן קול, ארויסשרייען. ער האָט א לאנגע צייט געארבעט, געשניצט און געבראָכן, געבויט און צעשטערט. אָט, דאכט זיך, און דאָס, וואָס ער זעט שטענדיק שוועבנדיק פארביי זיינע אויגן, ווערט שוין אויפגעכאפט און פארקערפערט אין האָלץ און אין אייזן. באלד אָבער טוט זיך עס וויג און א שווינדל, פאלט אריין אין אָנמאָסיקן פוסטקייט־תהום און פארשווינדט ווי קיינמאָל ניט געוועז. געוועזן א צייט, ווען ער האָט זיין אייגן־לייב מיט די נעגל געקרעלט, הילכיק זיך אליין אין די באקן געפליאסקעט און צופנדיק די האָר פון קאָפּ, מיט שוימיקע פאר׳סמ׳טע ליפן זיינע דורכפאלן מיט ליידנשאפט באגריסט. ער פלעגט מיט זיך אליין זיך דאמאָלסט רייצן: „א־נו, דו דערפינדער, מענטשן־רעטער, באווייז אקאָרשט דיינע מעגלאכקייטן. קענסט ניט ? דערפאָר ביסטו אזוי אויפגערעגט ? אויפרעגונג און כעס געהערן נאָר צו צווייפלער, דו ביסט אויך איינער פון זיי ? שאפנדיקע מענטשן צווייפלען ניט, זיי גלויבן אין זיך, גלויבן אין זייערע כוחות און דערפאר זיינען זיי אלעמאָל שטאָלץ און רואיק. דו האָסט זיך נאָר אן אוממעכטיקן געץ פון דיין קאָפּ אויסגעטראכט. נעם אים און צעברעך, כאפ גיכער א האמער און צעברעקל אים אויף שטיקלאך, איידער דו וועסט פון זיך אליין, פון דיין הילפלאָזיקן גולם, זיך הויך צעלאכן“. ער האָט טאקע פיל מאָל ניט אויסגעהאלטן, געכאפט דעם ראם און צעפיצלט אים אויף שטיק־שטיקלאך. באלד אָבער האָט ער אין אומרואיקייט א צווייטן ראם געמאכט, א דריטן, א פערטן, ביז וואנען ס׳איז צו אים איינמאָל די פרייד פון דערגרייכונג געקומען און ער האָט זיך פאנאנדערגעלאכט מיט א ליכטיקן קינדערשן שמייכל...

איצט ארבעט ער שוין, א פארשלאָסענער אין זיין איינזאמן צימער א לאנגע צייט נאָכאנאנד. ער ציטערט, טרייסלט זיך אויף יעדער מינוט, ווי א קארגער אויף זיין זאק רענדלאך. די פינגער שפרינגען ארום, צאפלענדיק־נערוועז, אויפצוכאפן

די שריפט און אריינצופאסן זיי אין ראם. זיין פנים לאנגלאך, אויסגעצערט איז דורכזיכטיק־בלאס. נאר די אויגן, טיף אריינגעזעצט אין זייערע לעכער, אונטערן צודעק פון שטרענגע, אויסערגעוויינלאך לאנגע וויעס, גלאנצן מיט אן אומנאטירלאכן ליכט: צוזאמען מיט א שעפסענער מילדקייט, צינדט זיך אין זיי אן א הארט־שטאלענער גלאנץ, צינדט זיך אן אויף א ווײַלע און ווערט גלייך פארלאשן: אויסלעשנדיק זיך ווערט די בלאסקייט אויפ'ן פנים דורכזיכטיקער, די מידקייט — קנייטשן שארפער און קענטיקער.

דער זייגער כארכלט אויס עטלאכע אומבאשטימטע קלאנגען. די שטאק־פינסטערניש פון דער נאכט רוקט זיך אן אויפ'ן טונקל־באלויכטענעם צימער אלץ כמורנער און דראעט אים פון אלע זייטן. גוטענבערג לאזט זיך אראפ אויף א באנק אן אויסגעשעפטער,ווארפט אראפ דעם אויסגעמאטערטן קאפ אויף די אויסגעשטעלטע דלאניעס. די ברעמען הייבן זיך אן געשמאק צו קלעפן. דאך קעמפט ער קעגן שלאף מיט אלע כוחות: איין מינוט אראפ'גנב'ענען, א צווייטע, א פאר מינוטן פון זיצן, רוען און גארנישט טאן. נאכדעם צוריק, צוריק צו דער ארבעט, מיט אימפעט, מיט האסט, ביז'ן רעכטן סוף...

עפעס הערט ער א שטימע. די שטימע קומט פון יענעם קאסטן, וואו אין קליינע, אפגעצאמטע קעמערלאך ליגן אנגעווארפן דאס בלייענע שריפט. אזא קול האט נאך יאאן גוטענבערג קיינמאל ניט געהערט. ווייך, גלעטנדיק, מעלאדיש און שטילשטיל. ער צעגיסט זיך, ווי זיס־זאפטיקער ווײַן און קרייזלט דאס בלוט מיט א קוועלנדיקער ווארימקייט. גוטענבערג הערט זיך אנגעשטרענגט צו און זיינע ליפן ציטערן ווי אנגעצויגענע סטרונעס.

„לויב און רום דעם דערפינדער גוטענבערג'ן! ער האט גרויסע זאכן אויפגעטאן. זיין נאמען וועט פון קומענדיקע דורות מיט ליבע און שטאלץ דערמאנט ווערן און מיט יראת

הכבוד וועט מען זיך אויף די קני פאַר אים וואַרפן. די שאַנד פון אומוויסנקייט האָט ער פון דער וועלט אָפּגעמעקט, די קללה פון ניט־גלייכקייט אויף אַ ברכה פאַרביטן. פון היינט אָן און ווייטער וועט זיך דאָס וואָרט פון וויסן, ווי אַ וואַסער־פלייץ איבער דער וועלט צעגיסן און אַריינדרינגען אין יעדן לאַנד, אין יעדער שטאָט, אין שטאָלצן פּאַלאַץ און אין דער געהויקערטער באַלופּקע. דאָס אייגנס פון געצײלטע וועט ווערן אַ געווינס פון אַלעמען. אַ פּלאַם, געצונדן אין איין איינזאַמען ווינקל, וועט זיך מיט אַ בליץ־שנעלקייט איבער דער גאַנצער וועלט אין ראַקעטן צעגליען. מענטשן, יונג און אַלט, דאָס קינד אויף זיין שול־בענקל, דער אַלטער ביי זיין קבר־ראַנד, וועלן דאָס בוך אין האַנט קריגן. געדאַנקען־קערנער וועלן זיך אין גן־עדנ׳ס צעבליען, מענטשן וועלן ווערן ערלאַך, קלוג, וויסנדיק און גליקלאַך, גליקלאַך״...

ס׳ענטפערט אַ צווייטע שטימע פון די קאַמערלאַך מיט אָנגעוואָרפענעם שריפט. האַרטלאַך איז דער קול, נאָר טיף־ערלאַך, ניט זינגענדיק, נאָר אָנגעזאַפּט מיט אַ פאַרשטיקטן טרויער. ער גלעט ניט און דאָך קריצט ער זיך אַריין טיף אין האַרצן, מישט אויף די בלוטן און גיסט זיי אָן מיט אַ שאַרפן באַדויערונגס־פּיין.

„זאָל זיך גוט אַרומקוקן דער דערפינדער יאָאַן גוטענבערג און זען, וואָס ער האָט געבראַכט אויף דער וועלט ! ער האָט געוואָלט באַגליקן די מענטשן און האָט אין זיין בלינדקייט אַ גיפטיקן שלאַנג אויף דער פריי אַרויסגעלאָזט. פאַרקרעציקט איז נאָך דעם מענטשנ׳ס גייסט, גיפט און גאַל גיסט זיך אין זיינע אָדערן און זיינע געדאַנקען זיינען ווערמדיק, פאַרדאָרבן און פאַלש — פאַלש. דאָס וואָרט פון וויסן וועט גאָר גיך אין אַ וואָרט פון פאַלשקייט פאַרביטן ווערן. דער פאַרקנייטשטער דענקענדיקער שטערן וועט שווינדל און באַטרוג פון זיין מאָרך אַרויסקוועטשן, וועט עס מיט זיסן סם גוט אויפמישן

און מיט א חנ'עוודיקן שמייכל דעם אייגענעם ברודער טרינקען דערלאנגען. פארשטיקטע בייזע געדאנקען וועלן זיך שליימיק אויף דער וועלט פאנאנדערגיסן. היט זיך, דו אומגליקלאכער דערפינדער! געדאנקען זיינען אנשטעקנדיק. זיי וועלן דאס פארבליבענע, ריינע, נאך ניט־גערירטע מיט זייער שמוץ און גאל אויף אייביק פארטרינקען".

..

גוטענבערג האט זיך געגעבן א כאפ אויף פון פלאץ. זיינע פלאקסענע האר־לאקן האבן זיך ווילד צעטשוועקלט אין דער לופטן. מיט אויפגעריסענע בלוט־פארגאסענע אויגן האט ער צע־טומלט געקוקט אין אלע זייטן. ער איז צוגעפאלן צום ראם און, ווען איין האנט, א נערוועזע, א טרייסלענדיקע, האט ליידנ־שאפטלאך געצערטלט און ארומגענומען די הילצערנע טיילן, האט שוין די צווייטע האנט, א פארשטייפט־שטיינערדיקע, געפאכעט מיט א האק, גרייט צוצעברעכן די גאנצע מאשין אויף שטיק־שטיקלאך...

און ס'האט זיך דערהערט א דריטע שטים. דאס מאל שוין פון די טיפענישן פון דער דרוק־מאשין אליין:

„פאל ניט אראפ ביי זיך, יאאן גוטענבערג, און פארליר ניט דיין מוט. גיי אן מיט דיין ארבעט און דערפיר זי ביז'ן סוף. דיין דערפינדונג איז גרויס און וועט זיכער פיל נוצן ברענגען. ס'איז אויך אמת, אז זי וועט אויסגענוצט ווערן ווי א געצייג אין די הענט פון פאלשע און פארדארבענע. געפאנגען וועט ווערן דיין ליכטיקע דערפינדונג. א מבול פון האס, בראנד, טעמפקייט, נארעריי און חניפה וועט זי דורות לאנג נאכאנאנד אויף דער וועלט ברענגען. ניט איינער וועט פארבייטע פויסטן אנטקעגן דיין מאשין אויפהויבן און נאכשיקן טויטע פלוכיקע קללות צו דיר אין קבר אריין. דאס איז אבער דיין גורל, יאאן גוטענבערג. נעם אים צו, פארביים די ליפן און גיי אויף דיין וועג ווייטער.

זיי ווייסן אז גליק גייט נאך אין די טריט פון אומ־

גליק, ליכט ברענגט שאָטנס, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע זיינען ענג פאַרבונדן און געפלאָכטן צוזאַמען. דאָס באַפרייטע וואָרט וועט איצט צווישן זיך אליין אַ מלחמה אויף לעבן און טויט פירן. ס'וועט זיין אַ שטערן־גלי דאָ און און בראַנ־דיקע פלאַמען אויף אלע זייטן, איין העלער, ציטערדיקער פינקל צווישן טויזנטער רויכערדיקע האַלאַוועשקעס. אויב דו גלויבסט שטאַרק, אויב דיין ערדיש אויג קען אַריינקוקן אין דער ווייטער צוקונפט, ווען ס'וועט זיך פאַנאַנדערטיילן דאָס גוטע און שלעכטע, דאָס ליכט און שאָטן, דער האָניק פון זיינע גיפ־טיקע בינען, דאַמאָלסט וועסטו זיך באַרואיקן, אַראָפּטרייסלען דיינע שוואַרץ־וואָלקנדיקע ספקות און מיט זיכערע טריט גיין דער צוקונפט אַנטקעגן"

די האַנט מיט דעם פאַרשטייפטן האַק האָט זיך ביסלאַכ־וויִז אַראָפּגעלאָזן. אַ שאַרפער קנייטש האָט זיך איינגעקאַרבט אין יאָאַנ'ס בלאַס דורכזיכטיקן פנים, און ס'האָט זיך אויפ'ן פנים אויסגעגאָסן אַ נייער אויסדרוק, אַ טיפער, אַ פאַרשלייער־טער. מען האָט ניט געקענט וויסן, צי דאָס איז שטילע פרייד אָדער פאַרביסענער ווייטיק. גוטענבערג האָט טיפער אַראָפּגע־בויגן דעם רוקן, די פינגער האָבן זיך נערוועז פאַנאַנדערגעטאַנצט. ער האָט זיך צוריק גענומען צו דער אַרבעט.

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No.
COOPERATIVE ASSOCIATION